אונדזער לאָדזש

יערלעכע אויסגאַבע פון לאַנדסלייט פאַריין פון לאָדזש און אומגעגנט



◆

זיכרוינעס און
פאַרצייכענונגען
װעגן לאָדזש
און די אַרומיקע
שטעטלעך

◆

נומער 2
נאָוועמבער 1951
בוענאָס איירעס

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

אינהאַלט:

פּ. ק—י / „אונדזער לאָדזש" — 3
ל. מילער / לאַנדסלייט (ליד) — 6
כיל ראָזען / דער לאָדזשער שאַכער־מאַרק — 7
ש. מילמאַן / לאָדזש אין איר ערשטן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד — 11
מוישע דאָוויד גיסער / לאָדזש מיט איבער פערציק יאָר צוריק 16
אַלעקסאַנדער קלוגמאַן / ווידערשטאַנד אין לאָדזשער געטאָ — 19
י. א. ראָנטש / לאָדזשער קוימענס (ליד) — 21
הילעל גאָלדרינג / אַ שפּאַציר איבער באַלוט — 22
י. י. טרונק / פּערעץ אין לאָדזש — 24
י. ל. פּערעץ / וועבער ליבע — 26
פון מאַרים מענדזשיצקיס אַלבום (צייכענונגען) — 29
מ. ל. מאַנדראָוויטש / די קינדער־היים אין באַלוט — 30
מ. פלאַמבוים / די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע באַוועגונג אין אַרגענטינע — 32
מאַרי גאָלד / פּערעץ־באַלאַדע 1951 (ליד) — 36
א. וואָלף יאַסני / אין די שווערע יאָרן פון רומקאָווסקי אין ליצמאַנשטאַט — 37
מאַקס ראַשער / לאָדזשער לינאָם האַצעדעק — 41
אויפרופן אין לאָדזשער געטאָ — 44
לעאָן פּאַגיעל / די לאָדזשער אומגעגנט — 46
מאַרי גאָלד / די פּערל פון לינאָם האַכוילים — 48
פּ. גאָלוב / דאָס ייִדישע לעבן אין נייַעם לאָדזש — 51
גינאַ מעדעם / מייַן אַקטיוויטעט אין לאָדזש — 54
א. וואָלף יאַסני / ייִצחאָק קאַצענעלסאָן אין לאָדזש — 57
לאָניאַ בימקאָ / קלעפּסידרע — 58
א. אייזענבאַך / די ייִדישע ליטעראַריש־קינסטלערישע מישפּאָכע אין לאָדזשער געטאָ — 60
מוישע דאָוויד גיסער / באַלוט—לאָדזש אין 1905 (2 פראַגמענטן) 62
ראָכל אויערבאַך / די לעצטע טעג פון הערשעלע (דאַניעלעוויטש) 63
מ. פלאַמבוים / עפּיזאָדן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע — 67
לאָניאַ בימקאָ / גיטעלע — 72
דר. מאַרק דוואָרזשעצקי / געדענק! — 74
פּ—ק / אַרטור שיק — 75
ייִצחאָק הערש מאַנדראָוויטש / דער בלוטיקער דאָנערשטיק אין לאָדזש — 76
א. לאַנדסמאַן / אַדאָלף ווייכמאַן — דער לאָדזשער קעמפער און פּאַרטיזאַן — 79
כאַיִם בער ראַשער / די לאָדזשער כעוורע „נויסיי־מיטע" — 80
מייער הערשקאָוויטש / אין יענע יאָרן... — 84
ז. ה. איזואַן / אַרכיוו־דאָקומענטן פון לאָדזשער געטאָ — 85
דער לאָדזשער גיבער (לאָדזשער פאָלקס־ליד) — 86
מ. פלאַמבוים / דער זעקסטער טעטיקייטס־פּעריאָד פון אונדזער פאַריין — 88
ה. מ. יאַקובאָוויטש / די לייַ־קאַסע באַם לאַנדסלייַט־פאַריין פון לאָדזש און אומגעגנט — 91
אָפּרופן וועגן ערשטן נומער „אונדזער לאָדזש" — 92
"NUESTRO LODZ" 114

רעדאַקציע־קאָלעגיע: ל. פּאַגיעל, מ. פלאַמבוים און כ. ראָזען
טעכנישער רעדאַקטאָר: פּ. קאַטאָווסקי

אונדזער לאָדזש

יערלעכע אויסגאַבע פון לאַנדסלײַט פאַריין פון לאָדזש און אומגעגנט

נאָוועמבער 1951 — נומער 2 וואַלענטין גאָמעז 3243 — בוענאָס אײַרעס

„אונדזער לאָדזש"

> „מיר מוזן זיך אויפצוקלײַבן יעדע קולטור־פלאַנץ, יעדע קולטור־בלום און דאָס אויסקריצן ווי אַף אַ קאָלעקטיווער מאַצייווע. מיר בלעטערן אַלטע צײַטונגען, זוכן אין אַרכיוון, נישטערן אין די זיכרוינעס פון די לעבנסגעבליבענע לאָדזשער ייִדן. מיר נוצן אויס אַלע קוועלן, וואָס מיר ווייסן נאָר און קאָנען געפינען".
>
> ייִצכאָק גוטערמאַן

צוריק מיט זעקס יאָר, ווען עס איז געלייגט געוואָרן דער גרונדשטיין פאַר אונדזער לאַנדסלייט־פאַריין, און עס זיינען קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרן די צילן און אויפגאַבן פון פאַריין, איז זיכער קיינעם פון די גרינדער נישט איינגעפאַלן איינצושליסן פאַרלעגערישע טעטיקייט, אָדער דאָס אַרויסגעבן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע.

אָבער דאָס וואָס עס איז נישט אָנגעצייכנט געוואָרן אין די סטאַטוטן פון פאַריין איז אַרויסגערוקט געוואָרן פונעם לעבן אַליין און פון די נויטן וואָס די מילכאָמע־ווירקלעכקייט האָט אָנגעצייכנט.

דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך דאַן געפונען ווי נאָך אַ סרייפע. אַ סרייפע פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס קיינער — אַפילע נישט די טייוולשסטע פאַנטאַזיע — וואָלט זיך עס נישט געקענט אויסמאָלן. מיר, די איבערגעבליבענע, די קליינע טייל פון שעיירים האַפּלייטע, האָבן אָנגעהויבן צו נישטערן און זוכן צווישן די איבערגעבליבענע האַלעוועשקעס סימאָנים, וואָס זאָלן דערציילן וועגן די מיליאָנען לעבנס, וואָס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן; שפּורן פון דעם דורעס־לאַנגן איינגעזעסענעם ייִדישן לעבן וואָס איז פאַרלענדט געוואָרן פון פייער; וועגן דעם בלוטיקן, אויסזיכטלאָזן, פאַרצווייפלטן און העלדישן געראַנגל פון אונדזערע אייגענע, וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון פייער.

צום באַדויערן, אָבער, זיינען זייער ווייניק סימאָנים געבליבן, און נאָך ווייניקער געפונען געוואָרן. מיר האָבן זיך אָבער דערפרייט איבער יעדער שפּור און איבער יעדן זייכער.

מיר האָבן דערפילט, אַז דאָס איז איינע פון די הויפּט־אויפגאַבעס, וואָס שטייען פאַר דער טייל ייִדישער וועלט, וועלכע איז נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פלאַמען, אָדער ניצל געוואָרן פון זיי, כוץ, פאַרשטייט זיך, די רעטונגס־ און הילפס־אַקציע פאַר די לעבנסגעבליבענע.

אַזוי אומעטום, אין אַלע עקן וועלט, און אַזוי האָבן געפילט די לאַנדסלייט פון אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן דורך דעם סוינע, אָדער געליטן פון כורבן און צעשטערונג.

אויך אונדזער היימשטאָט לאָדזש האָט געטיילט דעם זעלבן גוירל. און עס האָט דאָך אַנדערש נישט געקענט זיין. האָט זיך דאָך לאָדזש געפונען אין סאַמע מיטן פייער; האָט דאָך אונדזער שטאָט פון קוימענס און רויך פאַרנומען דאָס צווייטע פּלאַץ אין דער פאַרמילכאָמעדיקער פוילן, און אינעם יידישן לעבן פון פוילן.

איז גרויס געווען דער כורבן פון יידישן לעבן אין אונדזער היימשטאָט — אַריבער 200 טויזנט פאַרשניטענע לעבנס — און גרויס, אומענדלעך גרויס — דער וויטיק און פיין פון די איבערגעבליבענע, וועלכע קלאַמערן זיך אין יעדער אָנדענק, וואָס דערמאָנט זיי וועגן זייערע אייגענע, וועלכע זיינען אַזוי אַכזאָריעסדיק פאַרשוונדן געוואָרן.

און פון צווישן האָלעוועשקעס און אַש, און נאָך מער פון אַרכיוון און פערזענלעכע זיכרוינעס קומט אַרויס דאָס בילד פון אונדזער היימשטאָט לאָדזש; דאָס בילד פון איר שוימעוודיק לעבן; פון דעם רייכן און פאַרביקן קולטור-לעבן; דאָס שווערע און הערלעכע לעבן פול מיט קאָרבאָנעס-גרייטקייט און דערהויבנקייט פון אירע באַוווינער; זייערע טנועס, געוווינהייטן, מינהאָגים און פירונגען; זייערע פריידיקע מאָמענטן און מאָמענטן פון געראַנגל און קאַמף פאַר אַ שענער און בעסער לעבן אַלס ייד און מענטש. און עס וויל זיך פאַרייביקן דאָס דאָזיקע בילד, עס פאַרצייכענען לעדורעס, אַזוי ווי מיר געדענקען עס, אָדער לויט דעם ווי עס דערציילן די ווייניק איבערגעבליבענע און ווייניק געפונענע דאָקומענטן און סימאָנים.

אָט די אויפגאַבע פון רעסטאַווירן און אויפשטעלן אַ דענקמאָל דאָס פאַרשניטענע און פאַרשוואונדענע לעבן פון דער גרויסער לאָדזשער איידע און פון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע זיינען געווען אַ טייל פון לאָדזש, האָבן מיר דערפילט און דאָס האָט אונדז אָנגערעגט אַרויסצוגעבן דעם ערשטן נומער „אונדזער לאָדזש", וואָס איז געווען אונדזער ערשטער פרווו און שריט אַף דעם געביט.

מיר שאַצן נישט איבער די באַדייטונג און די דערגרייכונגען פון אונדזער ערשטן נומער. מיר ווייסן וואויל, אַז די ערשטע אויסגאַבע אונדזערע קען בלויז גילטן ווי אַן אָנהויב — אַפילע אַ געלונגענער אָנהויב — אָבער אַן אָנהויב איז נישט קיין מאָס צום שאַצן און אָפּשאַצן.

אָט דער ערשטער פרווו אונדזערער האָט אָבער ווי אויפגעעפנט פאַרבאָרגענע קוואַלן פון דערינערונגען, וואָס האָבן אַ פלייץ געטאָן און בעטן זיך פאַרצייכנט צו ווערן.

אָט דער אימפּולס, און דערצו נאָך די אָפּרופן, וועגן אונדזער ערשטן נומער, וואָס באַקומען זיך פון אַלע עקן וועלט ווו עס געפינט זיך אַ לאָדזשער, האָבן אונדז אָנגערעגט פאַרצוזעצן מיט דער אָנגעהויבענער אַרבעט.

און טאַקע ווי אַ העמשעך באַטראַכטן מיר דעם צווייטן נומער „אונדזער לאָדזש", וואָס מיר געבן איצט איבער אונדזערע לאַנדסלייט.

⁂

אָן פּרעטענזיעס צו שאַפן ליטעראַטור צי געשיכטע זיינען מיר צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. מיר ווייסן וואויל, אַז אָן דער געהעריקער צוגעגרייטקייט, נישט באַוואָפנט מיט מאַטעריאַלן און וויסן, און נישט זייענדיק באַרופן דערצו קען קיין געשיכטע נישט געשאַפן ווערן. מיר זיינען אָבער זיכער, אַז ווי מאַטעריאַל פאַר דעם צוקונפטיקן געשיכטע-שרייבער וועלן יאָ דינען די פאַרצייכענונגען און פערזענלעכע זיכרוינעס פון אונדזערע לאָדזשער, אַרויסגעבראַכטע אין „אונדזער לאָדזש".

עמעס, דער היסטאָריקער פון דעם אָפּגעווישטן און כאָרעוו־געוואָרענעם ייִדישן לעבן אין פּוילן, וועט נישט טרעפן אין אונדזער אויסגאַבע די גענויע דאַטן און דאָקומענטן קעדיי אויפצושטעלן זיין ווערק. ער וועט אָבער דאָרט טרעפן אַזוינס וואָס עס איז שווער צו געפינען אין אָפיציעלע דאָקומענטן צי כראָניקעס. ער וועט דאָרט טרעפן אַן מאָס ליבע און פאַרערונג צו אונדזער היימשטאָט און בענקשאַפט אָן שיר; בענקשאַפט צו דער לאָדזש פון אַלע צייטן, סיי בעיים די שווערע יאָרן פון הונגער און קאַמף און סיי בעיים די יאָרן פון וווקס און אויפשטייג.

די מאַטעריאַלן וואָס ווערן דאָ געבראַכט קענען טיילווייז פאַרעכנט ווערן ווי פאָלקסשאַפונג. און פונקט ווי דורך דער פאָלקסשאַפונג קומען צום אויסדרוק די געפילן, בענקענישן און איבערלעבונגען פון פאָלק אָפטמאָל קאָנקרעטער און אומיטלבאַרער ווי דורך די שאַפונגען פון פּראָפעסיאָנעלן שרייבער, אַזוי באַקענען מיר זיך דורך די מאַטעריאַלן וואָס ווערן געשריבן דורך דעם געוויינלעכן לאַנדסמאַן, ווי אַזוי דער פּאָשעטער פאָלקסמענטש געדענקט זיין היימשטאָט; די מענטשן; זייערע טעטיקייטן און ווי אַזוי זיי זיינען געבליבן איינגעקריצט אין זיין זיקאָרן.

און אַזוי איז אויפגענומען געוואָרן דער ערשטער נומער „אונדזער לאָדזש“. ער איז נישט באַטראַכט געוואָרן ווי עפּעס נאָך אַ ליטעראַרישע דערשיינונג, נאָר ער איז אויפגענומען און אָפּגעהיטן געוואָרן ווי עפּעס מער אינטימס, מער נענטערס, ווי מען וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ טייל אָדער אַן אַספּעקט פון דער שטאָט, און פון די שטעטלעך און פון דעם לעבן, וואָס איז אַזוי אַכזאָריעסדיק אָפּגעווישט געוואָרן; און דורך דער אויסגאַבע קומען מיר ווידער אין פאַרבינדונג מיט די טויזנטער לעבנס פון אונדזערע אייגענע, וואָס קענען נישט און טאָרן נישט פאַרגעסן ווערן.

אויך אין דעם איצטיקן — צווייטן נומער — „אונדזער לאָדזש“ באַמיען מיר זיך ווי וויט מעגלעך אַרויסברענגען דאָס בילד פון אונדזער היימשטאָט און דערציילן וועגן לאָדזש און די אַרומיקע שטעטלעך לויט אונדזערע פּערזענלעכע זיכרוינעס און לויט די ווייניק געפונענע דאָקומענטן. מיר נישטערן אויך אין די צעשטערטע, כאָרעווע און נישט אָפּגעהיטע אַרכיוון, און ברענגען אַרבעטן וועגן דעם שווערן געראַנגל, וועגן אומגלייכן קאַמף און וועגן אומקום פון אונדזערע אייגענע — וויפל ווייטיק און פּיין דאָס זאָל אונדז נישט פאַרשאַפן. און אויך לעצטע גרוסן ברענגען מיר פון דעם היינטיקן לאָדזש, וואָס בויט זיך אין נייע באַדינגונגען און נייע אומשטענדן, און אין אַן אָרדענונג, ווו עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן יעדער גרעניץ און אונטערשייד פון מענטש צו מענטש און ראַסע צו ראַסע; וואָס בויט זיך אַף יעסוידעס פון ברידערלעכקייט, יוישער און שאָלעם, און וואָס איז אַ גאַראַנטיע און באַריער, אַז עס זאָל קיינמאָל מער זיך נישט איבערכאַזערן דער כורבן און אומקום וואָס אונדזער דאָר האָט דערקענט.

אָט דאָס זיינען די אויפגאַבן וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט מיטן אַרויסגעבן „אונדזער לאָדזש“. און אויב מיר וועלן אַפילע טיילווייז בלויז נאָכקומען אָט די באַשיידענע פאָדערונגען — און לויטן אָפּרוף וועגן ערשטן נומער איז עס אונדז געלונגען — וועלן מיר באַטראַכטן פאַר דערגרייכט אונדזער ציל און אונדזער טערכע און מי — פאַר באַלוינט.

פ. ק—י



ל. מילער

לאַנדסלייט

אַ וואָרט אַזאַ, וואָס קלינגט מישפּאָכעדיק, ווי קרוויוים, מעכוטאָנים —
עס בינדט דעם טומלדיקן איצט צום אָוואַר צו,
מען רופט זיך היימיש, יידיש, באַ דעם ערשטן נאָמען
און איינער מיטן צווייטן איז אַף דו.

עס קומט אַף זינען באָבעס זיידענע פּאַטשיילעס
און גוט און וואַרעם ווערט אַזוי דערפון, —
ווען ס׳טוט אַ פרעג ווער: ווו איז בלומע-באַשע-ביילעס?;
אַט גייט שוין בענצי-בערישעס אַ זון.

מען רעדט צו דיר דורך אייגן לייב, דורך טאַטן און דורך מאַמען
און יעדער, דאַכט זיך, קאָן דיך נאָך פון וויג.
מען טרינקט לעכאַיעם, און מען זיפצט צוזאַמען,
און טיילן טיילט מען זיך מיט אומגליק און מיט גליק.

מען לייענט אַ בריוו פון עמיצנס אַ שוועסטער — עטל —
דער לייענער איז דער שטענדיקער — דער „בן הרב״. —
ווערט יעדן אַזוי נאָגט, עטל פונעם ווייטן שטעטל
און יעדער קוקט מיט ליבשאַפט אַף איר קסאַוו.

מען גאַפט, ווי קלוג זי שרייבט, און יעדער באַוווּנדערט;
מען ווישט אַ טרער און אַלע פרייען זיך דערמיט.
טוט ווער אַ זאָג: זיי דאַרפן הילף — איך גיב די ערשטע הונדערט;
גייט יעדנס האַנט צום טיש און יעדער גיט.

מען נעמט אַ בילד צוזאַמען, — אויגן פריידיקע וואָס שטראַלן,
פאַמיליען-געמיש, פון פענימער און הענט,
מען גיט דאָס בילד אַריין אין לאַנדסמאַנשאַפט-זשורנאַלן,
מען זוכט אין בילד, מען פרייט זיך: אָט האָב איך זיך דערקענט...

לאַנדסלייט — אַ וואָרט אַזאַ וואָס קלינגט מישפּאָכעדיק, ווי קרוויוים, מעכוטאָנים.
עס בינדט דעם טומלדיקן איצט צום אָוואַר צו;
מען רופט זיך היימיש, יידיש, באַ דעם ערשטן נאָמען
און איינער מיטן צווייטן איז אַף דו.

כיל ראָזען

דער לאָדזשער שאַכער־מאַרק

עס קען זיין, אַז דער פלאַץ צווישן ווסכאָדניע און וואָלבאַרסקע האָט געהאַט אַ באַשטימטן דורך דעם מאַגיסטראַט נאָמען, נאָר דאָס איז לעגאַמרע נישט וויכטיק, ווייל ווען אַפילע יאָ, וואָלט סיי ווי קיינער נישט געוווסט וועלכן פלאַץ מען מיינט. גאַנץ לאָדזש האָט אים געקאָנט אונטער דעם נאָמען: „שאַכער־מאַרק". און דעם נאָמען האָט ער קאָשער פאַרדינט, ווייל די קויף־ און טויש־טראַנזאַקציעס, וועלכע זיינען דאָרט אַדורכגעפירט געוואָרן, קענען נישט אָנגערופן ווערן האַנדל, נאָר שאַכער.

עס קאָן זיין, אַז דער אויסדרוק שאַכער שטאַמט פון וואָרט שחור — שוואַרץ, שוואַרצן אַ גרעניץ, האַנדלען מיט געשוואַרצטע סכוירע; אָדער האַנדלען אַפן שוואַרצן מאַרק, און גאַנץ מעגלעך, אַז עס שטאַמט גאָר פון וואָרט: סויכער, מיסכערן, וואָס איז פאַרפוילישט געוואָרן אַף: שאַכערן. און אין דעם פאַל וואָלט עס באַדייט דאָס זעלבע וואָס האַנדל, נאָר עס איז שוין אָנגענומען געוואָרן, אַז אַלס האַנדל ווערט באַצייכנט אַ קויף־פאַרקויף־טראַנזאַקציע — מער וויניקער — אַן ערלעכע. און מיטן אויסדרוק: שאַכערן, ווערט געווינלעך באַצייכנט אַן ענלעכע טראַנזאַקציע, נאָר וואָס האָט אַביסל צו טאָן מיט אָפנאַרעריי און שווינדל.

טראָץ דעם זיינען אַפן שאַכער מאַרק געווען אַ גרויסע צאָל אָרעמע הענדלער. וועלכע האָבן נישט געהאַט די מינדעסטע שייכעס צו קיין לינקע געשעפטן. זיי האָבן שווער געהאָרעוועט אַף צו פאַרדינען אַ פאָר זלאָטעס. צוזאַמען מיט יונגעלייט אין די גלאַנציקע שטיוועלעך, מיט די פאַרדעכטיקע פנעמער און נאָך מער פאַרדעכטיקערע פאַרנאָסעס האָבן זיך דאָרט געפונען אָרנטלעכע באַלמעלאָכעס און האָרעפאַשניקעס. דאָרט זיינען אַלע געווען אויסגעמישט. אויך די פאָר קריסטן, וואָס זיינען דאָרט געווען, זיינען געווען אויסגעמישט און עס איז גאָר שווער געווען זיי צו דערקענען, אַפילע נישט אין ריידן.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט דער אַנטיסעמיטיזם אַריינגעדרינגען און פאַרשפרייט זיך אין אַלע שיכטן פון דער פוילישער באַפעלקערונג, נאָר אַף דעם שאַכער־מאַרק איז ער נישט געווען צו באַמערקן. אין דער אונטער־ און האַלב־אונטערוועלט האָט די אַנטיסעמיטישע פראָפאַגאַנדע נישט געקאָנט שלאָגן קיין וואָרצלען צוליבן פעלן פון אַן עקאָנאָמישן הינטערגרונט. (מיטן אויסנאָם פון אַביסל גע־דונגענע שלעגער). באַ דעם שיכט האָט נישט געקאָנט אויסנעמען דער פיזמען, אַז יידן פאַרכאַפן די בעסטע פאָזיציעס, ווייל די טירן פון די ווינונגען זיינען צוגלייך געווען פאַרשלאָסן פאַר די פוילישע, ווי פאַר די יידישע גאַנאָווים, און דאָס רעכט איינצוברעכן שלעסער איז פאַר ביידע געווען גלייך. דאָרט האָט אויך נישט געקאָנט האָבן קיין שליטע די אויסגעדראָשענע פראָפאַגאַנדע, אַז די יידן פאַרקאָנקורירן די קריסטן מיט ביליקע און געמיינע סכוירעס — ווי דאָס האָט געהאַט אַן אָרט אין האַנדל, ווייל פאַר אַדורכפירן אַ געמיין שטיקל אַרבעט זיינען געגאַנגען „שעווענען" סיי דער יידישער, סיי דער קריסטלעכער גאַנעוו. דערפאַר האָבן טאַקע אַפן שאַכער־מאַרק גאַנץ פיין האַרמאָניש צוזאַמענגעלעבט די גאָים מיט די יידן. אַ סאַך פון די גאָים האָבן אַפילע גערעדט און „געבענטשט" זיך אין אַ גאַנץ נישקאָשעדיקן יידיש. ווען אַזאַ גוי האָט לעמאָשל זיך אַ זאָג געגעבן: „אַ רועך דיר אין דיין פאָרעך אין מיטן מאַרק אַריין", אָדער ווען ער האָט זיך געשווירן: „די פראַ זאָל מיר אַזוי רינען", איז עס געווען נישט וויניקער איבערצייגנדיק, ווי ווען עס האָט עס געזאָגט אַ ייד. וואָס אַן עמעס האָט מען דאָרט אָפט געהערט דאָס וואָרט „זשיד", אָבער מיט דעם האָט מען נישט געמיינט צו באַליידיקן אַ ייד. דאָס האָט גאָר עמיצער געהייסן זיך דערלאַנגען אַ מעסער. אַ טייל האָבן באַצייכנט מיט דעם וואָרט „זשיד" אַ קניפל, אַן איינגעלייגט מעסערל מיט אַ הילצערנעם שטיל און אַ טייל ווידער האָט באַנוצט דאָס וואָרט „זשיד" אַף צו באַצייכענען אַ לאַנג קיך־מעסער. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן מיט דעם וואָרט באַצייכנט אַ.... הערינג. מען האָט געקאָנט הערן, ווי איינער זאָגט: „גיב מיר אַ שיינעם זשיד, נאָר מיט אַ גראָבן רוקן..." אַפן שאַכער מאַרק האָט איר געקריגן צו קויפן אי אַ מעסער, אי אַ הערינג. און וואָס דען נישט? איר האָט דאָרט געקאָנט קריגן פון אַ יאַגעדע־סטאָניק ביז אַ גענוצטן בראַך־גאַרטל; פון אַ ברוסטן־האַלטער ביז אַ וועק־זייגער; פון אַ קופערנעם ראַנדל ביז אַן אָפגעדריפעטן יויזל.

איידער מען קומט נאָך צו צום שאַכער־מאַרק באַקומט זיך שוין אַ שטיקל בילד פון דעם, ווי עס זעט אויס אינעווייניק. אין שכיינעס מיט די ריזיקע מעבל־געשעפטן פון סטווו און ווסכאָדניע גאַס מיט זייערע יום־טעוו באַלעבאַטים און מיט די גרויסע הורט־געשעפטן פון שפייז אַפן אַלטן מאַרק, שטייען אַפן גאַס ציטערדיקע „סאָכרים" מיט נערוועזע בליקן, אַרומקוקנדיק זיך אומזיכער אַף אַלע זייטן צי עס גייט נישט אַ „קנעפל".

פרייטיק. ביידע טראָטואַרן אַף ווסאָכדניע, פון דעם סטווו ביז צום אַלטן מאַרק זיינען באַלייגט מיט „סויכערטעס". די יידענעס באַמיען זיך מיט פאַרשידענע קוילעס איבערצושרייען איינע די אַנדערע. אַלע טוען זיי אַף אַ קאָל אויסרימען זייער סכוירע. די־אָ געשעפטן אין מיטן גאַס זיינען באַוועגלעך. יעדער איינער האָט זיין „געשעפט" מיטן ביסל סכוירע אין די הענט. טיילמאָל, נאָר אין איין האַנט, ווייל טאָמער גיט מען „צינג", אַ „בענדל", „זעקס", אַ „מייליץ" דאַרף מען זיך שוין לאָזן לויפן מיטן ביסל סכוירע, ווו דער פעפער וואַקסט. און וויי איז צו דעם, וואָס באַווייזט נישט צו דער צייט צו אַנטלויפן און פאַלט אַריין אין די הענט פון פאָליציאַנט. דעמאָלט ווערן צערונען פאַרשידענע כאַלוי־

מעס וועגן ברויט, וועגן אַ האַלבער קילאָ קאָפּ־פליייש אַף שאַבעס. אַ פּאָר זעקעלעך פאַר אַ קינד, אַ וואַלוווקע פאַרן זון, וועלכער זיצט שוין דאָס דריטע יאָר פאַר אויפהענגען אַ פענדל.

אָט שטייט אַ פרוי מיט אַ קליין וויאַדערקעלע מיט פישעלעך פינף־זעקס צענטימעטער די גרויס און צעזינגט זיך אַף אַ קאָל מיטן ניגן פון צענערענע: ווייבער, ווייבלעך! פיל־קעלבער, זיס ווי צוקער. מ׳קאָן זיי קאָכן גאַנצן אָן צוקער, זיי האָבן אַלע טיימים. קויפט ווייבלעך, איר וועט האָבן אָן עמעסן אוינעג שאַבעס!

— אָמיין! — וואַרפט איר אַ שאָכן צו מיט אַבי־סעלע כויזעק — זאָגט שוין אין איין וועגס, אַז מען דאַרף אויך נישט צו זיי קיין מייערן און קיין פעפער...

ער ווערט פאַרשריגן פון אַ פרוי מיט דריי הערינג אין דער האַנט:

— קויפט ווייבלעך, די בעסטע שמאַלץ־הערינג, פרישיטשקע אוליקעס, ערשט אָנגעקומען מיטן לעצטן טראַנספּאָרט.

אַ פרוי מיט ערד־קאָלירענע הענט, מיט אויסגע־דרייטע קנאָכיקע פינגער, ענלעכע צום בינטל כריין וואָס זי האָט צווישן זיי געהאַלטן, האָט יעדן דורכגייער צוגע־שטופט איר סכוירע קימאַט צו דער נאָז, ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן: נאַט, שמעקט, וואָסערע שטאַר־קער כריין דאָס איז. דערביי האָט זי קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט.

אַ יונג, מיט אַ צעשויבערטן, פול מיט פעדערן, שוואַרצן קאָפּ האָר, האָט מיט אַ הייזעריקלעך, איבער־געטרינקען קאָל איבערגעשריגן די גאַנצע כאָפּטע הענד־לערנס:

— ווייבלעך און מיידלעך! מיידלעך און ווייבלעך! זיידענע יעיצערהאָרע מייטקעס, גרינע, געלע, ראָזע, בלויע יעיצערהאָרע מייטקעס צוויי שטיק — איין זלאָט! געניסט פון דער געלעגנהייט. באַ שמעכל און רויזנער וועט איר דאָס פאַר קיין דריי זלאָטעס נישט קריגן. נאַ — באַנקראָט! צוויי פאָר אַ זלאָט!

— עפשער וועסטו זיך שוין איינמאָל געבן אַ סאַנ־זשיר אַוועק פון דאַנעט? — שרייט ער פלוצלינג אָן אַף אַ מיידל, וואָס איז דערנעבן געשטאַנען און אויסגערימט איר סכוירע. — מיט דיינע פאַרשטינקענע ציבעלעס פאַריאָגסטו דאָך מיר די גאַנצע מענטשהייט? עס קאָן דאָך נישט צוקומען קיין קוינע!

צו אַ צווייטער שרייט ער: נו שוין, געגאַנגען זאָל ווערן! ווו קריכסטו דאָ מיט דיינע פאַרפוילטע רעטע־כער? זעסט דאָך, אַז דאָ פאַרקויפט מע זאַדנצאַג!...

אַ ווײַלע גאַס געווען, די ווסכאָדניע, אַלץ האָט איר דאָרט געקריגן: באַניקערן און שנוראָוואַדלעס; צוקערלעך און שיך־פּאַסטע; סאָדעוואַסער און רעטעכער; געטריקנ־טע פרוכטן און גרינע זייף; נאָז־טיכלעך און זויערע אוגערקעס. עס האָבן אַפילע נישט געפעלט קיין פאַרטיקע טאַלעס־קאָטנס און פון בייגל און צוקער באָבעס איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

באַם הויפּט־אַריינגאַנג אַפן שאַכער מאַרק, דורך דער ווסכאָדניע גאַס, זיינען אויסגעשטעלט געווען איז גלייכע שערענגעס, סאָלידע געשטעלן און בוידן. ווע־מענס באַלעבאַטים האָבן זיך מיט קיין סאַך נישט אוי־טערגעשיידט פון אַנדערע סאָכרים פון די האַלעס אַף נאָוואָמיעיסקע. דאָ האָט מען פאַרקויפט ביליקע אַנצוגן,

צענטער פון טוד־האַנדל אין לאָדזש

וועש, שירצן, ווייסוואַרג און אַנדערע סכוירעס. געווען בוידן פון היטלען, ביליק געשיר, שיכוואַרג, נאָך די בוידן זיינען געקומען געשטעלן ווו מען האָט פאַרקויפט ברויט, זעמל, קוכענס, פאַרשידענע קעזן, פוטער און צוביסלעך אויך קאַרטאָפל און ציבעלעס (דער הויפּט מיסכער פון גרינוואַרג האָט זיך געפונען אַף יוינע פילצערס פלאַץ). נאָך די בוידן און געשטעלן, טיפער אינעווייניק אין פלאַץ, איז פאַרלוירן געגאַנגען דער גאַנצער סיידער. דאָ איז שוין געווען אַ גאַנצער מישמאַש. דאָ זיינען געווען אויסגעמישט הענדלער פון די פאַרשידנסטע מינים סכוי־רעס. טייל האָבן געהאַלטן זייערע סכוירעס אַפן אַקסל, אָדער אַפן אָרעם. טייל ווידער אַף אַ בענקעלע, אָדער אַ קעסטעלע, צי גאָר סטאַם אַף דער ערד. דער גרעסטער טייל אָבער האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט דער סכוירע אַף דער האַנט איבער דעם גאַנצן פלאַץ. אין הייפּעך צום אַריינגאַנג זיינען זיי דאָ נישט געשטאַנען לויט בראַנ־זשעס. נעבן איינעם וואָס האָט געהאַט אָנגעהאָנגען אַי־בערן האַלדז אַ קעסטעלע מיט שפּיגעלעך און קעמעלעך איז געשטאַנען איינער באַהאָנגען אינגאַנצן מיט שטעק־לאַטשן. נעבן איינעם, וואָס האָט געהאַלטן אַ פאַן און פאַרקויפט שטיקלעך עפּל־ און קעז־קוכן איז געשטאַנען אַ מאַן מיט אַ קאַטאַרינקע, מיט אַ וויים יאַם־כאַזערל אָדער אַ פּאַפּוגיי, וואָס האָט אַרויסגעצויגן פאַר צוואַנציק גראָשן אַ קאָנווערט מיט אַ „גאָלדן" פינגערל. נעבן אַ קעסטל מיט וואַלגערהעלצער און ריבאַייזנס, האָט זיך צעלייגט אַף אַן איינלייג־בענקעלע אַ קאָרטנשפּילער מיט דריי קאָרטן, וועלכער האָט באַ די נאַיווע שפּילערס אויסגענאַרט די פּאָר זלאָטעס און געשווינד זיך איבער־געטראָגן אַף אַ צווייט אָרט.

אַכוץ די סטאַלע הענדלער זיינען אַפן שאַכער־מאַרק געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט מיסכערן נאָר זיי זיינען פּאָשעט אויס נויט דאָ גע־קומען פאַרקויפן עפּעס פון דער שטוב־ווירטשאַפט, אָדער אַ מאַלבעש. די קוינים האָבן טאָמיד געזוכט צו קויפן באַ אַזאַ איינעם, ווייל געוויינלעך זיינען דאָס געווען מענטשן

פון דער אָרעמקייט, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין אַ פּאָר זלאָטעס און זיינען געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן דאָס שטיקל „סכוירע" פאַר יעדן פּרייז. מען האָט געקאָנט זען אַ פרוי, שטיין מיט אַ קישן אונטערן אָרעם, אין ווינקל פון קישן איז אומישנע געווען אויפגעטרענט און זי האָט אַרויסגעצויגן איינצלנע פעדערלעך, זיי געבלאָזן אָפן ווינט, ביכדיי צו רופן די אויפמערקזאַמקייט פון די דורכגייער: זעט, אינגאַנצן פון ריינעם פוך.

דעם קלאַס פאַרקויפערס איז אַביסל שווערלעך געווען צו דערקענען. ווייל אַ סאַך געניטע סאָכרים האָבן זיך „פאַרשטעלט" אַלס פאַרקויפערס „אויס נויט". זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַלטן אין האַנט מער, ווי איין, אָדער צוויי שטיקלעך סכוירע צו פאַרקויפן. אין דער עמעסן זיינען דאָס געווען פאַרמעגלעכע הענדלער, וועלכע האָבן געהאַט גרויסע בוידן, פול אָנגעפּראָפּט מיט סכוירעס, אין וועלכער עס איז געשטאַנען דאָס ווייב, אָדער די דערוואַקסענע קינדער. ווי נאָר אַזאַ איינער האָט פאַרקויפט דאָס שטיקל סכוירע, האָט ער באַלד פון דער בויד, צי פון דער נאָענטער וווינונג געברענגט עפּעס אַנדערש צו פאַרקויפן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז דאָס איז דאָס איינציקע וואָס ער פאַרמאָגט און ער איז דעריבער געצוווּנגען צו פאַרקויפן עס פאַר יעדן פּרייז...

פאַר אַ געניט אויג אָבער, איז נישט שווער געווען אויסצוגעפינען דעם עמעסן פאַרקויפער „אויס נויט". ווייל געוויינלעך איז אַזאַ איינער געשטאַנען פאַרשטעקט אין אַ ווינקל און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. לעהייפעך צו די הענדלער פון שאַכער־מאַרק, וועלכע זיינען געווען שטאַרק באַריידעוודיק און דערצו האָבן זיי נאָך געהאַט אַן אייגענעם סטיל... זיי האָבן אָדער זיך געשווירן, אָדער געשאָלטן; אָדער געווינטשן, אָדער געזידלט; אָן אונטערשיד, זיך צי יענעם. עס איז געווען געווענדט אין דעם, צי מען דאַרף דאָס שטיקל סכוירע רימען ביז אין הימל אַריין, צי מאַכן עס מיט דער בלאָטע צוגלייך.

אויסער דעם, האָט אַזאַ פאַרקויפער שטענדיק געהאַלטן די אויגן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט און בלויז מיט דער האַנט אָנגעוויזן די דורכגייער אַף דעם קעגנשטאַנד צו פאַרקויפן. און אויב האָט ער יאָ אַמאָל זייטיק אויפגעהויבן די אויגן, איז עס גיכער געווען אַף אויסצוהיטן זיך פון באַקאַנטע, ווי אַף צו זוכן אַ קוינע.

די מיינסטע קוינים זיינען באַשטאַנען פון אַרבעטער און אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן דאָ געזוכט זיך איינצוהאַנדלען ביליקע גענוצטע זאַכן. זיי האָבן לייבערשט געוואָלט קויפן גענוצטע מאַלבושים, געמאַכטע פון גוטן שטאָף, איידער נייע, פון געמיינעם שטאָף. אין דער עמעסן האָט מען זיי איינגעשלייערט אי אַ גענוצטע, אי פון געמיינעם שטאָף.

די פאַרקויפערס האָבן קעסיידער געהאַלטן אין איין שווערן זיך באַ אַלעם הייליקן און נישט הייליקן, אַז דער מאַלבעש איז נישט ניי.

— וואָס רעדט איר עפּעס, יונגערמאַן, איך וועל אייך גיין אָפּנאַרן און פאַרקויפן נייס פאַר אַלטס? דאָ גאַראַנטירט מען אייך, אַז עס איז גענוצט! האַלעוואַי פאַרמאָגן מיר ביידע אַ צענט כיילעק פון דעם, וואָס עס פאַרמאָגט דער, באַ וועמען איך האָב עס אָפּגעקויפט. ווען איר זאָלט וויסן וואָסער רייכער פאַבריקאַנט האָט געטראָגן דעם אַנצוג, וואָלט איר אים געכאַפּט מיט צוגעמאַכטע אויגן. אַוואַדע האָט ער אים מער נישט געטראָגן ווי אַ צוויי־דריי מאָל, דעריבער זעט ער אינגאַנצן אויס ווי ניי... אַזוי פלעגט מען באַאַרבעטן די קוינים. צו דעם צוועק האָט עקזיסטירט אַ גאַנצע אינדוסטריע, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט צו מאַכן פון ניי — אַלט. מען האָט גענומען נייע מאַלבושים פון געמיינסטן שטאָף און זיי אַביסל איינגעשמוצט, אָפּגעריסן אַ פּאָר קנעפּלעך און פאַרקויפט פאַר גענוצטע. באַ שיך, לעמאָשל, האָט אַפילע עקזיסטירט אַ ספּעציעל פאַך פון טרעטערס, זייער אַרבעט איז באַשטאַנען פון אָנטון אַ פּאָר שיך, געוויינלעך פון ביליקסטן סאָרט און אויסטרעטן זיי, וועלכע זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר אָפּשטאַמיקע פון פאַבריקאַנטן אָדער רייכע סאָכרים, וועלכע האָבן זיי קלוימערשט געטראָגן איין און איינציק מאָל און זיי דערנאָך אַוועקגעגעבן צוליב ענג זיין, אָדער אַן אַנדער סיבע.

זייער אָפט זיינען פאָרגעקומען סקאַנדאַלן צוליב אָפּנאַרעריי און שווינדל. איך האָב איין מאָל געזען ווי אַ פרוי איז צוגעלאָפן צו איינעם אַ הענדלער, וואָס איז אינגאַנצן געווען באַהאָנגען מיט שיך, אַז מען האָט אים קוים אַרויסגעזען דאָס פּאָנים. זי האָט אַ שריי אויס געגעבן:

— אַ גאַנצע וואָך האָב איך אייך דאָ אַרומגעזוכט!

— מי־עך?

— ניין, מי־עך — האָט זי אים נאָכגעשפּעט — זעטץ נאָר, ווי דאָס מאַכט זיך אַזוי געפּייגערט. איר האָט אַוואַדע געמיינט, אַז איך וועל אייך שוין נישט פּאַקן, העי?

— זאָגן זי נאָר, וויעלמאָזשנע פּאַני, זי זיינען זיכער, אַז זי זוכן מיך, זיי זיינען זיך נישט טויע?

— אוי! זעטץ נאָר ווי איידל דאָס רעדט. אָסער אַ סויכער פון דער פּיעטריקאָווער גאַס.

— ווער זיינען זיי מאַדאַם? פרעגט ער נאָך אַמאָל מיט אַ געמאַכטן נייגיר.

— אוי! מע קאָן דאָך פּלאַצן, ריבוינע שעל אוילעם!

— זי האָט אַף גיך אַ בינד אויף געטאָן דאָס פּעקל, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט און אַרויסגענומען צוויי שיך און מיט רוגזע זיי צוגעשטופּט דעם הענדלער צום פּאָנים:

— נאַט, זעט, דאָס דערקאָנט איר אויך נישט?

— וואָס זאָגט עץ נישט צו דעם אָנשיקעניש אָפּן ניכטערן מאָגן — האָט ער זיך געוואָנדן צו זיינע שכיינים, אָנווייזנדיק אַף דער פרוי — מנע!

— אוי מענטשן, כעל דאָך שרייען געוואַלד!

— שראַט, ווער לאָזט אייך דען נישט?

— אוי וויי, אַז איכל דאָס אויסהאַלטן... מענטשן!

— האָט זי זיך אויסגעדרייט צו די אַרומשטייענדיקע, ווייזנדיק זיי די צוויי שיך — צוועלף זלאָטעס מיט פופציק גראָשן האָט ער באַ מיר אויסגענאַרט, דער היצל, און זעט וואָס ער האָט מיר אַריינגעשלייערט: צוויי לינקע שיך, אַז אויסגעלענקט זאָלן אים ווערן אַלע גלידער, טאַטע זיסער!

— פאַר אירע פוּיטעס זיינען נאָך די שיך אויך צו גוט — האָט ער שפּאָטיש אַ זאָג געגעבן צו זיינע שכיינים, נישט מאַכנדיק זיך גאָרנישט פון דער פרויס געוואַלדעווען.

— איר זאָלט דאָס גוט געדענקען — האָט זי אים

געדראָט, פּאַכנדיק אין דער לופטן מיט די צוויי שיך — דאָס וואָרט פּויטע, וועט אייך טייער קאָסטן — און ווענדנדיק זיך צו די אַרומשטייענדיקע האָט זי אים געוואָרנט — מענטשן, איר זענט איידעס, אַז ער האָט געטשעפּעט פּויטען1). ער ווייס נישט מיט וועמען ער האָט אָנגעהויבן. איך ווין אַף איין הויף מיט מוישע פּויטען. באַלד וועל איך אים דאָ אַהער רופן, וועט ענק אַלע פינצטער ווערן פאַרן די אויגן.

דאָס זאָגנדיק האָט זי זיך גיך אָפּגעטראָגן פון שאַבער־מאַרק.

אַ טייל „סאָכרים" פון שאַבער־מאַרק זיינען גאַשטאַנען פון טונקעלע פאַרשוינען, וועלכע זיינען אַהער געקומען אָפּזעצן צוגעגאַנוועטע זאַכן. נישט זייער זעלטן האָט פּאַסירט, אַז איינער האָט דערקאָנט זיינע אייגענע זאַכן, וואָס מען האָט זיי בײַ אים צוגעגאַנוועט. דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוואַלד, עס זיינען געפאַלן אַ פּאָר קלעפּ און די דערקענטע זאַכן זיינען וואַנדערנדיק פון האַנט צו האַנט — פון פּלאַץ פאַרשוונדן.

עס האָט אויך פּאַסירט, אַז מען האָט די כפייצים צוריק באַקומען. אָדער פאַר אויסקויף געלט, אָדער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייער אָן אָרעמען מענטשן, און דער איניען האָט אָנגעשפּאַרט צום „געריכט", וועלכער האָט געווײנלעך געפּאַסקנט, אַז מען זאָל דעם געליטענעם אומקערן זיינע זאַכן אינגאַנצן בעכינעם.

אַזעלכע און ענלעכע „דינטוירעס" זיינען אַפן שאַבער־מאַרק זייער אָפט פאָרגעקומען. די הויפּט „דיאַנים" זיינען געווען מוישע פּויטע, כיל ריקער און דער בלינדער מאַקס, וועלכע זיינען טאָמיד פון ערגעצוו אויסגעוואקסן ווען מען האָט זיי באַדאַרפט.

קליינע סיכסוכים זיינען מיינסטנס דערליידיקט געוואָרן באַלד אַפן אָרט. וויכטיקערע, וועלכע האָבן געדאַרפט מער יישעוו האַדאַס זיינען דערליידיקט געוואָרן, אָדער אין ביר־שענק בײַ קרעלן, אָדער בײַ קאָקעלע וואַליען אַף וואסכאָדניע עק שרעדניע. די מישפּאָטים זיינען פאָרגעקומען מיט בראָנפן, ביר און צובייסעכץ פון געבראָטענע גענדז. זייער פּסאַק דין איז געווען אַ דעפיניטיווער אַף וועלכן מען האָט אין ערגעץ נישט געקאָנט אַפּעלירן.

איך בין איינמאָל בייגעווען אַזאַ קורצן מישפּעט אַפן אָרט גופע, ווו דער פּסאַק־דין איז קעהערעף אייען אויסגעפירט געוואָרן. צו איינעם, וואָס האָט געהאַלטן אַף אַ שטעקעלע צוגעטשעפּעט פאַרשידענע קייטעלעך צו פאַרקויפן, איז צוגעקומען אַ יונגערמאַן קויפן אַ קייטל צו אַ זייגערל. ער האָט אַרויסגענומען דאָס זייגערל פון קעשענע און געפּרוווט צופּאַסן דערצו עטלעכע קייטעלעך. צום סאָף, צי עס איז אים געווען צו טייער, צי עס האָט זים סטאַם נישט געפעלן, האָט ער גאָרנישט נישט געקויפט. נאָכן אַרומדרייען זיך אַ שטיקל צייט האָט ער אַף אַ צווייט אָרט ענדלעך געפונען אַזאַ קייטעלע, ווי ער האָט געזוכט. ווי גרויס איז אָבער געווען זיין דערשטוינונג, ווען ער האָט געוואָלט צוטשעפּען דאָס קייטעלע צום זייגערל האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער פאַרשפּאָרט שוין צו קויפן אַ קייטעלע. דער יונגערמאַן האָט אויפגעהויבן אַ גרויסן טומל; עס האָט זיך באַלד געשאַפן אַ קרענצל און מען האָט אים געאייצעט נישט צו רופן קיין פּאָליציי, ווייל עס וועט אים העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. באַלד האָט זיך איינער פון קרענצל צו אים צוגעשאַרט און אַ קוועטש טוענדיק מיט איין אויג האָט ער אים איינגערוימט, אַז ער וואָלט אים געקאָנט אָפּזוכן דאָס זייגערל, נאָר דאָס וועט קאָסטן אַ צענערל. ווען דער יונגערמאַן איז אַ פאַרכידעשטער אויפגעשפּרונגען האָט ער אים געזאָגט:

— הערט אויף מיט אייערע פוילע שטיק, איר דענערווירט מיך שוין צופיל.

— איך אייך? — נעמט געוואַלדעווען דער יונגערמאַן.

— מאַכט נישט צו הויך קידעש. איר קאָנט נאָך וואָ לידן אַן אַוולע. איר האַנדלט סיוווי אַ מעציע. פּרוווט נאָר צוגיין צום גאַשטשינע דוואָר, וועט איר זען צי איר וועט אייער זייגערל קאָנען קויפן פאַר ווייניקער, ווי דרייסיק זלאָטעס, און דאָס איז אויך אַ מעציע פאַר אַ גאַנעוו, ווייל אין געשעפט וועט איר עס אַפילע פאַר קיין פופציק אויך נישט קריגן.

זעענדיק ווי דער יונגערמאַן קאָן נישט קומען צו זיך פון געפּלעפטקייט, גיט ער אים אַ שטאַרכע באַם אַקסל.

— וואָס מאַכט איר זיך טאַמעוואַטע, איר ווייסט נישט וויפיל אייער זייגערל האָט די ווערט? ש׳האָבן אַזאַ יאָר וואָסערע פיין זייגערל דאָס איז.

ווען דער יונגערמאַן איז שוין מושווע געוואָרן וועגן אויסקויף־פּרייז, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ביינעלעביינע איז דאָס בייטעלע מיטן געלט אויך נעלעם געוואָרן.

— זוכט נאָר גוט, האָט מען אים פון קרענצל געפּרוווט באַרואיקן — עפשער האָט איר עס אַריינגעלייגט אין אַן אַנדער טאַש?

— רעגט אייך נישט אויף, זוכט פּאַמעלעך, איר וועט זען, אַז איר וועט עס זיכער געפינען.

ער האָט נעבעך אויסגעליידיקט אַלע קעשענעס, פונוואַנעט ער האָט אַרויסגעצויגן אַ נאָזטיכל, אַ קעמעלע, אַ מעסערל, אַ שאַכטעלע שוועבעלעך, אַ פּאַפּיראָסן־טאַש און פון דעם בייטעלע איז נישט געבליבן אַפילע קיין אָנצייכן...

דער סאָף איז געווען, אַז ער האָט פאַריינמאָל זיך געדאַרפט זעצן שיווע אי נאָכן זייגערל, אי נאָכן בייטעלע און פאַריינוועג שוין אויך נאָך דער זילבערנער פּאַפּיראָסן־טאַש...

ווען ער איז אַזוי געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטער מיטן נאָזטיכל און מיט די אַנדערע זאַכן אין די הענט, האָט פּלוצלינג איינער אים געגעבן אַ פעסטן קלאַפּ איבער דער פּלייצע; ער דרייט זיך אויס און דערזעט, אַז נעבן אים שטייט כיל ריקער.

— וועלוועלע — שרייט ער אויס — שוין נישט געזען דיך אַ שאָק מיט יאָרן! דאָס האָט מען דיך אַזוי באַארבעט?

— יאַטן — האָט ער אויסגערופן צום קרענצל — דוסי מיינס אַ פרוינד.

ער האָט פאַרלייגט די הענט אַפן ברוסט־קאַסטן, צעשפּאַרט בײדע פיס און איינשפּאַרנדיק זיך פעסט אָן די קלעצער פון זיינע לאַקירטע מיט הויכע כאָליעוועס שטי־

(סאָף אַף זייט 36)

---

1) פאַר נישט לאָדזשער לייענער, וועט עפשער נישט זיין איבעריק די באַמערקונג, אַז מוישע פּויטע איז געווען איינער פון די „שטאַרקע" פון דער אונטערוועלט. און די פּרוי האָט מיסטאַמע פאַרהערט און פאַרטוישט דאָס וואָרט פּויטעס — וואָס מיינט: פיס, — אַף מוישע פּויטע.

לאָדזש אין איר ערשטן אַנטוויקלונגס־פּעריאָד *)

(קיצורים פון אַ גרעסערער אַרבעט פון ש. מילמאַן)

בּאַ דער ברייטער וועלט איז די שטאָט לאָדזש פאַררעכנט פאַר איינע פון די יינגסטע. זי איז באַקאַנט געוואָרן ערשט פון דעם מאָמענט ווען די רעגירונג פון קעניגרייך פוילן האָט באַשטימט, אַז לאָדזש זאָל ווערן אַ פאַבריקס־שטאָט.

לאָדזש איז אָבער בעעמעס פיל עלטער. די היסטאָריקער, וועלכע האָבן זיך ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע פאַרנומען מיט אויסגעפינען ווי אַלט לאָדזש איז און צו וועמען זי האָט אַמאָל געהערט, האָבן דאָס גאַנץ גענוי ניט געקאָנט פעסטשטעלן. עס איז זיי אויך נישט געלונגען אַנטגילטיק פעסטצושטעלן פון וואַנען ס'נעמט זיך דער נאָמען „לאָדזש" און פאַרוואָס שטעלט פאָר דער הערב פון לאָדזש אַ שיפל מיט אַ ווייעסלע.

וואָס שייך דעם יאָר ווען לאָדזש איז דערהויבן געוואָרן צו דער מאַדרייגע פון אַ שטאָט, זיינען פאַראַן באַהויפּטונגען, אַז די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם קיעווער ביסקופּ גערוואַרד, וועלכער איז געווען ביסקופּ אין די יאָרן צווישן 1300 און 1323. ביסקופּ גערוואַרד זאָל זיך אויך דער ערשטער האָבן באַנוצט מיטן סטעמפּל פון דער שטאָט לאָדזש, וואָס האָט געטראָגן דעם היינטיקן לאָדזשער הערב. ווי געזאָגט, אָבער, זיינען קיין שום דאָקומענטן דערויף נישט געפונען געוואָרן. פעסטגעשטעלט איז נאָר געוואָרן, אַז צום ערשטן מאָל ווערט דער נאָמען לאָדזש דערמאָנט אין אַ דאָקומענט פון 6טן סעפּטעמבער 1332, אין וועלכן דער פירשט וולאַדיסלאַוו שרייבט, אַז ער גיט איבער די קיעווער ביסקופּן אַ ריי גיטער, און אין דעם דאָקומענט ווערט אויך צום ערשטן מאָל דערמאָנט דער נאָמען לאָדזש. עס איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די ערשטע פריווילעגיע פאַר לאָדזש אַלס שטאָט איז געגעבן געוואָרן דורכן פוילישן קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ, אין יאָר 1433.

עס געפינען זיך אויך באַווייזן, אַז אין יאָר 1597 זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן די גרעניצן צווישן לאָדזש און לאַזנאָוו און צווישן פאַביאַניץ און וואָלבאָרזש.

אפן גרונט פון געפונענע באַווייזן האַלט זאַנע, איינער פון די היסטאָריקער פון לאָדזש, אַז די געשיכטע פון דער שטאָט דאַרף איינגעטיילט ווערן אין דריי פעריאָדן: — ערשטער פעריאָד, צווישן 1332 און 1793, ווען לאָדזש האָט געטראָגן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער; דער צווייטער פעריאָד, צווישן 1793 און 1820, ווען לאָדזש האָט פאַרלוירן איר לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער און איז נאָך נישט געווען קיין אינדוסטריעלע שטאָט (דער פעריאָד נעמט אויך אַריין די צייט ווען לאָדזש איז געווען אונטער דער פרייסישער הערשאַפט פון 1793 ביז 1806); און דער דריטער פעריאָד, פון 1820, ווען לאָדזש איז דורך דער רעגירונג פון קעניגרייך פוילן באַשטימט געוואָרן אַלס צוקונפטיקע פאַבריקס־שטאָט.

אין יאָר 1793 האָט לאָדזש געציילט 191 איינוווינער. אין לאָדזש האָבן זיך דעמאָלט געפונען 44 באַוווינטע און 11 ליידיקע הייזלעך, 24 שייערן, אַן אַרעסטהויז און 18 נישט־פאַרבויטע פלעצער.

די האַנטווערקעריי איז צווישן דער באַפעלקערונג אין דעם יאָר 1793 געווען פאַרטראָטן דורך: איין שלאָסער, איין שמיד, איין שוסטער, איין שניידער, צוויי גאַרבער, און 8 רעדערמאַכער.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון אַ בירגערמייסטער, 4 ראַטמענער און אַ סעקרעטאַר.

וואָס שייעך די יאָרן ווען די ערשטע יידן האָבן זיך באַזעצט אין לאָדזש, איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס אָנוועזנד זיין פון די ערשטע יידן אין לאָדזש, האָט מען פעסטגעשטעלט אין יאָר 1775.

לויט דער פריער דערמאָנטער ציילונג פון דער באַפעלקערונג, וואָס די פרייסישע רעגירונג האָט דורכגעפירט אין 1793, האָט לאָדזש צווישן 191 איינוווינער געציילט 11 יידן. אַכוץ די פאַמיליעס פון די קרעטשמערס, האָבן זיך שוין דאָס מאָל געפונען אויך 2 האַנטווערקער־פאַמיליעס, אַ שניידער און אַ גאַרבער. אַכוץ דעם האָבן נאָך יידישע פאַמיליעס געוווינט אין כוינע און באַלוט.

אינטענסיווער האָט דער יישעוו פון לאָדזש זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען ווען די שטאָט איז אין יאָר 1807 אַריבער אונטער דער הערשאַפט פון וואַרשעווער פירשטנטום.

די ציילונג פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1808 האָט געוויזן, אַז לאָדזש האָט געציילט 438 איינוווינער, צווישן זיי 85 יידן. דאָס הייסט, 13.4 פּראָצענט. באַ דער נאָענטסטער ציילונג פון 1809 האָט לאָדזש שוין געציילט 514 איינוווינער און צווישן זיי 24 יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געציילט צוזאַמען 98 נעפאַשעס, אָדער 19.1 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. לויט זייערע באַשעפטיקונגען, האָבן זיך די 24 יידישע פאַמיליעס געטיילט אַזוי: 12 קרעטשמער און אַרענדאַרן, (פון זיי 8 אין דערפער), 1 לאַנדווירט און שענקער, 1 בראָנפן־מאַכער, 1 פאַכטער, (אין אַ דערנעבנדיקן דאָרף), 4 הענדלער, 3 שניידער, 1 בעקער און 2 אַרבעטער.

מיר זעען אַזוי אַרום, אַז די ענדערונגען אין די באַשעפטיקונגען פון די יידן אין לאָדזש צום סאָף פון 18טן יאָרהונדערט זיינען ענלעך צום איבערגאַנגס פּראָצעס פון שענקעריי צום האַנדל און האַנטווערקעריי, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט אַלע יידן אין דעמאָלסטדיקן פוילן.

---

*) דער פראַגמענט נעמט אַרום די אַנטוויקלונג פון לאָדזש ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

לאָדזש ווערט אַ פאַבריקס־שטאָט (1820)

די רעגירונג פון קעניגרייך פוילן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָכן ווינער שאָלעם־קאָנגרעס אין יאָר 1815, האָט אויסגעאַרבעט אַ פראָיעקט פון אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. לאָדזש איז באַשטימט געוואָרן צו ווערן אַ טעקסטיל־צענטער.

פאַרוואָס דאַווקע לאָדזש איז דערצו באַשטימט געוואָרן, איז ניט קלאָר. נישט לאָדזש האָט זיך געפונען נאָענט פון אירע צוקונפטיקע אָפזאַץ־מערק, און זי איז אויך ניט געווען נאָענט צו די קוואַלן פון די רוי־מאַטעריאַלן פאַר איר שפעטערדיקער פראָדוקציע. זי האָט אַפילע נישט געהאַט קיין טייכן פון וואַנען צו שעפן גוט וואַסער פאַר די פאַבריקן און ווו אַהין אַרויסצולאָזן דאָס שמוץ, וואָס טעקסטיל־פאַבריקן געבן אַרויס פון זיך. פאַרקערט, די שטאָט האָט זיך געפונען נאָענט צו דער דייטשער גרעניץ, זייער נאָענט פון פרייסן און שפעטערדיק דייטשלאַנד, וואָס האָט שטענדיק געשטרעבט אויסצוברייטערן אירע גרעניצן אַף מיזרעך. עס לאָזט זיך דעריבער גלויבן, אַז מאַשפיע געווען אַף דעם אויסוואַל פון לאָדזש האָט דער אומשטאַנד, וואָס די רעגירונג האָט גערעכנט, אַז צוליב דער נאָענטקייט פון שלעזיען, וועט לייכטער זיין אַריבערצוברענגען פון דאָרטן די דייטשע וועבער־קאָלאָניסטן מיט וועמענס הילף די רעגירונג האָט געוואָלט שאַפן אין לאָדזש אַ טעקסטיל־אינדוסטריע.

דאָס יאָר 1820 רעכנט זיך פאַר דעם יאָר ווען די פוילישע רעגירונג האָט דערהויבן לאָדזש צו דער מאַדרייגע פון אַ פאַבריקס־שטאָט. די באַפעלקערונג פון לאָדזש האָט אין דעם יאָר געציילט 767 איינוווינער, צווישן זיי 259 יידן, דאָס הייסט, די יידן האָבן באַטראָפן 33.8 פראָצענט. אין יאָר 1823, ווען די דייטשע וועבער־קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן קומען קיין לאָדזש, האָט די שטאָט געציילט 799 איינוווינער, צווישן זיי 288 יידן, דאָס הייסט, 36 פראָצענט.

בעיס די רעגירונג האָט אין 1820 באַשטימט לאָדזש אַלס פאַבריקס־שטאָט, האָט זי פאַרנומען אַ שעטעך פון 828 העקטאַר ערד. אין יאָר 1821 איז די שטאָט פאַרגרעסערט געוואָרן ביז 1,016 העקטאַר.

אין יאָר 1825 האָט דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער באַרייזט פוילן און האָט אויך באַזוכט לאָדזש. לויט זיין פאַראָרדענונג איז די שטאָט ווידער פאַרגרעסערט געוואָרן. עס איז צו איר צוגעטיילט געוואָרן אַ נייער שעטעך פון 1,189 העקטאַר ערד, אַזוי, אַז די שטאָט האָט שוין אין 1825 פאַרנומען אַ שעטעך פון 2,205 העקטאַר לאַנד. דאָס מאָל איז פון די נייע שטאָכים געשאַפן געוואָרן דער נייער וועבער יישעוו „לודקאַ“ אין דער לענג פון דער פיעטראָקאָווער גאַס, פון ביידע זייטן פיעטראָקאָווער גאַס, אַף וואָלטשאַנסקאַ, און אין דער געגנט פון ניקאָלייעווסקאַ (שפעטער שענקעוויטשאַ), זיינען געשאַפן געוואָרן צוויי שפינעריי־יישעווים.

אין די יאָרן צווישן 1825 און 1830 איז אַנטשטאַנען דער נייער פאַבריק־יישעוו „ניי־לודקאַ“, אין דער געגנט פון די שפעטערדיקע זשאַרזשעווסקאַ און נאַפיורקאָווסקי גאַסן.

די אַלטע שטאָטישע גרעניצן האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן צו קליין. אין יאָר 1840 איז די שטאָט ווידער פאַרגרעסערט געוואָרן מיט נייע 534 העקטאַר, דאָס הייסט, זי האָט שוין פאַרנומען דעם שעטעך פון 2,739 העקטאַר, וואָס האָבן אַרומגענומען די מעלוכעוועלדער גלאַזנאָוו און פאַביאַניצע. צוויי נייע הויפטגאַסן זיינען דעמאָלט געשאַפן געוואָרן: גלוונאַ און טאַרגאָוואַ. פון 1840 ביז 1906, דאָס הייסט אין משך פון 66 יאָר. ווען די לאָדזשער באַפעלקערונג איז געוואַקסן פון 8,559 איינוווינער אין יאָר 1839, ביז 341,416 אין יאָר 1908, איז די שטאָט געבליבן אין די זעלבע גרעניצן. אין 1906 איז די שטאָט פאַרגרעסערט געוואָרן מיט 1,072 העקטאַר, און אין 1915 די לעצטע פאַרגרעסערונג מיט 2,064 העקטאַר, דאָס הייסט צוזאַמען האָט די שטאָט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע פאַרנומען אַ שעטעך פון 5,875 העקטאַר.

די דייטשע אימיגראַציע אין לאָדזש

די אייגנטלעכע אימיגראַציע פון די דייטשישע וועבער אין לאָדזש האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1823. די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון שלעזיע, האָבן זיך אָבער נישט באַזעצט אין דער אַלטער שטאָט. עס איז דאַן אויסגעטיילט געוואָרן אַ ספעציעלער פאַבריק־יישעוו, די אַזוי־גערופענע „נייע שטאָט“, וואָס האָט אַרומגענומען דעם פיר־קאַנט פון די גאַסן זאַכאָדניאַ און ווסכאָדניאַ, פולנאָצנאַ און פאָלודנאָוואַ (דער נייער מאַרק, אָדער „ניי־שטאָט“ ווי די יידן האָבן דעם פלאַץ גערופן, און וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן פון די פיר גאַסן, האָט נאָך ביז צום יאָר 1915 געדינט אַלס מאַרק אויף וועלכן עס פלעגן צוויי מאָל אין וואָך פאָרקומען יאַרידים. דער פלאַץ איז בעיס דער דייטשער אָקופאַציע, און באַזונדערס פאַר דער צייט פון פוילנס זעלבסטשטענדיקייט איבערגעבויט געוואָרן. דער פלאַץ האָט אין יאָר 1919 באַקומען דעם נאָמען „פלאַץ וואָלנאָשטשי“, — פרייהייטס־פלאַץ), און אין יאָר 1929 איז אַף אים אויסגעבויט געוואָרן דער ערשטער גרויסער דענקמאָל אין לאָדזש, פאַר פוילנס נאַציאָנאַלן העלד, טאַדעאוש קאָשטשושקאָ. דעם דאָזיקן דענקמאָל האָבן די היטלעריסטן פאַרן 11טן נאָוועמבער 1939 פאַרניכטעט.

די דייטשע וועבער האָבן געהאַלטן, אַז זיי געהערט דאָס אויסשליסלעכע רעכט זיך צו באַזעצן אין די נייע לאָדזשער פאַבריקס קוואַרטאַלן. דערביי האָבן זיי זיך פאַרופן אַף אַן אָפמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן דעם 30טן מערץ 1821 צווישן די דייטשע אימיגראַנטן און דעם קאָמיסאַר וויטקאָווסקי אַלס דער פאַרטרעטער פון דער מאַזאָוויעצקער וואָיעוודזקער קאָמיסיע. (דער אָפמאַך האָט פאַרווערט די יידן אין זגערזש צו קויפן דאָרט פאַר זיך אייגנטום און זיך פאַרנעמען מיט האַנדל.) דעם אָפמאַך האָבן די דייטשן אויך אָנגעווענדט אין לאָדזש. פאַרלייכטערט זיי אין דעם האָט דער אומשטאַנד, וואָס אין לאָדזשער מאַגיסטראַט געפינט זיך אַ קאָפיע פון זגערזשער אָפמאַך מיט דער צושריפט פון געהילף־סעקרעטאַר זאַוואַצקי „די פאָלגנדע פריווילעגיעס געהערט דער שטאָט לאָדזש“ (אָן אַ דאַטום און אָן אַן אָרט ווו דער אָפמאַך איז געשלאָסן געוואָרן, צוליב אָט דער באַמערקונג האָט מען לאַנגע יאָרן געמאַכט שוועריקייטן די

יידישע סאָכרים און פאַבריקאַנטן זיך באַזעצן אין די נייע שטאָטישע פאַבריקס־קוואַרטאַלן, ערשט די אויפקלערונג פון אינערן־מיניסטער פון יאָר 1840 און 1861 האָבן געמאַכט אַ סאָף צו דעם נישט־רעכטלעכן צושטאַנד).

ביכלאַל גענומען האָבן יידן אין לאָדזש ביז דעם יאָר 1820 נישט געהאַט קיין שום שוועריקייט צו באַזעצן זיך אָדער קויפן פאַרמעגנס. ערשט אונטערן דרוק פון די רעאַקציאָנערע שטימונגען, וואָס האָבן גענומען הערשן אין יענער צייט אין פּוילן, האָט זיך די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן בענויגייע זייערע וווין־ערטער שטאַרק פאַרערגערט.

דאָס נישט־יידישע בירגערטום אין פּוילן האָט גענומען אויסנוצן פאַר זיך די נייע פּאָליטישע לאַגע אין זייער קאָנקורענץ־קאַמף קעגן די יידישע סאָכרים און באַלמעלאָכעס. עס איז אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג צו פאַרטרייבן יידן פון די שטעט, שאַפן פאַר זיי געטאָס, אָדער אין גאַנצן אָפּשטעלן די אימיגראַציע פון יידן אין די שטעט.

דער אָנהויב פון דער לאָדזשער טעקסטיל־אינדוסטריע

ווי מיר האָבן פריער באַמערקט, האָט די יידישע אימיגראַציע אין לאָדזש זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1823. אין דעם יאָר זיינען אויך אַנטשטאַנען אין לאָדזש די ערשטע האַנט־וועבערייען.

צו באַקומען אַ באַגריף ווי אַזוי לאָדזש האָט אין מעשעך פון איין האַלב יאָר זיך געביטן, איז קעדאַי צו ברענגען דאָס וואָס עס האָט געשריבן אָסקאַר פלאַט. אַ פערזאָן וואָס האָט באַזוכט לאָדזש: „אין יאָר 1823 איז אין לאָדזש נישט געווען קיין שום האַנטווערקער־געביידע. עס האָט נישט געוווינט קיין פרעמדער פאַבריקאַנט. אין דעצעמבער יאָר, האָבן מיר אַף די ערטער ווו עס איז נאָך אין כוידעש יולי געוואַקסן טווע, געפונען 6 נייע פאַמיליע, וואָס זיינען געווען אין פולער באַוועגונג מיט סכוירע־וואַרשטאַטן, און האָבן געהערט צו 9 מייסטער, אַראָפּגעבראַכט פון גרינבערג, שלעזיע“.

אין די יאָרן צווישן 1823 ביז 1828 פאַרגרעסערט זיך לאָדזש זייער שנעל. אַנשטאַט די 6 וואַרשטאַטן אין 1823, דערגרייכט זי שוין אין יאָר 1829 צו 279. די פאַבריקס און האַנטווערקערישע באַפעלקערונג פון לאָדזש דערגרייכט אין יאָר 1828 די צאָל 1,979. אין יאָר 1825 האָט לאָדזש באַזוכט דער גאַלעך שטאַציץ. און ער באַריכטעט וועגן לאָדזש ווי וועגן „אַ קליין הילצערן רעגירונגס־שטעטל“. אָט דאָס קליינע שטעטעלע פון 1825 האָט אין 1828 שוין אויסגעאַרבעט 130.000 איילן טוך אין דעם ווערט פון 90.000 רובל.

אין יאָר 1828 האָט די לאָדזשער וואָל־אינדוסטריע באַשעפטיקט 385 מאַן. נאָך שנעלער ווי די וואָל־אינדוסטריע האָט זיך אין די 5 יאָר אַנטוויקלט די באַנוול און לייוונט־אינדוסטריע, וועלכע האָט אין יאָר 1928 אויסגעאַרבעט 250.000 איילן ביינוולנע און האַלבביינוולנע סכוירעס, ווי אויך 50,000 איילן לייוונט. פון דער ביינוול און לייוונט אינדוסטריע האָבן אין ענדע פון יאָר 1828 געלעבט 1,594 פערזאָן.

ביכלאַל האָבן די יידן אין לאָדזש געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דעם פעריאָד פון פאַרינדוסטריאַליזירן לאָדזש. דאָס הייסט ביז צום יאָר 1823. אין דעם יאָר האָט לאָדזש געציילט 288 יידן ד"ה 36 פראָצענט, וואָס איז געווען העכער ווי דער דורכשניטלעכער פראָצענט יידן פון גאַנץ קאָנגרעס פּוילן, וואָס האָט אין יאָר 1808 אויסגעמאַכט נאָר 27.9 פראָצענט.



מעכאַנישער וועב־שטול

דער פראָצענט יידן אין לאָדזש איז דאַקעגן געפאַלן אין דער צייט ווען לאָדזש איז אינדוסטריאַליזירט געוואָרן. אין יאָר 1839 האָט דער אָנטייל פון יידן אין לאָדזש שוין באַטראָפן נאָר 9 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג. דער פראָצענט פאַלט אַפילע ביז 8.3 אין יאָר 1841. (אין יאָר 1840, האָט דער דורכשניטלעכער פראָצענט פון די יידן אין די שטעט אין פּוילן באַטראָפן 39.0 פראָצענט.)

דאָס פאַרקלענערן זיך פון די יידן אין לאָדזש נאָך דעם יאָר 1823 האָט אָנגעהאַלטן ביז אין די פערציקער יאָרן אין פאָריקן יאָרהונדערט. די פאַרקלענערונג דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די יידן זיינען קימאַט נישט געווען צווישן די נייע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען פון דייטשלאַנד. די יידן אין דייטשלאַנד האָבן דעמאָלט ניט געהאַט צווישן זיך קיין וועבער אָדער פאַבריקאַנטן. די יידן אין לאָדזש האָבן אין דער צייט דערפילט די ראָל פון סאָכרים און האַנטווערקער. אַ גרויסע מעניע פאַר די יידן צו ווערן טעקסטיל־פאַבריקאַנטן איז געווען דער אומשטאַנד, וואָס לויט דער רעגירונגס־פאַראָרדענונג פון 7טן סעפּטעמבער 1825, איז איינגעפירט געוואָרן פאַר די יידן אַ יידישע „רעוויר“, אָנהייבנדיק פון 1טן יולי 1827. נאָר די יידן, וועלכע האָבן אַנט־

שפראָכן ספעציעלע באַדינגונגען, איז דערלויבט געוואָרן זיך צו באַזעצן און בויען פאַבריקן אָדער עפענען געשעפטן אין די נייע שטאָטישע קוואַרטאַלן אויסער דעם „רעוויר‟, און דאָס אויך צוערשט נאָר צוויי יידישע פאַמיליעס אַף אַ גאַס אויסערן „רעוויר‟ (געטאָ).

אומקערנדיק זיך צו די ערשטע יאָרן, ווען לאָדזש האָט אָנגעהויבן אינדוסטריאַליזירט ווערן, דאַרף אָנגעוויזן ווערן דערויף, אַז שוין אין די ערשטע פינף יאָר נאָכן באַשטימען לאָדזש אַלס טעקסטיל צענטער, זיינען אַ כוץ די האַנט־וועבערייען געשאַפן געוואָרן אויך גרעסערע צענטראַליזירטע פאַבריקן, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן דורך וואַסער. איינע פון די ערשטע אויסגעבויטע ביינוול־שפינעריי פאַבריקן אין לאָדזש אין יאָר 1827, האָט געהערט צו קריסטיאַן פרידעריק ווענדיש. די פאַבריק האָט זיך געפונען אַף פיעטראָקאָווער גאַס, נעבן סטאַוו, (באַם איצטיקן „גורני רינעק‟), און האָט אין ערשטן יאָר פון איר גרינדונג באַשעפטיקט 500 אַרבעטער.

אין יאָר 1835 האָט לודוויק גייער געברענגט קיין לאָדזש די ערשטע דאַמף־מאַשין. די פאַבריק האָט זיך זייער שנעל אַנטוויקלט, און אין יאָר 1841 האָט זי באַשעפטיקט 500 אַרבעטער. אין יאָר 1840 האָט לאָדזש פראָדוצירט סכוירעס אין ווערט פון 950,000 רובל.

אַף דער אַנטוויקלונג פון לאָדזש און איר אינדוסטריאַליזירונג האָט שטאַרק געווירקט דאָס, וואָס אין 1842 האָט ענגלאַנד אָפגעשאַפט דעם פאַרבאָט אַרויסצופירן שפינעריי־מאַשינען קיין אויסלאַנד. באַלד דערנאָך זיינען אַנטשטאַנען אין לאָדזש אַ ריי פאַבריקן, ווי די פאַבריקן פון גראָמאַן, לאַנדאַו, מאעס און פעטערס. דער שנעלער וווקס פון דער פראָדוקציע האָט פאַראורזאַכט אַן איבערפלוס אין סכוירעס און אַרויסגערופן אַ קריזיס. אין רעזולטאַט פון דער אַרבעטסלאָזיקייט איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע אויסוואַנדערונג פון דער לאָדזשער באַפעלקערונג אין די יאָרן צווישן 1843 ביז 1847. די צאָל לאָדזשער איינוווינער איז דאַן געפאַלן. פון 20,150 אין יאָר 1840, ביז 14,601 אין יאָר 1844, און אַפילע ביז 14,028 אין יאָר 1847.

די צאָל טעטיקע שפינדלען אין די שפינערייען האָט זיך פאַרקלענערט פון 12,672 ביז 7,728, און די צאָל זאָקן מאַשינען האָט זיך פאַרקלענערט פון 59 אין יאָר 1840 ביז 23 אין יאָר 1844.

אין יאָר 1850 איז אָפגעשאַפט געוואָרן די פויליש־רוסישע צאָל־גרעניץ, וואָס האָט ווידער געבראַכט צו אַ גרויסן אויפשטייג פון דער לאָדזשער אינדוסטריע. אַנשטאָט פיר דאַמף־מאַשינען, וואָס לאָדזש האָט געהאַט אין יאָר 1850, איז די צאָל געשטיגן ביז 10 אין יאָר 1851.

פון אַ קנאַפן מיליאָן רובל ווערט פון לאָדזשער פראָדוקציע אין יאָר 1840, איז דער ווערט פון דער פראָדוקציע געשטיגן ביז 4,185,285,00 רובל אין יאָר 1860.

עס איז קעדאי צו געדענקען, אַז דער וווקס פון דער פראָדוקציע איז פאָרגעקומען ניט געקוקט דערויף וואָס די יאָרן 1853 און 1854 זיינען געווען קריזיס־יאָרן פאַר דער לאָדזשער אינדוסטריע, די באַפעלקערונג האָט זיך דעמאָלט פאַרקלענערט. ערשט אין יאָר 1858 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער צופלוס פון איינוווינער קיין לאָדזש. דער גרעסטער צוּוווקס אין דעם יאָר פאַלט אויס אַף דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך פאַרגרעסערט אַף 50 פראָצענט, (פון 3,050 אין יאָר 1857 ביז 4,577 אין יאָר 1858). בעיים די פאַרגרעסערונג פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג האָט אויסגעמאַכט בלויז 12.3. דער פראָצענט יידן לעגאַבע דער שטאָט באַפעלקערונג אין לאָדזש איז געשטיגן און דערגרייכט אין דעם יאָר צו 15.5 פראָצענט.

פאַר דער לאָדזשער אינדוסטריע האָבן די יאָרן צווישן 1860 און 1870 געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. אין דעם צענדליק יאָר זיינען אין לאָדזש צוגעקומען אַ סך גרויסע פאַבריקן. פיל האַנט־פאַבריקן זיינען איבערגעגאַנגען אַף מעכאַנישע אַרבעט. די אַלטע, אָפגעלעבטע באַציונגען צווישן אונטערנעמער און אַרבעטער האָבן אויפגעהערט. לאָדזש איז איבערגעגאַנגען צו גרויס קאַפיטאַליסטישע פראָדוקציע־פאָרמען. אין דעם דערמאָנטן צענדליק יאָר איז לאָדזש אויך שטאַרק אויסגעוואַקסן אין באַפעלקערונג. פון 29,956 איינוווינער אין יאָר 1860 ביז 47,650 אין יאָר 1870.

אויך די צאָל יידן האָט זיך פאַרגרעסערט פון 4,597 אין יאָר 1860, ביז צו 10,000 אין יאָר 1870. אין יאָר 1860 זיינען אין לאָדזש געווען 149 אונטערנעמונגען (פון 4 אַרבעטער און העכער), אין וועלכע עס זיינען געווען באַשעפטיקט 8,512 אַרבעטער, און דער יערלעכער ווערט פון זייער פראָדוקציע האָט באַטראָפן 4,181,285.00 רובל. אין יאָר 1870 האָבן 284 אונטערנעמונגען מיט 7,668 אַרבעטער פראָדוצירט פאַר 8,217,148.00 רובל. אין יאָר 1878 האָט די לאָדזשער טעקסטיל־אינדוסטריע שוין פראָדוצירט סחורות אין ווערט פון 30.000.000.00 רובל.

פון יאָר 1870 אָן הויבט זיך אָן אַ נייע שטייגונג פון דער לאָדזשער באַפעלקערונג. אין יאָר 1878 האָט לאָדזש געציילט 100,000 איינוווינער. אין 1892 — 149,000; אין 1897 — 316,000; אין יאָר 1908 — 393,000; און אין יאָר 1911 — האָט לאָדזש שוין געציילט 512,472.

די יאָרן צווישן 1892 און 1912 זיינען געווען די יאָרן, ווען די באַפעלקערונג אין לאָדזש איז באַזונדערס געוואַקסן זייער שנעל. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט אין פאַרלויף פון די דערמאָנטע צוואַנציק יאָר דריי מאָל, און די יידישע 4,5 מאָל (פון 37.106 ביז 167,048, אָדער 32,6 פון דער גאַנצער באַפעלקערונג).

אין מעשעך פון דער צייט האָט לאָדזש באַקומען די באַן־פאַרבינדונג מיט וואַרשע. די ערשטע אייזנבאַן (פאַבריקס־באַן) וואָס האָט פאַראייניקט לאָדזש מיט וואַרשע איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1865. אין יאָר 1900 איז צוגעקומען די צווייטע קאַלישער באַן־ליניע, און אין די יאָרן פון 1899 ביז 1901 זיינען אין לאָדזש איינגעפירט געוואָרן די שטאָטישע און צווישן־שטאָטישע טראַמוויי־פאַרבינדונגען.

אין מעשעך פון די יאָרן איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין יאָר 1861 האָבן די יידן אין לאָדזש אַף אַ באַפעלקערונג פון 23,344 נעפאַשעס געציילט 4,982 פערזאָן אָדער 15.4 פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און 11,1 פון די ווירטשאַפטלעך אַקטיווע... אין יאָר 1897, האָבן די יידן אין

לאָדזש שוין געציילט 98,671, (די גאַנצע באַפעלקערונג 316,000) וואָס באַטרעפט 31.4 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און 24.3 פון די ווירטשאַפטלעך אַקטיווע.

די פּראָדוקציע פון לאָדזש האָט זיך אויך שטאַרק פאַרגרעסערט אין די יאָרן צווישן 1878, ווען זי האָט באַטראָפן 30 מיליאָן רובל, ביז 180 מיליאָן אין יאָר 1900.

וואָס פאַר אַן אומגעהויער גרויסער ציפער דאָס איז געווען פאַר לאָדזש, איז קענטיק ווען מען פאַרגלייכט דעם ווערט פון דער לאָדזשער פּראָדוקציע אין יאָר 1900, מיט דעם ווערט פון דער פּראָדוקציע פון דער גרויס־אינדוסטריע אין גאַנץ רוסלאַנד, וועלכע האָט באַטראָפן אין יאָר 1897 2,389,100,000.00 רובל.

לאָדזש האָט געהערט צו די רייכסטע שטעט אין פּוילן. פון אַן אָפּשאַצונג פון נאַציאָנאַלן פאַרמעגן פון דער שטאָט לאָדזש, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט דורכגעפירט אין יאָר 1912, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס פאַרמעגן פון אַלע לאָדזשער אַקציען־געזעלשאַפטן און פון כמעט 100 אַנדערע וויכטיקע פירמעס, און פון אַלע הויז און באָדן אייגנטימער, האָט באַטראָפן 501.5000,000 רובל. לויט די נאַציאָנאַליטעטן האָט זיך דער פאַרמעגן געטיילט אַף אַזאַ אויפן: צו דייטשן — האָט געהערט 285,500,000 רובל — 55.4 פּראָצענט; צו יידן — האָט געהערט 285,500,000 רובל — 34 פּראָצענט; צו פּאָליאַקן — האָט געהערט 41,000,000 רובל — 8 פּראָצענט.

די זעלבע סטאַטיסטיק האָט באַוויזן, אַז צווישן דער באַפעלקערונג, (אַכוץ באַלוט און אויסלענדער) האָבן דעמאָלט אויסגעמאַכט: די פּאָליאַקן 50.2 פּראָצענט, דייטשן — 26.3 פּראָצענט; יידן — 22.6 פּראָצענט.

אַף דער רייכקייט פון לאָדזש ווייזט אויך אָן דער פּוילישער עקאָנאָמיסט וול. גראַבסקי, אין „סטאַטיסטישן יאָרבוך פון קעניגרייך פּוילן, פאַרן יאָר 1914" (פּויליש) וואַרשע 1915. לויט גראַבסקין האָבן די קאַפּיטאַלן פון 60 שטעט פון קאָנגרעס פּוילן, אין יאָר 1908 באַטראָפן די סומע פון 2,060,000,000 רובל. פון זיי איז אויסגעפאַלן אַף לאָדזש 532,645,000 רובל, אָדער אַ פערטל פון אַלע קאַפּיטאַלן.

דער באַשטענדיקער אומבאַוועגלעכער קאַפּיטאַל פון די דערמאָנטע שטעט האָט באַטראָפן 740,511,000 רובל. פון דעם איז אויסגעפאַלן אַף לאָדזש 323,664,000 אָדער 43.7 פּראָצענט. אינטערעסאַנט איז דערביי, אַז דער אומבאַוועגלעכער קאַפּיטאַל פון וואַרשע האָט אין יאָר 1908 באַטראָפן נאָר 237,635,000 רובל.

מיר האָבן געזען דעם קאָלאָסאַלן ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג פון לאָדזש אין אַזאַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצן פּעריאָד, אָבער עס וואָלט געווען אַ טאָעס צו מיינען, אַז צום שנעלן וווקס פון דער שטאָט האָט מיט וואָס עס איז צוגעהאָלפן די רוסישע רעגירונג. פאַרקערט, פון איר זייט האָט די רוסישע רעגירונג אַלץ געטאָן קעדיי צו שטערן די אַנטוויקלונג און שיצן די רוסישע פאַבריקאַנטן קעגן דער שטאַרקער קאָנקורענץ פון די פּוילישע סכוירעס אַף די רוסישע מערק. וועגן דער צאָל־גרעניץ, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1850 צווישן פּוילן און רוסלאַנד און האָט שווער געמאַכט די קאָנקורענץ מיט די מאָסקווער און יאַראָסלאַווער פאַבריקאַנטן, האָבן מיר שוין פריער דערמאָנט. איצטער ווילן מיר נאָך צוגעבן, אַז אין יאָר 1889 האָט די רעגירונג, נאָכקומענדיק דעם דרוק פון די רוסישע פאַבריקאַנטן, געהעכערט דעם אָפּצאָל אַף דעם אַריינגעפירטן ביינוול דורך דער מיירעוו גרעניץ אַף 15 קאָפּיקעס אין גאָלד אַף אַ פּוד. גלייכצייטיק איז געהעכערט געוואָרן דער טאַריף פאַר איבערפירן מיט די באַנען טעקסטיל־סכוירעס פון לאָדזש קיין רוסלאַנד. דאָס זענען געווען שטערונגען פון פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. אַכוץ זיי און די נאָרמאַלע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטלעכע קריזיסן, האָבן אויך אַף אַ קורצער צייט געשטערט אין דער אַנטוויקלונג פון לאָדזש, די פאַרגעקומענע אויפשטאַנדן אין פּוילן אין די יאָרן 1831 און 1863.

נישט קוקנדיק אַף די אַלע אויסגערעכנטע שטערונגען איז לאָדזש געוואַקסן און זיך פאַרגרעסערט. בלויז אין די 3 יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מילכאָמע צווישן 1911 און 1913 האָט לאָדזש זיך פאַרגרעסערט מיט 92,000 איינוווינער. קיין אייראָפּעישע שטאָט האָט נישט צו פאַרצייכענען אַזאַ וווקס. עס איז באַוווסט, אַז אין ניינצנטן יאָרהונדערט האָט די באַפעלקערונג פון פיל אייראָפּעישע שטעט פילפאַך זיך פאַרטאָפּלט, אָבער קיין שטאָט אין אייראָפּע האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט לאָדזש. לויט פּראָפעסאָר באַלאָטס בוך „גרונט־ריסע דער סטאַטיסטיק", בערלין, 1913, (ציטירט לויט ראָסעטן „ווירטשאַפטס־פּראָבלעמען פון דער לאָדזשער שטאָט פאַרוואַלטונג", זייט 10) האָט די באַפעלקערונג אין די יאָרן צווישן 1800 און 1910 אין אַ רייע אייראָפּעישע שטעט זיך פאַרגרעסערט אַף אַזאַ אויפן: לייפּציג — 20 מאָל, בודאַפּעשט — 16 מאָל, מינכען — 15 מאָל, בערלין — 20 מאָל, בריסל, גלאַזגאָו און קעלן — 10 מאָל, אַ רייע אַנדערע שטעט, צווישן זיי אויך וואַרשע, האָבן זיך פאַרגרעסערט ווייניקער פון 10 מאָל.

לאָדזש האָט זיך פאַר דער זעלבער צייט פון 1800 ביז 1910 פאַרגרעסערט 600 מאָל! די גרעסטע פאַרגרעסערונג פאַלט אויס אַף די לעצטע יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג.



מוישע דאָוויד גיסער

לאָדזש מיט איבער פערציק יאָר צוריק

(זיכרוינעס)

איך קען נאָך אַדאַיעם נישט פאַרשטיין די סיבע, וואָס עס האָט מיין פאָטער פּייסעך געטריבן מיט איבער אַ פיר צענדליק יאָר צוריק צו פאַרלאָזן וואַרשע און זי אויסטוישן אַף דער רויכיקער און זשומענדיקער פאַבריק־שטאָט לאָדזש.

איך בין נאָך דעמאָלט אַ קינד געוועזן און נאָך איצט ליגן אין מיין געדעכעניש באַהאַלטן די זיכרוינעס פון אָט דער מאָדנער שטאָט, וואָס איז עפשער אין די פיר־און־צוואַנציק שאָ פונעם גאַנצן מעסלעם איינגעקנוילט געוועזן אין רויך און אין נעפל.

שאָען לאַנג פלעג איך שטיין און קוקן אַפן גרויסן וווּנדער פון די לאָדזשער טראַמווייען, וואָס זיינען געלאָפן אָן פערדלעך — עלעקטריש, און איך האָב זיך גאָרנישט געקענט אָנזעטיקן מיטן אויסטערלישן בילד פון די דאָזיקע אַליין־לויפנדיקע מעכאַבלים, ווייל אין וואַרשע זיינען נאָך צו יענער צייט די טראַמווייען געשלעפט געוואָרן פון פערד, און ווען עס איז געקומען צו אַ באַרג־אַרויף־גאַס, פלעגט מען צושפאַנען נאָך אַ פערדל...

פאַר מיין נאָך דעמאָלט־קינדערשן סייכל איז דאָס געווען אַן עמעסע אַנטפּלעקונג.

אָבער לאָדזש האָט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט די יאָנטעוודיקייט פון די וואַרשעווער אויסגעפּוצטע הויפּטגאַסן. דערפאַר האָבן אַף שריט און טריט, אַף יעדן שפּאַן געזען זיך די רויט־ציגלדיקע געביידעס פון פאַבריקן און דורך די צעעפנטע מוירעדיקע פאַרקראַטעוועטע פענצטער האָט מען געקענט נייגעריק קוקן: ווי איינגעהילטע אין קאָכעדיקן דאַמף, שטייען מענטשן באַ מאַשינען און ריזיקע פרעס־וואַלצן, פאַרבנדיק און פרעסנדיק פון די טייערסטע ביז די ביליקסטע שטאָפן, וואָס זיינען שפּעטער פונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער אַלע ווינקעלעך פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע.

ברייט איז געווען די פּיעטריקאָווער גאַס. דאָס איז געווען דער דרך המלך פון לאָדזש, וואָס האָט געפירט פון איין זייט צו גאַידעס מאַרק, ווו עס איז געשטאַנען מאַסיוו, איינגעוואַקסן אין דער ערד די מעלוכע פון פאַבריקאַנט גאַיערס פאַבריקן. צענדליקער קוימענס האָבן דאָרט געטייטלט צום הימל און געשפּיגן מיט פינצטערן רויך. און פון דער אַנדערער זייט איז געלעגן — באַלוט, אָט יענע פאָרשטאָט, אָדער קוואַרטאַל, וואָס האָט אַזאַ שעם געהאַט איבער גאַנץ פוילן צוליב איר אָרעמקייט; צוליב די אומצאָליקע יידישע האַנטוועבער, און גאַנצע טעג און נעכט פלעגט זיך פון דאָרטן הערן דאָס אומהיימלעכע רוישן און קלאַפּן פון זייערע שטולן.

איך בין נאָך דעמאָלט אַ קינד געווען, און אונדז איז אויסגעקומען צום ערשטן מאָל צו האָבן אונדזער אָרעמע וווינונג, און אויך דעם טאַטנס וואַרשטאַט, ערגעץ־ווו אַף אַ בוידעם־שטיבל, הינטער אַ שיפּן בלעכענעם דאַך, — אַ הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמעראָדנעם פראָנט פונעם פירקאַנטיקן פישמאַרק.

דער הויף איז געווען אַ גרויסער, אַ פירעקעכדיקער, — אַ גאַנצע יידישע מעלוכע, מיט אַ ברייטן הילצערנעם גאַניק, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע זיינע פיר אינעווייניקסטע ברודיקע מויערן, פונוואַנען ווייבער און דינסטמיידן האָבן אַראָפּגעגאָסן דורך אַ כפּעציעלן ברעטער־לאָך די אָפּפאַלוואַסערן פונעם טעגלעכן געברויך.

אַמשטאַרקסטן האָט זיך אין מיין קינדערשן קעפּל איינגעקריצט דאָס בילד פון אַ פרומען יידן, וואָס אין לאָדזש האָט מען אים גערופן דער מעוואַקער, און וואָס די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַנוצט מיט זיינע מעדיצינישע קענטענישן. איך געדענק נאָך גוט, ווי אין איינעם אַ פרייטיק־צונאַכטס, האָט מיין מאַמע מיך אַראָפּגעפירט אַ שטאָק נידעריקער, צום מעוואַקער, אַ פאַרקראַנקטן, מיט אַ פלוצים אויפגעשוואָלענעם פּאָנים.

ער איז שוין געזעסן באַם טיש און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ מאָדנער ליכטיקייט, אין סאַמע מיטן פון די זמירעס.

אינעם גרויסן ליכטיקן צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, געדעקט מיט אַ ווייסן בלאַנקענדיקן טישטעך. די בליץ־לאָמפּן, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע און די ליכט פון די זילבערנע שאַבעס־לייכטער אַף דעם אָנגעשטעלטן מיט מאַכאָלים פולן טיש, האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין העלער יאָנטעוודיקער בלענדיקייט. אַ סאַך מענטשן, בענייבאַים און מיסטאַמע אויך אָרכים, אָנגעטוענע אין זיידענע זשופּיצעס און אין סאַמעטענע היטלען זיינען געזעסן אַרום דעם טיש און סאַמע אויבנאָן איז געזעסן ער אַליין, דער מעוואַקער, אַ ייד מיט אַ שפּיציק בערדל און מיט אַ פּאָר טיפע ברענענדיקע אויגן, אָנגעטון אין אַ בלישטשענדיקע אַטלאַסענע זשופּיצע און אין אַ גרויסן שטריימל אַפן קאָפּ.

ער האָט מיך צוגערופן, באַטאַפּט דאָס געשווילעכץ פון דער באַק און מיך באַרואיקט מיט אַ פּאָר שמייכלדיקע ווערטער. צומאָרגנס איז ווי דורך אַ נעס, אָן רעפואָס, דאָס געשווילעכץ פאַרשוווּנדן.

דער מעוואַקער, ווייזט אויס, איז אַליין פאַר זיך געווען אַ שטיק לאָדזשער אינסטיטוציע. פון אומעטום פלעגט מען צו אים קומען: גאָים, יידן, אַז ער זאָל קומען מעוואַקער זיין (באַזוכן) אַ כוילע, ראַטעווען אַן אָוועקגעפאַלענעם און מ'האָט געהאַט צו אים צוטרוי מער ווי צו אַ דאָקטאָר.

ערגעץ באַ דער זייט האָט זיך אַרויסגעדרייט ביז צום פישמאַרק אַ גאַס — די וואָלבאָרסקא, ווו אין סאַמע ווינקל זיינעם איז געשטאַנען אין אַ הויף אַ גרויסער בייסמעדרעש, וואָס איז צו יענער צייט פון באַגינען ביז שפּעט באַנאַכט פול געווען מיט מיספּאַלים. ווען איין מיניען האָט אויפגעהערט דאַווענען, האָט

פונעם טומל אַרוים אַ צווייטער באַלטפילע זיך אַוועקגעשטעלט באַם אָמעד. דער האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט און שוין האָט אָנגעהויבן אַ דריטער מיניען צו דאַוונען מיט דווייקעס און היסלאַיוועס.

אין די קורצע פוילישע ווינטערטעג האָט אַזאַ דאַוונען געמאַכט אַן אויסטערלישן איינדרוק. די גרויסע בליץ־לאָמפן, וואָס האָבן אַף דיקע שטריק אַראָפגעהאָנגען פון דער פאַרויכערטער סטעליע, האָבן קוים געקאָנט באַלויכטן דעם ריזיקן כאָלאָל פון דעם דאָזיקן בייסמעדרעש. דער פראָסט וואָס האָט זיך יעדעס מאָל, באַם עפענען אַ טיר אַריינגעריסן מיט שניי און מיט ווילדער ווינטישער גווּורע, דאָס אַלץ האָט אַרויפגעוואָרפן אַ מאָדנע שטימונג אַף די הונדערטער מיספאַלעלים, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין דווייקעס באַטאָבענדיק די טפילעס מיט אַלערליי ניגונים און קוילעקוילעס און זייערע שאָטנס אַף די פאַרטונקלטע ווענט, האָבן צוגעגעבן אַ מיסטישן אויסזען דעם פרימאָרגנדיקן, אָדער אָוונטדיקן דאַוונען.

אָבער דער שטאָלץ פון דער אַמאָליקער לאָדזש, איז זיכער געווען די שיל אַף דער זעלבער וואָלבאָרסקער גאַס, וואָס ווער עס האָט זי געזען פון אויסנווייניק, האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אָט דאָס דאָזיקע געבעט־הויז זאָל האָבן אַזאַ וואונדערלעכע שיינקייט אין אירע אינעוויניקסטע מויערן, אַז מען פלעגט אַריינקומען אין דער דאָזיקער פרעכטיקער שיל, איז מען פאַרכאַפט געוואָרן פון אַזאַ קעדושעדיקער שטימונג, אַז מען איז ווי פאַרבליפט געוואָרן, פאַרצויבערט פון די איידעלע אַראַבעסקן, געמאָלן אין גרין־גאָלדענע טענער, וואָס האָבן פאַרשפרייט אילוזיעס, ווי מ׳וואָלט זיך געפונען אין אַ פאַרקישעפטן פאַלאַץ, פון עפעס אַמאָליקע לעגענדאַרע מעלאָכים.

די בראָנדזענע זשיראַנדאָלן, וואָס זיינען מאַלכעסדיק אַראָפגעהאָנגען פונעם סופיט, האָבן אין דעם דאָזיקן פאַרבנשפיל צוגעגעבן מיט זייער שיין און אומגעהייערן רייץ פון הייליקייט און שיינקייט דעם דאָזיקן איינציקאַרטיקן מאָקעם־קאָדעש, און עס גלויבט זיך קוים, אַז דאָס דאָזיקע בילד פון אָט דער שיל זאָל נישט האָבן געמאַכט אַ רוישעם אַף דעם קאַלטסטן באַזוכער וואָס איז בלויז נאָר איינמאָל געקומען איר באַזוכן, אָט יענע לאָדזשער פרעכטיקע שיל, וואָס האָט אָן סאָפעק געהערט צו די ווייניק געציילטע שילן אין פוילן, וואָס שווער, זייער שווער איז זיי אויסצומעקן פון אונדזער נאַציאָנאַלן זיקאָרן.

פאַלאַץ פון טעקסטיל־פאַבריקאַנט פאָזנאַנסקי אין לאָדזש

לאָדזש, האַגאַם זי איז געווען איינע פון די גרעסטע פוילישע שטעט, האָט דאָך, אין איר גרויסקייט, געהאַט אַף זיך דעם כויסעם פון פראָווינץ. אירע פילאַנטראָפישע אינסטיטוציעס זיינען דעמאָלט געווען, ווי אין דעם קלענסטן שטעטל זייער פרימיטיוו. עס איז קעדאַי צו דערמאָנען דעם „לינת הצדק“, וואָס האָט אויסגעטיילט, אַזוי צו זאָגן, מעדיצינישע הילף, ער איז געווען איינגעטיילט אין פאַרשידענע באַצירקן, אין די שטובן פון אַלט־איינגעזעסענע יידישע באַלעבאַטים.

אַזאַ שטוב איז שטענדיק געווען פול מיט מענטשן. אַ גאַנצן טאָג האָבן געהאַלטן אין איין קומען און אַרויסגיין נויטבאַדערפטיקע, פאַרצאָגטע און דערשלאָגענע יידענעס און יידן. די ווענט זיינען געווען אויסגעהאָנגען מיט בילדער פון מוישע מיט אַרענען און מיט פון וואָליטשקע אויסגענייט אַף קאַנווע אַ בילד פון אַקיידאַס ייצכאָק. אַף אַ קאָמאָדע זיינען געשטאַנען מעשענע שאַבעס־לייכטער. פון אַ שויבן־ווינקל האָבן אַרויסגעקוקט אַ זילבערנער קידעש־בעכער מיט קליינע בעכערלעך אויך פון זילבער, אַרום אַ בייכיקער קאַרפינקע און אין דער טיף הינטער זיי איז געשטאַנען אַ מעשן כאַנעקע־לעמפל און אַ בסאָמים־ביקסל מיט אַ זילבערן פאַנדל.

באַם טיש איז געזעסן אַ פרומער שווייגנדיקער ייד מיט אַ געדיכטער צעוואַקסענער באָרד ווי אַ וואַלד און האָט אַרויסגעטיילט „קוויטלעך“. טיילמאָל האָט דאָס זעלבע געטון זיין פרומע יידענע, אַ גאַבעטע, מיט אַ קאָפקע אַפן קאָפ און באַ יעדן מאָל אַרויסטיילן אַ קוויטל האָט זי פרום און הייליק געקרעכצט.

און טיילן האָט מען געדאַרפט. דעם אַ קוויטל אַף אַ פלעשל קעפיר פאַר אַ סוכאָטניק. אַז אַנדערן —

מילך פאַר אַ קראַנקער און רעפועס, רעפועס אָן אַ צאָל...

די שטאָט לאָדזש האָט זיך צו יענער צייט געלעבט איר פראָסטן לעבן. דאָס זעלבע לעבן ווי אין יעדער פראָווינץ־שטאָט פון פוילן. מיט כסידים און כסידים־שטיבלעך אין אַלע גאַסן, מיט שרעקלעכע מאַכלויקעס צווישן „גערער" און „אַלעקסאַנדרער" כסידים. בעקער האָבן געבאַקן ברויט, כאַלעס און אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט, אין בלויזע אונטערוועש, מיט לאַפטשעס אַף די פיס, אַרומגענומענע די נאַקעטקייט מיט אַ פאַרמעליקטן זאַק, האָבן בעקער־יונגען געטראָגן אַפן קאָפ גרויסע, געפלאָכטענע קוישן, מיט נאָך הייסע פון אויוון אַרויס לענגלעכע און רונדע שמעקנדיקע ברויטלעך.

לאָדזש האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג און יעדן שאַבעס, אַ גאַנצן טאָג, פלעגט מען זען אַזאַ טשיקאַווע בילד: ווי יינגלעך און מיידלעך זיינען געלאָפן מיט גרויסע טשייניקעס אין די הענט איינהאַנדלען קאָכעדיק וואַסער אַף טיי אין דער דאָרטיקער האַלב־מאָדערנער שוויץ־באָד און מיקווע, וואָס האָט זיך, ווי מיר דאַכט, געפונען, נישט ווייט פון דער שיל, אַף דער זעלבער וואָלבאָרסקאַ.

פאַרן וואַסער פלעגט מען צאָלן, צוליב שאַבעס, נישט מיט געלט, נאָר מיט ווייסע „טשאַסטקעס" צוקער, לעבן דעם ריזיקן פאַרעווע קעסל, זיינען דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען צוויי מענטשן און אָן אויפהער פון דעם דאָזיקן קעסל געצאַפט אין די טשייניקעס אַריין קאָכעדיק וואַסער, לויט דעם באַטרעף פון די קלעצלעך צוקער, וואָס זיינען אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין גרויסע עמערס, וואָס זיינען מיט אָנזען און כשיוועס געשטאַנען בא דער זייט אָנגעפילט מיט פודן, ווייסע, זויבערע שטיקלעך צוקער.

אין יענער צייט האָט זיך זייער שטאַרק אויפגעהויבן דער פולס פון דעם יידישן לאָדזש. עס איז שוין געווען נאָך דער יאַפאָנישער מילכאָמע און נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס יידישע לעבן איז געווען ווי דורכגעקנאָטן פון פאַרשידענע באַוועגונגען, וואָס האָבן באַהאַלטענערהייט אַקטואירט. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך פאַמעלעך, ווי אַ זון, געהויבן אַלץ העכער און העכער ביז צו איר העכסטן זעניט. ליטעראַרישע זשורנאַלן זיינען דערשינען, די יידישע צייטונגען האָבן גענומען פאַרצייכענען זייער גרעסטן דערפאָלג. אָבער איך בין נאָך דעמאָלט אַ קינד געווען און דורך די אַפישן בין איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געוויר געוואָרן פון יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן אַקטואירט אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער.

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט אַזעלכע נעמען ווי זאַנדבערג, וואָס האָט מיט זיין שפילן געקעניגט איבער לאָדזש. ווי לעגענדעס האָבן פאַר מיר אויסגעזען די בילדער אַף די אַפישן פון יוליוס אַדלער, וואָס האָט אויפגעטרייסלט מיט זיין רום אַלע שטעט און שטעטלעך פון פוילן. ערגעץ ווו אַף אַ גאַס פון לאָדזש איז געווען אַ יידישע קונסט־געזעלשאַפט „די מוזע". אָבער דאָס אַלץ איז נאָך נישט געווען צוטריטלעך פאַר מיר, דעם צאַרטן יידישן קינד, וואָס האָט אין די שווערסטע באַדינגונגען געמוזט זיך פאַרדינען דאָס אָרעמע שטיקל ברויט, טונקענדיק די דאַרע צעשוואָלענע הענטלעך אין גיפטיקע בייצן און פאַרבן.

פון יענער צייט אָן זיינען שוין אַ סאַך וואַסערן אָפגעלאָפן. אָבער איבער אונדז שוועבט איצט דאָס שוידערהאַפטע בילד פון אונדזער גרעסטן אומגליק: כאָרעוו איז געוואָרן אונדזער לעבן. אויסגעהאַרגעט, פאַרניכטעט די לעצטע עטלעכע דורות פון יידן, זיידעס טאַטעס און אייניקלעך.

לאָדזש, די אַמאָליקע לאָדזש, וואָס האָט אַזאַ וויכטיקע ראָל געשפילט אין אונדזער לעבן מיט אירע דיכטער, מיט אירע מאָלער, מיט איר רעוואָלוציאָנערן שוווּנג, וואָס איז געווען אַזוי ווירקנדיק און באַנייענדיק אין אונדזער לעבן. אָט די לאָדזש איז מער נישטאָ...

קיינמאָל נישט, אין קיין שום שטאָט פון אונדזערע מישפאָכע־וואַנדערונגען, האָבן מיר אַזויפיל געמאַטערט זיך און געהונגערט, ווי אין לאָדזש. ,

מיין טאַטע, דער גרויסער מעכאַניקער, האָט אַ שלעכטן כעשבן געמאַכט אין זיין לעבן. ער האָט זיכער, ווי אין זיין טעווע, אויסגעפאַנטאַזירט, אַז אין לאָדזש, ווו עס זיינען דאָ גרויסע פאַבריקן, וועט מען אים אויפכאַפן מיט ברייטע צעעפנטע אָרעמס. אָבער די פאַבריקאַנטן, זעענדיק מיין טאַטן, דעם מאָגערן יידן מיט דער לאַנגער טוכענער קאַפאָטע, מיט די רויטע געליאַמעוועטע אויגן, האָבן זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָ שטייט פאַר זיי איינער פון די מערקווירדיקסטע מייסטערס פון פוילן; אַ מעכאַניקער אַ קינסטלער, אַ מושלעם, וואָס נאָר אין די אַלטע צייטן האָט זיך אַזוינס געפונען. אַ מענטש, וואָס מ'האָט, ווי מען זאָגט, געקענט אויסאַרבעטן מיט די הוילע פינגער „פייגל אין דער לופטן". צונויפשטעלן די קאָמפליצירטסטע אַפאַראַטן, שניצן מאָדעלן, אויסגיסן פון בראָנדז און מאַכן די פרעכטיקסטע כאַנעקע־לעמפ און מענוירעס, נאָכמאַכן די זעלטנסטע טיילן פון מאַשינען — איז דעריבער נישט קיין ווונדער זיין גרויסע אַנטוישונג... ווייל די ליידן זיינען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נישט איינמאָל האָט מיין שטאָלצער טאַטע געמוזט אָנקומען צו ראַכמאָנעס פון גוטע מענטשן...

דריי יאָר האָבן מיר געוווינט אין לאָדזש, ווו מיין צאַרטע, געלערנטע און איידעלע קליינוווקסיקע מאַמע האָט מיט פרומער גאָטספאָרכטיקייט אָנגענומען ווי באַשערט פון גאָט די אָפקומעניש פון ליידן.

איך, דער בכאָר, מיין דעמאָלט פון מיר יינגערע שוועסטער ראָכעלע ע"ה, און די קלענסטע פון אונדז, די פולגעפאַקטע, פרעכטיקע סאָרעלע. אַלע מיר זיינען געווען שטילע אָנטיילנעמער אין דעם שווערן ספעקטאַקל פון נויט און הונגער...

אָבער ווי אַ סאַך מאָל אין אונדזער לעבן, האָט עפעס אַ נעס, אַ בלינדער צופאַל, אונדז אַרויסגעראַטעוועט פון אומקום.

און עפשער איז אויך דאָס אַ נעס, וואָס מיר איז באַשערט אין דער ווייטער פאַרוואָרפענער טשילע אויפצוקלייבן ווי פערל די געציילטע זיכרוינעס פון לאָדזש, די גרויסע שטאָט פון יידיש לעבן און שאַפן, וואָס האָט זיך אַמטיפסטן איינגעקריצט בא מיר אין זיקאָרן.

אַלעקסאַנדער קלוגמאַן (לאָדזש)

ווידערשטאַנד אין לאָדזשער געטאָ

זיבן יאָר זיינען פאַרביי זינט דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ. איך זאָג דער ענדגילטיקער דערפאַר, ווייל די סיסטעמאַטישע, שטופנווייזע ליקווידאַציע פון געטאָ איז פאָרגעקומען אין מעשעך פון די גאַנצע קנאַפּע פינף יאָר פון דער עקזיסטענץ פונעם געטאָ. די פעריאָדישע אויסזידלונגען, דער הונגער און עפּידעמיעס, די שווערע קאַטאָרזשנע אַרבעט — דאָס אַלץ איז געווען אַ גענויער, מיט דער דייטשער פּינקטלעכקייט באַאַרבעטער פּלאַן פון שטופנווייז אומברענגען די יידן, באַ אַ גלייכצייטיקן מאַקסימאַלן אויסנוצן זיי, קאָלזמאַן זיי לעבן, פאַר דער דייטשער קריג־פּראָדוקציע.

אין מעשעך פון די דאָזיקע זיבן יאָר, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון יענעם טראַגישן טאָג, זיינען שוין פיל מאָל געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו באַלויכטן דאָס לעבן און אומקום פון די יידן אין לאָדזשער געטאָ. און יעדעס מאָל שווימט אַרויס די פראַגע: „פאַרוואָס האָבן זיך די לאָדזשער יידן געלאָזט פירן ווי שאָף צו דער שכיטע?” „פאַרוואָס האָבן זיי נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד?“ אַ טייל פּרוּווט דאָס אויסטייטשן מיט די ספּעציפישע באַדינגונגען אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דאָס לאָדזשער געטאָ, פון דער אַבסאָלוטער איזאָלירטקייט פונעם אַרום, מיט דעם, אַז אויך אויסער די מויערן פון געטאָ, אַף דער פּוילישער גאַס איז די ווידערשטאַנד־באַוועגונג געווען אַ שוואַכע צוליב דעם, וואָס לאָדזש איז געווען איינגעגלידערט אין דייטשן רייך און דער געשטאַפּאָ־טעראָר איז דאָ געווען שטאַרקער ווי אין דער „גענעראַל־גובערניע”.

אַנדערע ווידער טייטשן אויס די סיבע פונעם פעלן פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד באַ די לאָדזשער יידן דערמיט, וואָס דער לאָדזשער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוו איז אַנטלאָפן, בעיים אָנקומען פון די דייטשן, קיין מיירעוו־אוקראַינע און מיירעוו ווייסרוסלאַנד, אַף די פאַרנומענע געביטן דורך דער רויטער אַרמיי. און אין לאָדזשער געטאָ איז נישט געבליבן קיין פירער, וואָס זאָלן קאָנען אָנפירן מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

די אַלע אויסטייטשונגען זיינען אָבער לויט אונדזער מיינונג, נישט קיין ריכטיקע. אויב מיר וועלן נעמען די סיבע פון דער טראַגישער איזאָלירטקייט פון לאָדזשער געטאָ, זעען מיר אָבער, אַז אַזעלכע לאַגערן, ווי אָשוויענטשים, מאַידאַנעק, סאָביבאָר און אַנדערע, וואָס זיינען געווען אַ סאַך שטאַרקער איזאָלירט און ווו דער אַכזאָריעסדיקער טעראָר איז געווען פיל גרויזאַמער, טראָץ דעם אַלעם אָבער האָט דאָרט עקזיסטירט אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג און עס זיינען דאָרט פאָרגעקומען באַוואָפנטע אויפשטאַנדן. אין לאָדזשער געטאָ, ווו די אינערלעכע אַדמיניסטראַציע איז געלעגן אין די הענט פון „יודנראַט” און די דייטשן האָבן זיך דירעקט אין די אינערלעכע איניאָנים פון געטאָ ווייניק געמישט, איז סאָף־קאָל־סאָף דער רעזשים געווען אַ לייכטערער ווי אין די טויט־לאַגערן, ווייל אַלץ איז אונטערגעלעגן דער אוממיטלבאַרער קאָנטראָל פון דער געשטאַפּאָ.

אויך דער פאַקט, אַז אין לאָדזשער געגנט איז די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג געווען אַ שוואַכע, איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. אַוואַדע איז וואַרשע געווען דאָס האַרץ פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און ביאַליסטאָק איינער פון די צענטערן פון דער ווייסרוסישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. דער דאָזיקער פאַקט האָט נישט געקאָנט בלייבן אָן איינפלוס אַף די פאַרשלאָסענע אין געטאָס יידן פון די דערמאָנטע שטעט. אָבער אויך אין לאָדזש און ספּעציעל אין דער געגנט אַרום לאָדזש האָט עקזיסטירט אַ לעבהאַפטע ווידערשטאַנד־באַוועגונג. פון די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע פון פּ. פּ. ר., וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך „לודזש וו' וואַלצע אָ וואָלנאָשטש” (לאָדזש אין קאַמף פאַר פרייהייט) זעען מיר בוילעט, וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ שטאַרקער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג און אין לאָדזש גופע, וואָס האָט אויסגעפירט גרויסע סאַבאָטאַזש־אַקטן, „עקסן“, טויט־אורטיילן איבער פאַרעטער און אַנדערע. צווישן אַנדערע איז אויפגעריסן געוואָרן אַ גרויסער אַמוניציע־לאַגער אין גאַלקוועק הינטער לאָדזש, אַדורכגעפירט געוואָרן אין מיטן העלן טאָג.

LITZMANNSTADT-GETTO
10
POSTABTEILUNG
ÄLTESTEN
JUDEN
10
10
10
10

JUDENPOST
10
LITZMANNSTADT-GETTO

פּאַסט־מאַרקעס אין
לאַדזשער געטאָ

אַ קילעם — געפונען אין לאָדזשער געטאָ

אַן „עקס" אין דייטשן געווער-מאַגאַזין אַף פּיעטרקאָווער-גאַס אא"וו.

וואָס שייך דעם פאַקט, וואָס אַ גרויסער טייל פון לאָדזשער יידישן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו האָט זיך געפונען אין לעמבערג און ביאַליסטאָק, הייסט דאָס אָבער נישט, אַז צווישן די עטלעכע הונדערט טויזנט יידן, וואָס האָבן געלעבט אין געטאָ, איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל קאָנען אָנפירן מיט אַ ווידערשטאַנד-באַוועגונג. זיכער האָט דער יאָכיד, דער פירער אַ גרויסן איינפלוס אַף דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג, אָבער פאַלש וואָלט געווען צו מיינען, אַז ווען דעם פירער פאַרפעלט, גייט אונטער די באַוועגונג. אין פאַרשידענע געשיכטלעכע מאָמענטן קומען אויף נייע פירער.

צי זיינען אין לאָדזשער געטאָ געווען מענטשן, וואָס וואָלטן געקאָנט אָנפירן מיט אַ קאַמף קעגן די דייטשן? זיכער זיינען אַזעלכע געווען, און אין גאַנג פון קאַמף וואָלטן צענדליקער נאָך רייף געוואָרן.

וואָס איז, אַלזאָ, געווען די סיבע, וואָס אין לאָדזשער געטאָ איז נישט געקומען צו קיין באַוואָפנטן ווידערשטאַנד?

דאָ דאַרף קלאָר געזאָגט ווערן, אַז אין לאָדזשער געטאָ האָט עקזיסטירט אַ ווידערשטאַנד. אַן אייגנאַרטיקער ווידערשטאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין סאַבאָטאַזש-אַקטן קעגן דער דייטשער פּראָדוקציע, אין קאַמף קעגן דער געטאָ-אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט פאַרטרעטן די אינטערעסן פון די דייטשן. עס איז אין אַ ברייטן פאַרנעם אַדורכגעפירט געוואָרן די אַקציע „פּ.פּ." (אַרבעט פּאַמעלעך!), וואָס האָט זייער באַדייטנדיק פאַרמינערט די דייטשע קריג-פּראָדוקציע אין געטאָ. עס זיינען פאָרגעקומען שטרייקן פון אַרבעטער, וועלכע האָבן געפאָדערט בעסערע אַרבעט-באַדינגונגען, העכערע אַפּראָוויזאַציע-צוטיילונגען אא"וו. אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון קאַמף אין לאָדזשער געטאָ, איז געווען דער הונגער-שטרייק. אין די שווערסטע באַדינגונגען, בײַ דער שרעקלעכער נויט און הונגער, האָבן זיך אַרבעטער אין די „אַרבעט-רעסאָרטן" אָפּגעזאָגט צו נעמען די זופּן, אַלס פּראָטעסט קעגן דער שלעכטער באַשפּייזונג, קליינע לוינען און אַנד. די דאָזיקע ווידערשטאַנד-באַוועגונג איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער לינקער „צווישנפּאַרטיינס-קאָמיסיע". די גרעסטע אַקטיוויטעט און איבערגעגעבנקייט אין דער דאָזיקער אַרבעט, האָט אַרויסגעוויזן די יוגנט, אָרגאַניזירט אין דער „אַנטיפאַשיסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע", וועלכע האָט זיך שפּעטער פאַראייניקט מיט דער „צווישנפּאַרטיינס-קאָמיסיע".

אין די דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אינעם אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, זיינען פאַראַן גוויאַס-איידעס פון לאָדזשער געטאָ-יידן, וואָס שילדערן אַ ריי פון אַזעלכע שטרייק-אַקציעס.

הערלעך זיינען געווען די סאָלידאַריטעט-אַקציעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין די פאַבריקן. ווען די אַרבעטער פון איין רעסאָרט האָבן געשטרייקט, נישט נעמענדיק די זופּן, האָבן אַרבעטער פון אַנדערע רעסאָרטן געשיקט זיי זייערע זופּן. איינע פון אַזעלכע אַקציעס איז פאָרגעקומען אין קינדער-שניידער-רעסאָרט אַף לאַגעווניצקע 87, וווּ עס האָבן געאַרבעט בלויז קינדער פון 10 ביז 15 יאָר. ווען די קינדער האָבן באַשלאָסן נישט צו נעמען די זופּן, פּראָטעסטירנדיק אַזוי אַרום קעגן דער הויכער אַרבעט-נאָרמע און שלעכטער באַשפּייזונג, האָט די יוגנט פון אַנדערע רעסאָרטן זיי געשיקט זייערע זופּן. דער „יודען-עלטסטער" רומקאָווסקי האָט געשיקט זיין געטאָ-פּאָליציי, וועלכע האָט פאַרבלאָקירט די גאַס און נישט צוגעלאָזט די זופּן פאַר די קינדער.

ענלעכע אַקציעס זיינען פאָרגעקומען אין מעטאַל-רעסאָרט, זאַטלער-רעסאָרט, שניידערייען און אַנדערע. דאָס אַלץ איז אָבער נישט געווען קיין באַוואָפנטער ווידערשטאַנד, — קיין אוממיטלבאַרער קאַמף קעגן די דייטשע אויסראָטער.

אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד האָט נישט געקענט אויסברעכן סטיכיש. ער האָט געמוזט זיין אַ רעזולטאַט פון אַ סיסטעמאַטישער, געמיינזאַמער אַרבעט פון אַלע אַנטיפאַשיסטישע קויכעס אין דער יידישער געזעלשאַפט. מען האָט געדאַרפט זאַמלען געווער, אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיטן דרויסן, שולן קעמפער אא"וו. דאָס האָט געקאָנט קומען נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון אַ קאָאָרדינירטער צוזאַמענאַרבעט פון אַלע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען.

אין לאָדזשער געטאָ האָט אַזאַ איינהייט נישט עקזיסטירט. דער איינציקער געזעלשאַפטלעכער קויעך, וואָס איז געשטאַנען אַפן שטאַנדפּונקט פון קאַמף קעגן דעם „יודנראַט" און דעם דאָזיקן קאַמף קאָנסעקווענט רעאַליזירט, — איז געווען די לינקע ריכטונג. אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַצויגן „נייטראַל" לעגאַבע רומקאָווסקין. געוויסע געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט פּאָליטישע ריכטונגען, האָבן אַפילע די-

י. א. ראָנטש

לאָדזשער קוימענס

(פון אַ באַזוך אין 1935)

די גאָרגלדיקע קוימענס קוקן גאַדלעסדיק אַראָפּ
אַף שמאָלע, הינקענדיקע געסלעך־קאַליקעס;
אַף הויקערדיקע הייזלעך, פאַרקאָפּטשעט און פאַרפּראָפּט,
אַף שייבעלעך פאַרשטעלט מיט ברודנע שאַליקעס.

איך האָב אַלס קינד געשראָקן זיך פאַר הויכע קוימענס פון פאַבריקן,
וואָס האָבן מיר געדראָט פון לאָדזשער הויפן,
ווי שיקלדיקע קאַלמיקן מיט האָצקעדיקע פּיקעס,
פון וועלכע מיר פלעגן זיך ווי מייזלעך צעלויפן.

שטייען איצט פאַבריקן, קרישלדיק ווי מומיעס.
פון די בלודנע פענצטער פינצטערט פּאַכעד־הונגער.
שטאָלענע קאַפּעליע פון מאַשינען שטום איז;
גריזשנדיקע נויט האָט וועבשטול אָפּגעדונגען.

און די הויכע קוימענס, אָט די לאַנגע דראַנגען,
גאַפן סטאַם ווי אָפּגעריסענע נאַרן.
כ׳וואָלט די גאָרגלען די פּריסטע איצט באַהאָנגען
מיט אַ קרענצל שפּולן פון שוואַרצע גאַרן.

רעקט מיטגעאַרבעט מיטן „יודנראַט”, פאַרנעמענדיק פאַרשידענע אָנפירנדיקע פּאָסטנס אין דער געטאָ־אַדמיניסטראַציע.

די דאָזיקע מענטשן האָבן געפּריידיקט, אַז אויב מיר וועלן זיין „געהאָרכזאַמע קינדער” און רואיק אַרבעטן פאַר די דייטשן וועלן זיי אונדז לאָזן לעבן ווייל „זיי דאַרפן דאָך האָבן אונדזער אַרבעט”. אַף אַזאַ אויפן האָבן די דאָזיקע „טוער” אַנטוואָפנט פּסיכיש די געטאָ־מאַסן, וועלכע האָבן מיט יידישן ביטאָכן געגלויבט, אַז „אולי ירחם?...”, קאָלזמאַן מען לעבט, האָט מען אַ האָפענונג, און אויב מיר וועלן אַרויסטרעטן אין קאַמף, וועלן מיר זיכער אומקומען”.

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער, וועלכער וועט זוכן די סיבעס פון דעם נישט־רומפולן פינאַל פון דער טראַגעדיע, וואָס הייסט „לאָדזשער געטאָ”, וועט ווי איינע פון די גרונט־סיבעס דערפון, פאַרשרייבן די פאַרעטערישע האַנדלונג פון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעשוואַכט דעם ווידערשטאַנד־קויעך פון די פאַרשפּאַרטע יידן אין לאָדזשער געטאָ.

הילעל גאָלדרינג

אַ שפּאַציר איבער באַלוט

ב׳האָב אויך דאָס מאָל נישט געקענט ביישטיין דעם ניסאָיען, באַם אַרויסגעבן דעם צווייטן נומער „אונדזער לאָדזש“, נישט צו דערמאָנען אָט דאָס אָרט, די סוויווע און דעם אַרום, וועלכע האָבן מיך אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל דערינערונגען, וועלכע זיינען פֿאַרבונדן געווען מיט קאַמף פֿאַר אַרבעט, און עקזיסטענץ, און וועלכע האָט מיר געוויזן דעם דאַכקעס און נויט אין וועלכער די האָרעפּאַשנע יידישע אָרעמקייט איז אויסגעקומען צו לעבן, — מיין געגנט באַלוט.

ווען איך דערמאָן באַלוט שווימען אַרויף אין מיין זיקאָרן די יונגע יאָרן. כאָטש אין דאַכקעס און אָרעמקייט, אָבער דאָך שיין און אינטערעסאַנט איז געווען דאָס לעבן, סיי אין געזעלשאַפטלעכן און סיי אין פּאָליטישן און סינדיקאַלן זינען.

טראָצדעם וואָס די עקאָנאָמישע סיטואַציע און די לעבנס־באַדינגונגען, זיינען היינט געוויס בעסערע ווי דאַן, — קענען מיר אָבער נישט לייקענען, אַז כאָטש דאָס לעבן איז דעמאָלט געווען אַן אָרעמס, איז עס אָבער געווען מיט מער אינהאַלט, באַשיידענער אָבער אינהאַלטספולער. מיר מוזן סאָפּקאָלסאָף אָנערקענען אַז דאָס דעמאָלסטיקע לעבן, אין דער אַרבעטער־געגנט. אין באַלוט, איז געווען אינטערעסאַנט. באַ יעדן מין צוזאַמענקום, צי דאָס איז געווען אַף אַ מיטינג אין טעאַטער „פּלאַרא“, אַף זאַוואַדסקע, צי אין קינאָ „סעראַנאַ“, אַף אַלעקסאַנדער־גאַס, אָדער אַף אַ פֿאַרזאַמלונג אין טעקסטיל פֿאַריין, אַף לאַגעווניצקא 4, אָדער אַף בזשעזשינער 23, — דאָס איז געווען דער אַדרעס פֿון דער קולטור־ליגע, — אומעטום ווו מיר זיינען זיך נאָר צונויפֿגעקומען, האָט מען געפֿילט די נאָענטקייט, די וואַרעמע און איבערגעגעבענע באַציונג פֿון איינעם צום צווייטן, אָט אַ דאַנק יענעם גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן באַלוטער לעבן, זיינען מיר רייף געוואָרן און דאָס האָט אונדז געגעבן אימפּולס, שוווּנג, ווייטער צו קענען שפּינען און בויען אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן, איבעראַל ווו מיר זאָלן זיך נישט געפֿינען.

מיין לעצטע רייזע קיין ייסראָעל און איראָפּע, האָט מיר געגעבן דעם אימפּולס און סטימול ווייטער פֿאָרצוזעצן מיט מיינע דערינערונגען וועגן אונדזער באַלוט, ווייל אַנטרעפֿנדיק זיך אַף מיינע וועגן ווו איך זאָל נישט געווען זיין מיט לאָדזשער, וועלכע האָבן שוין, זייט אַ סאַך יאָרן פֿאַרלאָזט אונדזער היימשטאָט און אויך אַזעלכע וועלכע זיינען נאָכן דורכמאַכן דעם שווערן כורבן, ענדלעך צוגעקומען צו די ברעגן פֿון ייסראָיִל אָדער פֿראַנקרייך, — טראָץ זייערע שווערע איבערלעבונגען און אַלפּינעס געראַטעוועטע, ווו זייער לאַגע איז נאָך ווייט קיין פֿויגלדיקע ניט, ווען זיי דערמאָנען זייער טייערע היימשטאָט לאָדזש, איז יעדער פֿון אָט די מענטשן רעדט מיט בענקשאַפֿט אין האַרצן, און מיט טרערן אין די אויגן, ווען ער דערמאָנט דאָס וואָרט לאָדזש, ווייל זאָגנדיק לאָדזש, מיינט עס רעדן וועגן דער שטאָט פֿון פּראַצע און האָרעוואַניע, פֿון ריזיקע רייכטימער און גרויסער נויט, און דאָס קרעפֿטיקע פּאָליטישע, קולטור־רעלע, געזעלשאַפֿטלעך לעבן וואָס האָט דאָווקע געהאַט זיין אָנשפּאַר אין דעם דאַכקעסדיקן באַלוט.

באַם אָנהייבן ווייטער צו שילדערן אָדער מאַכן אַ שפּאַציר איבער באַלוט האָב איך זיך געטראַכט: בין איך טאַקע בעקויעך אין מיינע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן אַרויסצוברענגען כאָטש אַ טייל פֿון דעם וואָס באַלוט האָט מיך זיך פֿאַרגעשטעלט? אַ סאַך איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן באַלוט, אָבער איך מיין אַז דער ווער עס האָט נישט מיטגעלעבט מיט דעם אימפּעטפולן אָטעם פֿון באַלוט, קאָן נישט פֿילן און אַרויסברענגען אין זיין וואָרט, — מעג עס זיין וואָס פֿאַר אַ טאַלאַנטפולער שרייבער, — דאָס לעבן און דעם אַרום, ווו אונדזער וויגעלע איז געשטאַנען.

ווען מיר דערמאָנען זיך אַפֿילע די כיידער־יאָרן אין באַלוט. צימערן ד׳ אַל ד׳, ניט־ווענטילירטע, ווו ס׳האָבן זיך געפֿילט רייכעס פֿון אָרעמע, איבערגעבליבענע מאָלצייטן פֿון ערשט־געקאָכטער וועש, ווו די סאָדע און פּאַרע האָבן צוגעגעבן אַ שטאַרקן רייעך, וועלכע איז טיף פֿאַרקראָכן אַזש אין די נאָזלעכער, — דאָס איז געווען דאָס אָרט ווו מיר האָבן באַדאַרפֿט קריגן אונדזער ערשטע גייסטיקע שפּייז. דאָרט האָבן אונדזערע עלטערן אונדז געשיקט שעפּן פֿון די קוואַלן פֿון טוירע. און בעמיילע, אין אַזאַ אַטמאָספֿער, איז דער כיישעק נישט געווען, וואָס אַן עמעס קיין גרויסער, צום לערנען ווייל מיר דאַרפֿן נישט פֿאַרגעסן, אַז כוץ טאַלמידים, האָבן מיר אינעם כיידער באַדאַרפֿט אויספֿירן פֿאַרשיידענע פֿונקציעס, שוין נישט אַריינרעכענענדיק דעם בייזן רעבן מיט זיין לאַנגן קאַנטשיק...

אָט וואַכט אויף אין מיין זיקאָרן אַ מאָמענט ווען איך בין געגאַנגען אין יאַנקעוו קיעלצער כיידער, אַף מליינאַרסקע 8. די רעביצן, אַ קליין ווייבל, וועלכע האָט אַף דער היגיענע נישט שטאַרק מעדאַקדעק געווען, האָט אונדז אָפּט, זונטיק אינדערפֿרי, מעהאַנע געווען מיט איבערבלייבעכץ פֿון שאַבעסדיקן טשאָלנט, אָבער דאָס איז שוין געווען פֿאַרבונדן מיט אַ געוויסער פֿאַרפּליכטונג: זי האָט אונדז צוגערופֿן און געזאָגט: „ייִנגעלעך, עסט אויף דאָס טשאָלנט“ (אין דעם פֿאַל דאָס איבערגעבליבענע און צוגעקלעפּטע צו דער דיניצע פֿאַרבליבענע ביסל עסן), אָבער מ׳דאַרף „אויסוואַשן און ריין מאַכן דעם טאָפּ“... דאָס איז געווען אַזוי צו זאָגן, אונדזער „סכאַר האַליכע“ פֿאַר אונדזער זשעדנעקייט צו עסן באַם רעבן, כאָטש אין דער היים האָט אַזעלכעס נישט אויסגעפֿעלט... ס׳איז שוין איבעריק צו זאָגן, אַז גרויס כיישעק איז באַ אונדז נישט געווען צום לערנען, אויך אַפּילע אין די גרעסערע כאַדאָרים ווי צ״ב אין „מחזיקי הדעת“ און אַפֿילע אין די יעשיוועס איז אויך דער גרעס־

טער טייל פון אונדז געגאַנגען אַן כיישעק, און טראָץ דעם זיינען אַ סאַך פון אָט־די יינגלעך און שפעטערדיקע באָכורים אויסגעוואַקסן גרויסע געזעלשאַפטלעכע, פאָליטישע און סינדיקאַלע טוערס, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנפירנדיקן אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָדזש.

איך וויל איצט מאַכן אַ קליינעם שפאַציר איבער באַלוט. אין מיין זיקאָרן דערוואַכן אַ טייל גאַסן ווו עס האָט זיך ספעציעל אָפגעשפיגלט דאָס יידישע האָרעפאַשנע לעבן.

ווען מ׳קומט צו אַף נאָוואָמיעיסקע, אין קאָמפאַקטן פון יידישן האַנדלס־צענטער, — ווו קימאַט טיר באַ טיר האָבן זיך געפונען קראַמען פון שניט־סכוירעס און פאַרטיקע מאַלבושים, ווו די קאָנקורענץ איז געווען אַ בוילעטע, אַרויסרייסנדיק איינער פון צווייטן דעם קליענט פון די הענט, — און מיר קומען צו צו דער „יידישער גאַס“, פון איין זייט די אַלטע שטאָט, ווו עס איז שוין דעמאָלט געווען אַ גאָרטן מיט הילצערנע בענק, וועלכן מ׳האָט גערופן „פראָים־לאַזערס“־פאַרק, און מיר פאַרקערעווען צו דער וואָלבאַרסקאַ־גאַס, נאָענט פון באַרימטן „שאַכער־מאַרק“, ווו מ׳האָט שוין פון ווייטנס געקאָנט הערן די קוילעס פון יידישע הענדלער, אָנבאָטנדיק זייערע ווילדע מעציעס, ווי אויך דער פיש־מאַרק, ווו ווייבער פלעגן ערעוו שאַבעס אָנפילן די קראָמען איינקויפנדיק פיש לעקאָוועד שאַבעס. און אינמיטן דעם טומל פון האַנדל און וואַנדל האָט זיך מאַיעסטעטיש אַרויסגעהויבן פון צווישן קליינע אָרעמע שטיבעלעך, די ראַכוועסדיקע און פרעכטיקע געביידע פון דער אַלט־שטאָטישער שול, וועמענס באַרימטע אַרכיטעקטור האָט געהאַט אַ שעם איבער דער גאַנצער וועלט. פון דער שיל האָט געפירט אַן אַדורכגאַנג צו „מאָרדכע־גאַבעס“ גאַס, פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט האָט דער וועג געפירט צו שוויענטאַ יאַקובאַ גאַס, ווו עס האָבן זיך געפונען די 2 גרעסטע טאַלמעטוירעס פון לאָדזש, ווו אָרעמע קינדער פלעגן קריגן זייער יידיש־רעליגיעזע דערציונג און אויך פון צייט צו צייט אַפילע אומזיסט מאַלבושימלעך און שיכלעך.

פון מאָרדכע־גאַבעס גאַס פירט אונדז דער וועג צו דער האַלע, אַ מין „פעריע“, אָנגעפיקעוועט מיט קלייטן און יאַטקעס. אין דער זעלבער האַלע האָט זיך אויך געפונען די כעווורע, אַ מין שילעכל פון די קאַצאָווים, ווו מ׳פלעגט דאַווענען, אַרויסגייענדיק פון דער האַלע, קאָשטשיעלנאַ, גייען מיר צו צו בזשעזשינער גאַס, ווו עס איז ווי אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, די גרויסע רויטע „טומע“ (קלויסטער). אַנטקעגן אָט דער דאָזיקער "טומע" האָט זיך געפונען דער באַקאַנטער „יוינע פילצערס“ פלאַץ.

וועלכער באַלוטער אָדער ביכלאַל לאָדזשער געדענקט עס נישט וואָס מ׳האָט אַלץ נישט געקענט באַקומען אַף אָט דעם פלאַץ? אַריינגייענדיק דורך דעם אייזערנעם טויער דורך לאַגעווניצקא און בזשעזשינער וואַרפן זיך גלייך אין די אויגן די גרויסע סטראַגאַנעס פון אַלע מינים פרוכטן, עטוואָס ווייטער — אַלע מינים גרינצייגן. אַפן פלאַץ דרייען זיך אַרום פרויען, מענער און אַפילע קינדער, אָנבאָטנדיק סאָך מיט סאָדעוואַסער, הייסע באָבעס, וואַרעמע ווורשטלעך, הייסע קאַרטאָפל־לאַטקעס, אַפילע אַ טעלערל זופ אויך, קעדיי זיך אַביסל צו דערוואַרעמען אין די גרויסע קעלטן, אויך אַ שטיקל גאַלער (פאַרפרוירענע פיש) און אָט־די אַלע מאַכאָלים און האַרץ־דערכאַפענישן פלעגן די „גייענדיקע“ סאָכרים אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן אָנבאָטן; עס האָבן אויך נישט געפעלט די יאַטן וועלכע האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט בעיים אַזאַ סויכער פלעגט רעדן מיט אַ קוינע, צו באַנוצן זיך מיט אַ ספעציעל צוגעגרייטן צו דעם צוועק שטעקן, וועלכער האָט געהאַט אין זיין עק אָנגעקלאַפט אַ טשוואָק, אָפצושטעכן אַף אים אַן עפל אָדער אַ באַרנע, און אַנטלויפן...

האַנט־וועבער אין באַלוט

אַביסל ווייטער פון דאַנען, נאָענט צו לאַגעווניצקא און פעפער־גאַס האָבן זיך שוין געפונען די הערינג־סאָכרים, וועמענס סכוירעס עס האָבן זיך שוין געפילט פון גאַנץ ווייט... און וועמענס פעטע אוליקעס דער לאָדזשער אוילעם האָט אַזוי שטאַרק געפאָדערט.

אַרויסגייענדיק פון יוינע פילצערס פלאַץ, ווו אַף איין זייט, אַף לאַגעווניצקא 4 האָט זיך געפונען אַן אָפטיילונג פון טעקסטיל פאַריין; דער פאַריין פון די פלייש־אַרבעטער; דער פאַריין פון די טרעגער. פאַר דעם דאָזיקן הויז פלעגן זיך אָפטמאָל זאַמלען אַרבעטער, און שטענדיק דיסקוטירן.

באַלד דערנעבן געפינט זיך די פעפער־גאַס. דאָרט הערט זיך שוין דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפן פון די האַנט־שטולן, פון די באַלעבאַטישע לוין־וועבער, אונטערזינגענדיק זיך פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע און אויך טעאַטער־ניגונימלעך... מיט דער דאָזיקער גאַס בינדט זיך מלינאַרסקע, דאָס שמאָלע געסל, זאַוואַדסקע, — און מיר קומען צו צום באַלוטער פלאַץ. לעבן באַלוטער פלאַץ, אַף לאַגעווניצקא 25 האָט זיך געפונען די קינדער־היים. דער באַלוטער פלאַץ, אַ ראַכוועסדיקער, דאָרט פלעגן פאָרקומען צוויי מאָל אין וואָך מערק; דאָרט פלעגן די פויערים ברענגען זייערע פראָדוקטן, פון אַ קוואַטירל פוטער ביז אַ קערץ קאַרטאָפל, אויך גוטע „יעזלקעס“. ווייבער פלעגן ערעוו שאַבעס אָנפילן די קראָמען איינהאַנדלענדיק פיש, גרינצייַג, פרוכט, הערינג, ליכט, און נאָך אַזעלכע ענלעכע מעציעס... פון אָט דעם פלאַץ פלעגן אָפגיין טראַמווייען צו די אַרומיקע שטעטלעך,

(סאָף אַף זייַט 47)

י. י. טרונק

פּערעץ אין לאָדזש*)



פּערעץ פלעגט אָפט קומען קיין לאָדזש צו האַלטן עפנטלעכע פאָרלעזונגען אַף ליטעראַרישע טעמעס. זיינע פאָרלעזונגען האָבן אין לאָדזש געהאַט גרויס דערפאָלג און מען איז מאַסנווייז געקומען אים הערן. דער רום פון פּערעצן און די ערפורכטיקע באַציונג צו אים, דער אימפּראָוויזירנדיקער אויפן פון פּערעצעס לעקציעס, דער שווונג און די שיינקייט פון די זאַצן און געדאַנקען, ווי אויך דער קישעף פון זיין קאָל האָט אויפגעציטערט אַלע הערצער. יעדעס מאָל ווען פּערעץ איז געקומען קיין לאָדזש איז עס געווען אַ יאָנטעוו. מען האָט אים אויפגענומען ווי אַ ליכטיקן אויצער. ווען ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס זיינען אַ סאַך יונגע מענטשן אים נאָכגעגאַנגען און געוויזן אַף אים, געוואָלט הערן פון אים אַ וואָרט.

ס'ראָוו האָט פּערעצעס פאָרלעזונגען אין לאָדזש אַראַנזשירט די קולטור־געזעלשאַפט „האַרפּע“. ס'איז געווען אַ לעגאַליזירטע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן יידישע קולטור און מוזיק פּונקט ווי דער ציעניסטישער „האַזאָמיר“. נאָר די „האַרפּע“ איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע און דורכויס אַ קעמפעריש־יידישיסטישע. אין די אויגן פון דער צאַרישער פּאָליציי איז די „האַרפּע“ געווען ווי אַ דאָרן, און ס'זיינען דאָרט פאָרגעקומען אָבלאַוועס און רעוויזיעס. די „האַרפּע“ האָט געפירט אַ גרויסע קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן אין לאָדזש, און זי פלעגט דאָס אַראָפּברענגען פּערעצן און אַראַנזשירן זיינע לעקציעס.

אין לאָדזש האָט פּערעץ געוווינט אין איינעם פון די בעסטע האָטעלן, אין האָטעל „מאַנטייפל“. אַ גאַנצן טאָג האָט די טיר באַ אים נישט גערוט. פּערעץ האָט געהאַט שוואַכקייטן פאַר לאָדזשער יוגנט און לאָדזשער שטייגער און ער איז צו אַלעמען געווען אַ סאַך מער צוגעלאָזענער ווי אין וואַרשע. אַזוי ווי איך האָב שוין דערציילט (אין אַ פריערדיקער אַרטיקל — רעד.) האָבן אויך די מוזעס ליב געהאַט די שטאָט לאָדזש און עס האָט דאָרט געווימלט מיט יונגע טאַלאַנטן. אומעטום זיינען שרייבער און דיכטער געוואַקסן ווי די שוואָמען און מען איז געקומען צו פּערעצן מיט שאַפונגען. אין וואַרשע איז פּערעץ געווען שטרענגער און טיילמאָל געהאַט גאָר ביטערע ווערטער פאַר דער ליטעראַרישער קראָפּיווע, די אַזוי גערופענע גראַפאָמאַנען, וואָס וואַקסן ווי אומגליקלעכע נעפּאַשעס אַפן פעלד פון יעדער ליטעראַטור און באַלאַנגען אויך צו איר אינווענטאַר און צו איר קולטור.

עס באַווייזט נאָר די איינפלוסן פון דער ליטעראַטור אַפן לעבן, ווען דאָס לעבן רעאַגירט מיט גראַפאָמאַנען. די לאָדזשער גראַפאָמאַנען האָבן צו פּערעצן געהאַט אַ באַזונדערע האַצלאָכע. ער האָט זיי קימאַט אַלעמען אויפגענומען זייער וואַרעם און געדולדיק געלייענט זייערע קסאָווים. טאָמער האָט ער געזען אַ פונק טאַלאַנט האָט ער געמונטערט. אַזוי ווי פּערעץ האָט דעמאָלט רעדאַגירט זאַמלביכער, האָט ער אויסגעטיילט האָנאָראַר אַף אַלע זייטן בעיאַד רעכאָווע. ער האָט געטיילט פון דער אייגענער קעשענע, און וויפל מ'זאָל פּערעצן נישט האָבן באַצאָלט פאַר אַ פאָרלעזונג איז ער שטענדיק פון לאָדזש אַוועקגעפאָרן אָן אַ גראָשן. ער האָט די לאָדזשער שאַפונגען קיינמאָל נישט געדרוקט.

נאָר דער איקער האָט זיך פּערעץ אָפּגעגעבן מיט לאָדזשער מאָלער.

וואַרשע האָט געקאַרגט מיט יידישער מאָלעריי. לאָדזש האָט אויך אין דעם דאָזיקן פּראַט געשיט מיט אויסטערלישער שעפע. וואַרשע האָט אַכוץ קראַטקאָן, געהאַט ווייניק יידישע מאָלער וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום פּערעצן און אים געוואָלט מיטהעלפן אין דעם ווערק פון יידישער רענעסאַנס. לאָדזשער מאָלער האָבן געפלאַטערט אַרום פּערעצן מיט דעם אימפּעט פון אָדלערס. פּערעץ גופע האָט געהאַט ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר דעם אייגנטלעכן וועזן פון מאָלעריי. אים האָבן גערייצט אירע ליטעראַרישע מאָטיוון און אירע נאַראַטיווע און דעקאָראַטיווע שיינקייטן. אין דעם דאָזיקן פּראַט, ד"ה אין די צען מאָסן פון ליטעראַרישער עלאָקווענץ, זיינען די לאָדזשער מאָלער ווייט נישט געבליבן הינטערשטעליק. ווען איטשל ברוינער האָט אָנגעהויבן פונאַנדערצווויקלען פאַר פּערעצן די געוואַלדיקע לייוונטן פון זיינע מאָלערישע פלענער און אים געוויזן צענדליקער פּאַפּירלעך אַף וועלכע די דאָזיקע פלענער זיינען געווען

---

1) אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּערעץ־יאָר פּראָקלאַמירט דורכן איקוף, און וואָס ווערט געפייערט אַף דער גאָרער וועלט, ברענגען מיר אַ קאַפּיטל פון י. י. טרונקס בוך „פּוילן“ (פון 5טן באַנד) „פּערעץ אין לאָדזש“, ווי אויך 3 בריוו פון פּערעצעס דערציילונג „וועבער־ליבע“.

סקיצירט מיט בלייפעדער, האָט זיך פּערעץ צוגעהערט און ערנסט באַקוקט די פּאַפּירלעך. די דיכטערישע פאַנטאַזיע האָט זיך דאָ פאַרנומען אַנצוטאָן אין גאָלד און אין זילבער.

פּערעץ פלעגט אַמאָל מיטצוברענגען שימען קראַטקאַן קיין לאָדזש. אין דער עמעסן געזאָגט, האָבן די לאָדזשער מאָלער נישט גערן געזען אָט־אָ דעם וואַרשעווער גאַסט. שימען קראַטקא האָט געהאַט די טיפסטע פאַרשטענדעניש פאַר דער פּלאַסטישער קונסט. ער האָט שוין געהאַט אַ סאַך געזען און אים האָבן ווייניק אימפּאָנירט די אַלע פליען אין די הימלען וואָס באַווייזן נישט אָנצונעמען פאָרם און געשטאַלט. איינמאָל ווען קראַטקא איז געקומען מיט פּערעצן קיין לאָדזש, האָט ער אינמיטן טאָג אויפגעפּראַלט די טיר פון פּערעצעס האָטעל־צימער. ער איז אַריינגעקומען מיט אַ הויכן דאַרן יונגנמאַן. דער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ שאַרף ביינערדיק פּאָנים מיט פּרישטשעס, און אָפענע גרויסע העלבלויע אויגן וועלכע זיינען קימאַט ווי נישט געווען באַברעמט.

— פּערעץ! — האָט קראַטקא אויסגעשריגן מיט היספּאַילעס — איך האָב דאָ געפונען אין לאָדזש אַ גרויסן מאָלער, ער איז אָקאָרשט געקומען פון פּאַריז. זיין טאַטע איז אַ בלעכער און זיי וווינען אין אַ קעלער אַף צעגליאַנע. איר מוזט גיין אָנקוקן די בילדער. באַ מוישע מענדזשיצקין וועט איר זען וואָס עס הייסט מאָלעריי.

מוישע מענדזשיצקי האָט שאַרף אָנגעקוקט פּערעצן. ער האָט אים ס׳ערשטע מאָל געזען. האַגאַם ער איז געווען באַרוישט פון פּערעצעס רום, פונדעסטוועגן איז יעדעם געפיל באַ אים אַרויסגעקומען קאַנטיק און ביטער. ער האָט נישט געקענט אַרויסווייזן קיין סענטימענטן, כאָטש אין טאָך איז ער געווען סענטימענטאַל. ער האָט געשטאַמט פון אַ קעלער און פון אַ מישפּאָכע פון שווערע האָרעפּאַשניקעס, יידן וואָס האָבן געשניטן בלעך, און פלעגט אין די לאַנגע זומער־טעג ס׳ראָוו פאַרברענגען אַף די דעכער איבער לאָדזש. זייער אַרבעט איז געווען אָדער אין קעלער אונטער לאָדזש אָדער אין די הויכענישן איבער לאָדזש .

עס איז געבליבן, אַז נאָכמיטיק וועט קראַטקא פּערעצן אַהין פירן אין קעלער פון מענדזשיצקיס עלטערן, קעדיי צו זען די בילדער. פּערעץ האָט מיך מיטגענומען, און מיר זיינען אַלע דריי אַוועק אַף צעגליאַנע.

שימען קראַטקא האָט אונדז צוגעפירט צו אַ הויז. פון קעלער־פענצטערלעך, וואָס האָבן פון אונטן אַרויסגעקוקט אַף דער גאַס ווי אַ שורע אויפגעהויבענע אויגן, האָט מען געהערט אַ קעסיידערדיקן געקלאַפּ מיט האַמערס. פון טויער האָבן אין דעם דאָזיקן קעלער אַראָפּגעפירט קליינע שמאָלע טרעפּ. מיר זיינען אַראָפּגעגאַנגען.

קראַטקא האָט געעפנט די טיר און מיר זיינען אַריינגעקומען אינמיטן אַ בלעכער־וואַרשטאַט.

עטלעכע אַרבעטער האָבן געשניטן בלעך און געהאַקט מיט האַמערס. אַן עלטערע יידענע אין אַ שלאָפקופּקע האָט זיך אַרומגעדרייט אין קעלער. זי האָט געהאַלטן אַ טאָפּ אין דער האַנט. די לופט איז געווען אַ דעמפּיקע פון בלעך און שטויב. דערזעענדיק פרעמדע מענטשן איז די יידענע געבליבן שטיין מיטן טאָפּ אין דער האַנט און אַריינגעשריגן אין אַן אָפענער טיר אַריין:

— מוישע, מען איז געקומען צו דיר!

— כ׳גיי שוין, מאַמע, — האָט מען געהערט מענדזשיצקיס קאָל פון אינעווייניק. ער איז אַרויסגעקומען מיט אַ פּאַק לייוונטן. די אַרבעטער האָבן געהאַקט איבער די אויסגעשפּרייטע בלעכן. עס האָט מיך געוווּנדערט וואָס זיי האַקן מיט האַמערס ווען פּערעץ איז דאָ באַ זיי אין קעלער. זיי האָבן אים מינאַסטאַם נישט געקענט.

מוישע מענדזשיצקי האָט אונדז צוגעפירט צו אַ פענצטער ווו עס איז ליכטיקער. פון אויבן האָט מען געזען אַ ראַשיקע באַוועגונג פון אַלערליי באַשוכטע פיס, וואָס זיינען געגאַנגען אַהין און צוריק פאַרן פענצטער, און עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ געגיי פון אויסטערלישע ברואים. אין קעלער האָבן געקלאַפּט די האַמערס. אין דער ליכטיקייט פונעם פענצטער האָט מוישע מענדזשיצקי פאַר אונדז אויסגעשפּרייט זיינע לייוונטן.

זיי האָבן אין זיך גאָרנישט געהאַט פון דעם פּרימיטיוון מענאַכעם־מענדלשן פלי און פון די „מאָנומענטאַליטעטן" פון די היימישע לאָדזשער מאָלער. ס׳איז געווען די פראַנצויזישע שול פון מאָלן, וואָס דאָס לאָדזשער פּראָלעטאַרישע קינד מוישע מענדזשיצקי האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין פּאַריז. אַ מענגע מאָלערישע קולטור און אַ שאַרף אויג פאַר פאַרב און צייכענונג. מוישע מענדזשיצקי האָט פאַרביסן געשוויגן ווען ער האָט אונדז געוויזן זיינע לייוונטן. גערעדט האָט שימען קראַטקא, גערעדט מיט גרויס קענטשאַפטן און באַוווּנדערונג און אונדז דערקלערט די מאָלערישע וואַלאָרן און די ראַפינירטע פראַנצויזישע קולטור פון די בילדער. נישט ווייט פון אונדז איז געשטאַנען מוישעס מאַמע מיטן טאָפּ אין דער האַנט. אויך זי האָט געכאַפּט אַ קוק אין די בילדער. ווען מוישע מענדזשיצקי האָט אונדז געוויזן אַ סעריע צייכענונגען פון מענלעכע און ווייבערישע אַקטן, אַלע געצייכנט מיט ראַפינימענט און לייכטקייט, האָט די יידענע געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— איי, מוישע, מוישע, וואָס טויגן דיר די נאַקעטע שיקסעס? בעסער וואָלסטו געווען אַ בלעכער ווי דער טאַטע און געאַרבעט אַף די דעכער. אַ שיינער טאַכלעס ווערט פון די היינטיקע קינדער.

י. ל. פּערעץ

וועבער-ליבע *)

(דערציילונג אין בריוו)

ערשטער בריוו

טייערער, קינפטיקער שוואָגער!

דו פרעגסט, ווי מיר גייט? מינאַסטאַם, ווי אַ ראָשע אַף יענער וועלט. פאַר שוסטער — שרייבסטו — זיינען שלעכטע צייטן געקומען? מיר, וועבער, האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט אַף גוטע צו האָפן. מענטשן זאָגן, אַז עס איז אַ „הינטישע" צייט. שטעל דיר פאָר אַז אַלטע, גוטע וועבער, פאַרדינען פיר־פינף רובל אַ וואָך, געוויינלעכע און יונגע, ווי איך, מעגן זיך באַנוגענען מיט דריי־פיר, און אַף די דריי־פיר רובל מוז מען שווער אַרבעטן, מען מוז זיצן באַ דער שטול פון זיבן אינדערפרי ביז צען באַנאַכט, אַרבעטן 16-15 שאָ אין טאָג, און צו דעם מוז מען שוין גליק האָבן, ווייל נאָר גליקלעכע וועבער האָבן באַשטענדיקע אַרבעט; מאַסן גייען אַרום מיט פאַרכאַלעשטע פּענימער און ליידיקע הענט!

אַזוי ברודער! אַלטע לייט דערציילן, אַז אַמאָל פלעגן זיין פיל יאַכסאָנים, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן; היינט ווערט די שווערסטע אַרבעט געזוכט, געשפּירט, געבעטלט, און קוים אויסגעבעטלט! און אַז מען האָט זי שוין, ציטערט מען ערשט, מען זאָל זי, גאָט באַהיט, נישט פאַרלירן: צופריער גאָט און דערנאָך דער ברויטגעבער זאָלן, כאָלילע נישט אָפּשטיין; זיי זאָלן שיטן מיט אַרבעט, מיט אַרבעט ביז צום טויט! ביז צום דערשטיקן! וואָרעם טאָמער פאַרפעלט אַרבעט? טאָמער ווערט מען קראַנק און די שעצן פאַלן פון די ציטערדיקע הענט אַרויס?

און וואָס וועט זיין אַף דער עלטער? אַף דער גרויער, שיצן פאַלן פון די ציטערדיקע הענט אַרויס?

און אַז מען זעט אַרום זיך אַזויפיל קראַנקע, אַזוי פיל אויסגעמאַטערטע, אַלטע וועבער, איז קיין וווּנדער נישט, אַז מען קען אָן קרענק און שוואַכע עלטער קיין רעגע נישט פאַרגעסן; און ווירקלעך — באַ 16-15 שאָ אַרבעט אַ טאָג, באַם אַריינאָטעמען קליי און פאַרביקן שטויב פון גאַרן, באַם איבערקומען מיט אַ ברויט מיט אַ הערינג אַ טאָג און אַ מאָגערע געקעכטס באַנאַכט, מוז אַ קרענק זיין אָן אָפּטער גאַסט, קען מען אַף קיין געזונטער עלטער נישט רעכענען! דערצו האָבן נאָך אַ טייל ווייבער און קינדער. פאַרשטייסט? נישט אַליין טרינקט מען זיך — מיט אַ בינטל אָפן האַלדז!

דו זאָלסט זען, ווי אַ באַווייבטער און אַ באַקינדלטער וועבער קומט אַהיים פון דער אַרבעט, ווי ער וואַרפט אַ קורצן, דערשראָקענעם בליק אָפן אויסגעמוטשעטן ווייב, אַף די קינדערלעך, „הויט און ביין", וואָס וואַקסן אויף ערגער ווי אין אַ וואַלד; דו זאָלסט זען, ווי געשווינד ער שלינגט איין דאָס קאַרגע מאָגערע געקעכטס, ווי האַסטיק ער וואַרפט זיך אין בעט אַריין!

שלאָפן וויל ער, איינשלאָפן, ווייניקסטנס די אויגן פאַרמאַכן, ער זאָל די צאָרעס, דעם יאָמער נישט צוזען!

נאָר וואָס העלפט עס? פון בייזן לעבן ווערן בייזע כאַלוימעס... עס כאָלעמט זיך, אַז דאָס ווייב איז קראַנק, און עס איז איר נישטאָ מיט וואָס צו העלפן... אַז איין קינד האָט דעם צווייטן אַ פינגער אָפּגעביסן באַם געשלעג איבער אַ ביסן ברויט, און אַז אינמיטן איז אַריין דער ווירט פון הויז און טופעט מיט די פיס: דירעגעלט! אַז נישט, וואַרפט ער דאָס גאַנצע געזינדל אַרויס אינמיטן ווינטער אָפן שניי.

און אַז מען כאַפּט זיך אויף אינדערפרי, פאַלט גאָר אַזוי געשווינד נישט איין די אויגן צו עפענען: אַזוי גוט און פיין גיסט זיך דאָס לעבן מיט די כאַלוימעס צוזאַמען.

אַז עס קומען זיך אַלטע וועבער צוזאַמען, רעדט מען פון גוטע צייטן; נאָר נישט פון די, וואָס וועלן אָדער זאָלן קומען: אין דעם גלויבט שוין קיינער נישט! נאָר פון אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען דער וועבער האָט געאַרבעט אַף זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם גאָרן, אַף זיין אייגענעם שטול און האָט זיך אַליין זיין אַרבעט פאַרקויפט... אַ וועבער פלעגט פאַרדינען 16-15 רובל אַ וואָך, ער איז געווען אַ באַלעבאָס פאַר זיך, אַ מענטש אַ פרייער מיט אַ דייע אַפילע אין שטאָט־זאַכן. מען זאָגט, אַז עס איז אַמאָל אַ וועבער אַ דאָזאָרצע געווען! היינט איז אַ וועבער אַ פּראָסטער אַרבעטער, דער גאָרן איז נישט זיין, די אויסגעאַרבעטע סכוירע גיט ער אַוועק! ער ווייסט נישט וויפל עס קאָסט די גאָרן און וויפל ער באַקומט פאַר זיין אַרבעט. נישט זיין דאַיגע, ער נעמט פאַרן „שטערן"; און 8-7 קאָפּיקעס אַ „שטערן" — הייסט שוין אַ ראַיעלער פּרייז!

יאָ! איך פאַרגעס גאָר, אַז איך רעד מיט אַ שוסטער, וואָס ווייס ניט וואָס „שטערן" איז; שטעל זיך פאָר, אַז דו וווינסט אין אַ גרויסער שטאָט, אַרבעטסט נישט אַף דיינע באַלעבאַטים, דו אַליין קויפסט קיין לעדער נישט, נעמסט קיין מאָס נישט און טראָגסט קיינעם די שטיוול נישט! דו טראָגסט נאָר איין סויכער, וואָס גיט דיר די סכוירע אויסצואַרבעטן, און נעמט באַ דיר צו די אַרבעט, צאָלט דיר פאַר אַזויפיל פּאָר שטיוול אַזויפיל און אַזויפיל.

אָט דאָס פאַרשטייסטו איז אַ „שטערן", אַרבעטסט אָגולנע פאַרן סויכער. דעם פאַרדינסט נעמט דער סויכער צו און דיר גיט ער וואַסער אַף קאַשע, וואָרעם אַנדערע האָבן דאָס אויך נישט, און דערווייל רעדט מען נאָך פון אַ מאַשין, וואָס וועט אַרבעטן שטיוול אָן שוסטערישע הענט... גוט? אַזוי אַ שטייגער לעבט זיך עס באַ אונדז! 8-7 קאָפּיקעס פאַר אַ „שטערן" איז אַ פּרייז מעשוגע צו ווערן. נאָר וואָס מאַכט מיריעם־לייב? צי האָט זי נאָך אַזוי ליב צו שטריקן נאָזטיכלעך פאַר פרעמדע נעז? צי אַרבעט זי נאָך זינגענדיק? צי הילכט נאָך די שטוב מיט איר זילבערנעם קאָל? צי זיינען נאָך אירע אויגן אַזוי פריש, אַזוי קינדעריש ריין, אַזוי הימל־בלוי? זיי רויטלען זיך נאָך נישט? און דו וואָס ביסט? צי רעכנסטו נישט, אַז בעשאָס דער מילכאָמע צווישן גריכנלאַנד מיטן טערק לוינט זיך

---

*) פון י. ל. פערעצעס דערציילונג געבן מיר דא בלויז די ערשטע, דריטע און פינפטע בריוו, וועלכע דערציילן אונדז וועגן וועבער לעבן אין פערעצעס צייטן.

אַריינצוגאַנווענען קיין פּאַלעסטינע אַף קייווער־אָוועס? און עפּשער האָסטו האַרץ צו גיין קיין אַרגענטינע און מילכאָמע האַלטן מיטן היישעריק? וואָרעם דאָ, ברודער, איז ביטער ווי גאַל!

און עפּשער האַלטסטו זיך נאָך אינעם אַלטן, גוטן, פרומען „אַלשיך“ און זעסט טויזנט און איין נאַכט אַפּן יידישן אויפן? שרייב! איך רעכן, אַז מיריעם־לעב מעג צושרייבן... הער, אַז מיריעם־לעב כאָלעמט זיך מיר אַמאָל מיט רויטע אויגן, גיי איך אין פאַבריק מיט געביילטע פויסטן... נאָר דאָס פאַרשטייסטו נישט.

דיין געטרייער קינפּטיקער שוואָגער

דריטער בריוו

דו פרעגסט, פאַרוואָס עס איז אַזוי שלעכט? פאַרוואָס עס ווערט אַלעמאָל ערגער? עס איז אַן איינפאַכע זאַך: לייג צו דיינע לאַנגע אויערן: ווער שטעלט דעם פּרייז פאַר דעם וועבערס אַרבעט? דער וועבער מיט זיין ברויט־געבער! דער וועבער וויל ווי ס׳איז מענטשלעך לעבן, און דעריקער ווי מעגלעך טייערער פאַרקויפן זיין אַרבעט; זיין ברויט־געבער, ווידער, וויל וואָס מער פאַרדינען און דעריבער וואָס ווייניקער צו צאָלן פאַר דער אַרבעט. איז דאָ אַ סאַך אַרבעט און ווייניק וועבער מוז דער פאַבריקאַנט צאָלן וויפל דער וועבער וויל; איז דאָ אַ סאַך וועבער און ווייניק אַרבעט, איז פאַרקערט, מוז דער וועבער נעמען וויפל דער ברויטגעבער גיט אים; און וועבער ווערט טאָג־טעגלעך מער, די צאָל וואַקסט ווי אַף הייוון... די כאָכמע ווייסן שוין דאָ קינדער אין דער וויג, נאָר דו ביסט דאָך אַ שוסטער, און אַן אַלשיך־שוסטער, קען זיין דו ווייסט עס נישט.

די קאָנקורענץ צייישן די וועבער וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן, יונגע, וואָס קענען מער און לענגער אַרבעטן, שפּאַרן אַרויס די אַלטע, וואָס האָבן שוין צו דער קאַטאָרגע קיין קויכעס נישט; קאַוואַליערן, וואָס קענען זיך באַגנוגן מיט אַ קליינעם פאַרדינסט, יאָגן אַוועק די באַווייבטע און באַקינדלטע, וואָס דאַרפן מער; דערנאָך קומען לער־יינגלעך און פאַרטרייבן די וועבער! און דער לוין ווערט געוואָרפן און פאַלט פון טאָג אַף טאָג... היינט הערט זיך נאָך, אַז נייע יונגע באַלעצעדאקעס ווילן עפענען וועבער־שולן, וואָס וועלן אַרויסוואַרפן יאָר־יערלעך נייע וועבער!

עס איז ווייניק, וואָס עס איז שלעכט, דאָס שלעכטע מוז נאָך זיין אַזוי איינפאַך, אַזוי ריכטיק, אַזוי גלאַט, פעסט און קיילעכדיק, ווי אַ רינג אַרום האַלדז!..

און עס וועט קומען אַ צייט, ווען זיבן וועבער וועלן אָנכאַפּן איין ברויטגעבער און בעטן זיך: גיב אַרבעט, גיב, האַלב־אומזיסט, זאָל זיין אומזיסט, נאָר פאַרנומען זאָלן מיר זיין און פאַרגעסן, אַז אונדזערע ווייבער בעטן און די קינדער העלפן צו...

דו גלויבסט נישט? דו מיינסט, אַז אַלץ האָט אַ גרענעץ און קען ווייטער נישט גיין? איך גלויב, אַרבעט איז אויך אַ מין שיקרעס, זי פאַרהילכט, פאַרטויבט! זי פאַרשלאָגט דעם קאָפּ מיט די געהירן און מען פאַרגעסט אָן זיך, אָן דער וועלט! עס איז אויך אַ מין בראַנפן!

דערפאַר איז אָבער אַ פרייע וועלט! קיינער טאָר מיך נישט נייטן, איך זאָל אַרבעטן; איך בין קיינעמס פּאָדאַנע נישט! איך אַרבעט ווען איך וויל, וואָס איך וויל, — אַ פרייער פויגל בין איך; נאָר ווער עס וויל שיסט מיך, פליקט מיך אָפּ און לייגט מיך אין טאָפּ אַריין. איך וואָלט געוועזן אַ פרייער מענטש, איך זאָל קיין מאָגן נישט האָבן, ער זאָל נישט מאָנען: עסן און עסן! איך זאָל נישט דאַרפן טרינקען, וווינען, איך זאָל אַרבעטן אַף איבעריקע אַנגענעמע זאַכן! אָ, דעמאָלט וואָלט איך אַנדערש געשאַצט מיין אַרבעט! אָבער היינט?

איך וויל נעמען אַ סאַך, דער ברויטגעבער וויל געבן ווייניק; מיר ביידע זיינען פריי, און דאָך, קען ער זיך אָן מיר באַגיין און איך אָן אים נישט.

היינט הער איך אויף צו אַרבעטן, מאָרגן וואַרפט מען מיך אויף צוויי שפּענער פון דירע אַרויס; איבערמאָרגן קריג איך מאָגן־קראַמפּן פאַר הונגער; נאָך אַ טאָג און איך שטיי שוין פון דער ווייטן און קוק מיט ברענענדיקע אויגן אַף דער זיצערנס ברויט, איך קען מיך בעיין אויפן נישט אָוועקרייסן פון אָרט; דאָס ברויט איז אַ מאַגנעט; מיט נעגל בין איך צוגעשלאָגן צום אָרט...

איך האָב עס נאָך אַליין נישט געפּרוווט, נאָר אַזוי קוקן אַף ברויט, אַזוינע אויגן האָב איך שוין געזען! אַזוינע אויגן האָבן נאָר וועלף אין די וועלדער!

נו, דערפון וועל איך דיר אַן אַנדערש מאָל דערציילן. עס איז שפּעט — און מיר ברעכט דער קאָפּ, ווי אַ שאַרבן.

דיין...

פינפטער בריוו

דו ווייסט נישט, וואָס דער „לוינקעטניק“ איז? איך וועל עס דיר קורץ און שאַרף פאַרטייטשן; איך האָב פאַרגעסן, אַז איך רעד מיט אַ שוסטער, נישט מיט אַ וועבער.

דער לוינקעטניק, ברודער, איז ניט קיין פאַבריקאַנט, ניט קיין וועבער; ניט ער אַרבעט אַליין, ניט ער האָט קיין אייגענע צו פאַרזאָרגן; ער איז נאָר אַ מיטלמענטש — ער נעמט נאָר אָן אַרבעט באַם פאַבריקאַנט און גיט עס אַוועק אַרבעטער; דאָס הייסט: ער שטייט אין דער מיט צווישן פאַבריקאַנט און וועבער, און עס פליט אַ קאַרגער ביסן פון פאַבריקאַנטס האַנט צום וועבערס מויל — כאַפּט ער עס אין דער לופט, בייסט אָפּ אַ האַלבן כיילעק... טיילמאָל שלינגט ער אים איין אינגאַנצן, און ווערט נישט דערשטיקט...

און דער לוינקעטניק נעמט אָן אַרבעט נישט פאַר פאַרטיקע וועבער, נאָר פאַר לערן־יונגען, וואָס אַרבעטן אונטער זיין אויפזען... זיי לערנען זיך באַ אים און אַרבעטן אומזיסט; טיילמאָל צאָלן זיי נאָך צו; ערשט נאָך אַ געוויסער, גענוג לאַנגער צייט הייבט ער אָן צאָלן, נאָר ביסלעכווייז און ביליק. דער לוינקעטניק האָט דעריבער צוויי גוטע מאַילעס: ערשטנס שיקט ער יאָר־יערלעך אַרויס אַ נייע פאַרטיע וועבער־קאַבצאָנים, וואָס וואַרפן דעם פּרייז, אַבי אַרבעט צו באַקומען; און צווייטנס, וואַרפט ער אַליין דעם פּרייז, ווייל ער אַרבעט מיט פרעמדע, אומזיסטע אָדער ווייניקסטנס מיט ביליקע הענט און קען באַשטיין גאַנץ ביליק צו אַרבעטן. נאַטירלעך, מוז דער וועבער נאָכגיין, און דער פּרייז פאַלט וואָס אַמאָל נידעריקער.

עפּשער שלעכטע מאַילעס? קומט זיי נישט דערפאַר די וועלט און יענע וועלט?

וועגן יענער וועלט, ווייס איך, נאַטירלעך, ווייניק

וואָס צו זאָגן. איך האָב שוין לאַנג פון דאָרט דורך גוטע און פרומע לייט קיין יעדיע נישט געהאַט; נאָר די וועלט האָבן זיי. נאַטירלעך, לעבט דער פאַבריקאַנט שענער און בעסער, נאָר דעם לוינקעטניקס ווייב טראָגט אויך פערל אָפן האַלדז און בענטשט שאַבעס־ליכט אין אַ פּאָר גרויסע זילבערנע לייכטער.

נאָר מיריעם־לעב וועט ווייטער זאָגן, אַז איך בין אַלע מאָל געווען אַ גוטער און היינט בין איך אַ שלעכטער געוואָרן; אַז אַמאָל פלעג איך נישט קוקן יענעם אין טאָפּ אַריין, און היינט שטעכט מיך דער האַבער, און איך האָב אַף אַלץ גרויסע אויגן...

מיריעם־לעב, עס איז אַזוי, און עס איז נישט אַזוי.

עמעס, אַז איך בין אַמאָל בעסער געווען... עס איז געווען דעמאָלט, ווען מיין פאָטער אַלעוו האַשאָלעם, האָט געלעבט און איך בין אין דער היים געווען... עמעס, איך האָב קיין מוטער נישט געהאַט, און דער פאָטער האָט אַ גאַנצן טאָג מיט שיצן געוואָרפן... נאָר צו עסן און טרינקען האָב איך געהאַט און אויך ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן... אויב איך האָב קינדווייז צופיל צייט געהאַט, און צו ווייניק כאַווירים, און האָב גענוג צייט געהאַט זיצנדיק אַליין, זיך אַרומצוקוקן און אַלץ באַטראַכטן, האָט עס מיר דאָך ווייניק געשאַדט... דער געדאַנק האָט זיך פריער אויפגעוועקט, נאָר גאָר אינגאַנצן אויספּלאָנטערן פון קרענצל איז נישט פאַר מיינע קויכעס! איך האָב אַ סאַך געקלערט און ווייניק וואָס פאַרשטאַנען... שפּעטער האָב איך מיך, שפּילנדיק, באַם טאַטן וועבעריי געלערנט און די מעלאכע איז מיר געפעלן... זי האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ קונץ, אַ פיין מייסטערווערק; אַנדערש איז מיר נישט איינגעפאַלן.

אַ טאַטן האָב איך געהאַט, ווי איר ווייסט, אַ בלאַסן, אַ דאַרן, מיט טריבע אַרומגעלאַכמעוועטע אויגן און שאַרפּביינדיקע באַקן. נו, וואָס איז? גאָט, באָרעכהו, האָט די וועלט באַשאַפן און אַף איר פאַרשיידענע מענטשן געמאַכט, טייל פעטע, טייל מאָגערע, טייל לאַנגע, טייל קורצע, און יעדן אַן אַנדער פּאָנים און אַנדערע אויגן געגעבן... אַבי איך האָב ליב דעם טאַטן און דער טאַטע האָט מיך ליב! איך האָב צו גאָט קיין טאַינע נישט געהאַט. וואָרעם צייט איך האָב דעם טאַטן געדענקט, האָט ער אַזוי אויסגעזען, און עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז ער איז אַמאָל אַ געזונטער, פרישער יונגערמאַן געווען, מיט ליכטיקע, ברענענדיקע אויגן, וואָס זיינען מיין מאַמען מיידלווייז אַזוי געפעלן. געוווסט האָב איך, אַז איך האָב אַ מוטער געהאַט און עס האָט מיר ווי געכאָלעמט, אַז אין שטוב פלעגט זיך אַמאָל אַרומדרייען אַן אַלבאַסטער־ווייס ווייבל, מיט שוואַרצע ברעמען און בלויע טיפע, נאָר ברענענדיקע אויגן. נאָר געזאָגט האָט מען מיר: אַז גאָט, באָרעכהו, האָט זי צו זיך גענומען, זי איז אים מינאַסטאַמע געפעלן געוואָרן... ווער האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, ווייל זי האָט געברויכט ווין און פלייש צום געזונט און די ביידע זאַכן זיינען נישט פאַר אָרעמע לייט? מען האָט עס מיר פאַרשוויגן, פונקט ווי מען האָט פאַר מיר געהאַלטן בעסאָד, אַז די וועבעריי זויגט אויס דעם מאַרך פון די ביינער און האָט מיר דעם פאָטער בלאַס, דאַר און בלינד געמאַכט.

מיין פאָטער האָט נאָך אַף אַן אַסטמאַ געליטן... צי האָב איך געוווסט, אַז דאָס קומט פון שטויב פון גאַרן?

דער אייגענער גאָט, וואָס האָט מיר אַ דאַרן פאָטער געגעבן, האָט אים טריבע אויגן געמאַכט און נאָך אַסטמאַ געשיקט. — פאַרוואָס? אַ פראַגע עס איז! איך האָב אַ מעלאַמעד געהאַט, טוירע געלערנט און געוווסט, אַז אַפילע מאַלאָכים זינדיקן, ביפראַט אַ באָסערוודאַם, ביפראַט אַ וועבער... און גאָט שטראָפט, מען זאָל אָפּקומען אַף דער וועלט!

אַז איך פלעג מיך אויפכאַפּן באַנאַכט און זען, ווי דער פאָטער דרעמלט קימאַט זיצנדיק אָפן קישן און האָט אַ שרעקלעך־שווערן אָטעם, פלעג איך מיך באַגיסן מיט פרום קינדיש־הייסע טרערן, און בעטן גאָט, אַז אויב מיין פאָטער האָט קעגן אים געזינדיקט, זאָל ער בעסער מיך שטראָפן! און אַז איך האָב נישט געפויעלט, האָט עס מיך ווייניק געוווּנדערט, וואָרעם וואָס פאַר אַ זכוס האָט אַזאַ וועבער־קינד געקאָנט האָבן באַ אַזאַ גרויסן שרעקלעכן גאָט, ער זאָל הערן מיין געבעט?

נאָר אָפט פלעג איך מיך אויפכאַפּן, און דער פאָטער איז נאָך געזעסן באַ דעם שטול... טיילמאָל האָט שוין דער מאָרגן געגרויט און מיט דינע שטראַלן זיך אַריינגעגאַנוועט דורכן לאָך פון לאָדן. „טאַטע“, פלעג איך זיך בעטן, „לייג שוין אַוועק די אַרבעט, קום שוין שלאָפן“, — קוים וואָס ער דערהערט און ענטפערט מיר: „באַלד, באַלד, קינד מיינס!“ און רירט זיך נישט פון אָרט. „איך וועל נאָך ענדיקן — זאָגט ער — דעם שטערן“. און איך בין איינגעשלאָפן מיט דעם געדאַנק, אַז דער טאַטע איז אַמאָל אַן איינגעשפּאַרטער און וויל דאַווקע אַרבעטן, כאָטש עס טוען אים די אויגן וויי! ווינטער־צייט פלעגט מיר טיילמאָל קאַלט זיין אַליין אין בעט און עס פלעגט מיר ביטער ווערן אָפן האַרצן, טראַכטנדיק, אַז דער פאָטער האָט ליבער זיין „שטערן“ ווי מיך, כאָטש דער שטערן וואָלט איבערנאַכט נישט געפרוירן געוואָרן, און איך ציטער פון קעלט!

אַלץ האָט מיר מיין מעלאַמעד געזאָגט און פאַרטייטשט, נאָר ניט דאָס, אַז מיין טאַטע האָט זיין „שטערן“ פיינט סינאַס מאָוועס, אַז נישט ער וויל דעם „שטערן“ ענדיקן, נאָר איך זאָל מאָרגן צו פרישטיק אַ בייגל האָבן; אַז נישט ער וויל דאַווקע אַרבעטן באַנאַכט, כאָטש ער האָט שוואַכע אויגן, נאָר ווייל ער מוז אַרבעטן באַנאַכט! פונקט אַזוי ווי עס האָט מיך קיינמאָל קיינער נישט געזאָגט, אַז פון גאַרן־שטויב קריגט מען אַסטמאַ...

היינט ווייס איך עס, און דעריבער קען איך אַזוי גוט נישט זיין! היינט ווייס איך, אַז די שלעכטע אומבאַרעמהאַרציקע וועלט האָט צו מיין פאָטער געזאָגט: דו אַרבעט אַ סאַך, אַ סאַך, צאָלן וועט מען דיר ווייניק, און פאַרנאָסע בעט באַ גאָט! דו אַרבעט אַ סאַך, מאַך „שטערן“ אי באַנאַכט, אי באַטאָג, און באַ גאָט בעט אַ רעפוע אַף די אויגן! אַכצן שאָ אין טאָג זיץ אין שטוב איבער דער שטול געבויגן, שלינג איין פאַרביקן, פאַרסאַמטן שטויב, און וועסט מיסטאַמע אַסטמאַ באַקומען, האָסטו אַ ריינע פרעטענזיע צו גאָט! וואָס שאַדט עס דיר, אַז מיר וועלן דערווייל דיין אַרבעט טראָגן און פון אַ טייל פון איר רייך ווערן? און אַצינד רעדט זי אַזוי צו מיר!

דער פאָטער מיינער האָט געגלויבט און שטיל און פרום געליטן; און עפשער האָט ער שטילערהייד געוווסט און נאָך טויזנט מאָל געליטן מער פאַר מיר? ווער ווייס? מיט קינדער רעדט מען נישט פון אַזעלכע זאַכן!

צי האָט מיין מעלאַמעד געוווסט, וועמען ער האָט

געדינט? צי איז אים גאָר איינגעפאַלן, אַז ער בינדט מיין נעשאָמע מיט פרומען, נאָר פעסטן שפּינוועבס און וואַרפט זי אַרויס פאַר די הינט? פון וואַנען האָט ער געזאָלט וויסן? ער אַליין איז אויך אַ וועבער געווען, ער אַליין האָט אויך באַלעבאַטים געדינט? מיין פאָטער איז געשטאָרבן אַף אַסטמאַ, און ער אַף אַ לונגנפעלער!

נו, איז אַ וואונדער, אַז גענאַרט פון אַלע זייטן, האָב איך געלעבט אַ גוטן טאָג און בין אַ גוטער געווען?

ווער שמועסט שפּעטער, אַז איך האָב אַ געווים פריילעך מיידל דערקענט און פלעג מיט איר יעדן אָוונט זיך טרעפן אין הויז הינטערן טויער? עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי וואונדערלעך לעבן, זיסע לעוואָנע־נעכט און נאָך זיסערע כאַלוימעס... גאָט מיין איינציקער! ווי גליקלעך איך בין געווען! און ווי גליקלעך האָב איך מיך געפילט באַם רויש־כוידעש בענטשן, ווען דער כאַזן האָט געזונגען „עם כל ישראל אחיהם" — אַלע יידן זיינען ברידער! אַ קאַטאָוועס, אַ מענטש האָט אַ זיבן־אַכט מיליאָן ברידער און שוועסטער, און מיריעמל איז איינע פון זיי! איך האָב מיך געפילט אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאָלץ! ערשט שפּעטער בין איך געווויר געוואָרן, אַז דאָס מאַזל קען מיך אויסרייסן פון דער היים און מיך פאַרוואַרפן ווי אַ פוילן עפּל, ערגעץ אַריין אין דער פרעמד, ווו דאָס האַרץ וועט פאַרגיין פאַר בענקשאַפט, און זי וועט בלייבן דאָרט און שטריקן און וויינען באַזונדער; ערשט שפּעטער בין איך געווויר געוואָרן, אַז מאָריץ פיינבאַך, מיין ברויטגעבער איז מיר גאָר קיין ברודער נישט, אַז ער האָט מער ראַכמאָנעס אַף זיין פערד, ווי אַף מיר! נאָר דעמאָלט, האָב איך נאָך דאָס אויך נישט געוווּסט, און בין אַזוי פריי מיט אַ שמייכל אַפן יונגן פּאָנים, מיט פאַרכאָלעמטע אויגן און אויסגעשפּרייטע הענט, אַנטקעגן געגאַנגען דער וועלט...

היינט ווייס איך עס, היינט ווייס איך צופיל... נאָר צי בין איך עמעצן מעקאַנע? צי וויל איך דעם לוינקעטניקס זילבערנע לייכטער? אָדער מיין ברויטגעבערס בייטל מיט געלט? ניין! כ'וויל עס נישט, מיר כאָלעמט זיך אַ ריינע אויפגעראָמטע שטוב; צוויי בעטן הילצערנע, זאָל זיין צו איינציקע קישן, נאָר ווייסע, שניי־ווייסע ציכן! אַ ברויט אין ווייסן הילצערנעם אַלמער; אַ האַלב פונט פלייש צו מיטיק אַף אַ פערזאָן, און וועט גאָט אַ קינד געבן, זאָל דערפאַר אין דער מוטערס ברוסט זיין מילך, פרישע מילך. נישט גאַל, נישט סאַם! אָנטון וויל איך מיך אָרעם, נאָר ריין, זאָל זיין געלאַטעט, נאָר נישט צעריסן! און וואָס נאָך וויל איך? אַז מיין ווייב און מיין קינדס מוטער זאָל זיין די, וואָס איך ווייס, צו וועלכער עס ציט מיך מיטן גאַנצן לעבן, מיט דער גאַנצער נעשאָמע! אָט אַזוי ווייניק וויל איך, נאָר דאָס ווייניקע קאָן אויך נישט געשען, ווייל איך מוז אַנדערע שפּייזן און אַליין הונגעריק זיין! איך בין קיינעם נישט מעקאַנע, דאָך פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס איך בין נאָר אַ רינע, וואָס לאָזט דורך דאָס וואַסער, און אַליין טרינקט זי נישט.

דיין...



צוויי צייכענונגען פון

מאָרים מענדזשיצקים

אַלבום „דעם אָנדענק פון די מאַרטירער און קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ"

מאָרים מענדזשיצקי — דאָס איז דער זעלבער מאָלער מוישע מענדזשיצקי, וואָס ווערט דערמאַנט אין י. י. טרונקס אַרבעט „פּערעץ אין לאָדזש" וואָס מיר ברענגען אין דעם נומער.

מ. מענדזשיצקי, וועלכער איז געוואָרן באַרימט אַלס איינער פון די בעסטע יידישע מאָלער, איז צוריק מיט אַ פּאָר כאַדאָשים געשטאָרבן אין פּאַריז.

מ. ל. מאַנדראָווויטש

די קינדער-היים אין באַלוט

אַף לאַגעווניצקא 25 האָט זיך געפונען די לאָדזשער קינדער־היים, וועלכע איז געוואָרן אַן עמעסע היים און אַ שול פאַר דעם באַלוטער קליינוואַרג. און האַלעמאַי לייקענען — אויך פאַר גרויסע איז זי געווען אַ שול, אַ געזעלשאַפטלעכע, וואָס האָט דערהויבן די טוער און זיי ליב געמאַכט די אַרבעט אַרום דער קינדער־היים.

פון שול־ראַט צעגליאַנע 17 איז געקומען די איניציאַטיוו צו עפענען אַ קינדער־היים אין באַלוט. עס איז געווען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. לאָדזש איז נאָך נישט געקומען צו זיך פון די מילכאָמע־ווונדן. ווער עס געדענקט די דעמאָלטיקע לאַגע קען זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן די אָנשטרענגונגען און אַקשאָנעם וואָס עס האָט זיך געפאָדערט קעדיי צו רעאַליזירן אַזאַ איניציאַטיוו. דער ווילן איז אָבער געווען גרויס, כוץ דעם האָבן מיר דערוואַרט שטיצע פון נאָרד־אַמעריקע.

עס איז געווען אין 1921. די מילכאָמע האָט איבערגעלאָזט נויט און כורבן, און דער בירגערקריג און פאָגראָמען אין רוסלאַנד זיינען נאָך ניט אינגאַנצן איינגעשטילט געוואָרן. דעמאָלט איז געגרינדעט געוואָרן די באַלוטער קינדער־היים.

באַלוט האָט שטענדיק פאַרמאָגט אָרעמקייט. דעמאָלט אָבער איז די נויט געווען גרעסער ווי שטענדיק. די עלטערן האָבן צוגעקוקט ווי זייערע קינדער הונגערן, אָדער דערנערן זיך ניט גענוג — און פון סכאַרלימעד איז אַוואַדע נישט געווען וואָס צו ריידן.

דעמאָלט האָבן מיר געגרינדעט אַן עלטערן־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דער אַרבעט פון שאַפן אַ היים, און גלייכצייטיק אַ דערציונגס־אַנשטאַלט פאַר דעם באַלוטער קליינוואַרג.

דער אָנהויב איז געווען זייער אַ שווערער, אָבער די איבערגעגעבנקייט פון די פרעבליסטן און די מיטגלידער פון עלטערן־קאָמיטעט האָבן אַלץ גויווער געווען. יעדער טאָג איז איינער פון די עלטערן געווען דיזשורנע, אַכטונג געגעבן און צוגעהאָלפן אַרויסגעבן דעם מיטיק די קינדער. עס האָט זיך געשאַפן אַ פרויען־קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער צערטלעכער באַציאונג און געדולד, וואָס פרויען האָבן צו קינדער.

שיין איז געווען צו זען די קאָמונע, וואָס די קינדער האָבן געשאַפן פון די עסנס, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון דער היים. יעדער קינד האָט עפעס מיטגעבראַכט. ווער אַ זעמל, ווער אַ קיכל, ווער — אַ טרוקן שטיקל ברויט. מען האָט אַלץ צעלייגט אַף די קליינע טישעלעך און יעדערער האָט געגעסן וואָס ער האָט געוואָלט. אינטערעסאַנט, אַז דאָס קינד, וואָס האָט מיטגעבראַכט אַ זעמל מיט פוטער, האָט בעסער געוואָלט אַ שטיקל ברויט מיט צערב (אַזאַ סאָק פון שוואַרצן צוקער).

מיר איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צוצוקוקן אָט דאָס בילד פון דער קינדערשער קאָמונע, און נאָך איצט, ווען איך דערמאָן זיך אָט די טייערע מוישעלעך און שלוימעלעך, אָט די צאַרטע באַשעפענישן, כאַפט מיר נאָך איצט אַרום אַ פרייד און איך ווער יינגער מיט 30 יאָר — כאָטש ווער ווייסט וואָס ס'איז פון די אַלע געוואָרן שפעטער מיט 20 יאָר, אין די צייטן פון היטלער און רומקאָווסקי.

איך קוק איצט אָפן בילד, וואָס באַגלייט מיינע זיכרוינעס, און איך דערמאָן זיך די לוסטיקע כעוורע, די איינפאַלן זייערע, די פרייד זייערע און זייערע שטיפערייען. אייניקע דערקען איך און געדענק זייערע נעמען. אָט איז די טאָכטער פון מאַטוש גערבער, די היגע פעליסאַ זשיטניצקי, אָט איז מיין זון אַווראָם, אָט איז דער אַרטיסט נוסבוים.

מיר פלעגן מיט די קינדער מאַכן אויספלוגן קיין יוליאַנאָף, אין אנשטייטס גאָרטן און פאַבריקן. אַלע פאַרגעניגנס, וואָס מיר האָבן נאָר געקענט — און וואָס פאַר אונדז דערוואַקסענע האָבן מיר זיי נישט געהאַט — האָבן מיר פאַרשאַפן די קינדער.

עס געדענקט זיך מיר אַ פאַל פאַרוואָס מיר, די מיטגלידער פון עלטערן־קאָמיטעט, האָבן באַקומען אַ פאָרוורף פון דער שול־פאַרוואַלטונג. אַ פאַרדינטער פאָרוורף געווען. מיר זיינען אָבער צופרידן געווען פון אונדזער האַנדלונג.

עס זיינען אָנגעקומען פראָדוקטן פון נאָרד־אַמעריקע. אַרבעס, שפעק, א"א. מיר האָבן אָבער געזען, אַז די אַרבעס זיינען ווערעמדיק און די שפעק קאַליע־געוואָרענע. מיר האָבן נישט געוואָלט ריזיקירן מיט די קינדערס געזונט, האָבן מיר זיך באַראַטן און אויסגעטוישט אין שפייז־קראָם די פראָדוקטן אַף גרינע אַרבעס מיט בוימל. ס'איז געטאָן געוואָרן אָנעם וויסן פון דער שול־פאַרוואַלטונג.

איז טאַקע זייער פאָרוורף געווען אַ גערעכטער, אָבער אונדזער האַנדלונג — אויך.

וואָס שייעך דערציונג און געזונט פון די קינדער, פלעגן מיר אויך האָבן זייער אָפטע קאָנפערענצן פון דר. אייכנער וועגן קינדער־דערציונג און אויך דער שול־דירעקטאָר, כאַווער ראַווין פלעגט געבן לעקציעס אַף די טעמעס.

מיר האָבן די קינדער אַרומגערינגלט מיט ליבע און צערטלעכקייט. מיר האָבן אַוועקגעגעבן אונדזערע בעסטע שאָען און טעג דער דאָזיקער אַרבעט, און מיר האָבן געקראָגן אונדזער באַלוינונג. אונדזער באַלוינונג איז געווען: פריילעכע קינדערשע פּנעמער, זייערע קלוגע אייגעלעך, וועלכע האָבן אונדז דערציילט פון פרייד און קינדערשער זאָרגלאָזיקייט, און אַז זיי האָבן זיך באַפרייט פון שרעק פאַר הונגער און בענקעניש נאָך אַ שטיקל ברויט. מיר האָבן באַקומען אונדזער באַלוינונג דורך דעם, וואָס מיר האָבן געזען פאַר זיך אַ קליינע קינדער־רעפּובליק און קינדער־לאַנד.

אויב מיר זיינען נישט געווען בעקויעך צו העלפן די טאַטעס — די באַלוטער וועבער און אַרבעטער — האָבן מיר כאָטש באַוויזן מיט עפּעס צו פאַרזאָרגן זייערע קינדער.

ביז מיין אָפּפאָרן פון לאָדזש אין 1923, האָב איך מיטגעאַרבעט אין קינדער־היים, אויך מיין פרוי האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט ביז איר אָפּפאָרן אין 1925, און ליב איז אונדז געווען די אַרבעט, און די מענטשן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אונדז מיטגעאַרבעט.

עס איז אינטערעסאַנט צו דערציילן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט צוריק מיט צוויי יאָר, בעיים צו אונדז אין פאַריין זיינען געקומען די אַרטיסטן נוסבוים, נויפעלד און באָטשקאָווסקאַ.

קוקט אַזוי מיין פרוי, אַף נוסבוימען און זאָגט מיר: „דער יונגערמאַן איז מיר קענטלעך“.

לאַך איך פון איר, אָבער ווען איך גיב אים אונדזער ערשטן נומער „אונדזער לאָדזש“, און ער נעמט אים בלעטערן, טרעפט ער אָן דאָס בילד פון באַלוטער קינדער־היים און שרייט אויס: „מיין טאַטע“.

ווייזט זיך אַרויס, אַז מיין פרוי האָט אים געדענקט אַלס קינד פון דער באַלוטער קינדער־היים, און אים דאָ — אין דער ווייטער בוענאָס־איירעס — דערקענט.

אָבער קיין סאַך פון יענע קינדער, צי פון די עלטערן האָבן מיר נישט דאָס גליק צו טרעפן. אַפילע קיין גרוסן פונווייטנס קענען מיר פון זיי נישט באַקומען.

די היטלעריסטישע מערדער, וועלכע האָבן אַזוי אומבעראַכמאָנעסדיק אָפּגעווישט דאָס רייכע פילפאַרביקע יידישע לעבן פון לאָדזש, האָט אויך אַ סאַך געמאַכט צו אַלע אינסטיטוציעס וועלכע האָבן געזאָרגט פאַרן געזונט און פאַר דער דערציונג פונעם יידישן קינד און צו די אַלע איבערגעגעבענע טוער, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן קויכעס, ענערגיע און מי פאַר אַזעלכע אַנשטאַלטן.

באַלוטער
קינדער־היים

* * *

מ. פלאַמבוים

די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע באַוועגונג אין אַרגענטינע

און דער ביישטייער פון אונדזערע לאָדזשער

די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַרגענטינע אין דער פאָרם, ווי מיר זעען זיי היינט, געהערן אָן סאָפעק צו דער יינגסטער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג באַ אונדז אין לאַנד.

כאָטש עס געפינען זיך באַ אונדז לאַנדסלייט־פאַריינען, וואָס ציילן שוין היפשע צענדליקער יאָרן פון עקזיסטענץ, זיינען זיי — ערשטנס אַזוי קליין און ווייניק אין צאָל און צווייטנס — פון אַזאַ שמאָל באַגרעניצטן כאַראַקטער, אַז מען קען זיי ביכלאַל נישט פאַררעכענען פאַר וועלכן נישט איז ווירקנדיקן קויעך, וואָס זאָל קענען האָבן געשפּילט וואָסער נישט איז ראָל אין די בערייש־טעג פון אויפבויען אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אונדזער נייער היים.

דאָס זיינען ס׳ראָוו געווען די איבערגעפלאַנצטע בעוורעלעך פון די קליינע שטעטלעך פון אונדזער אַלטער היים... פאַריינדלעך ווו מען האָט געדאַוונט מיט אַן אייגענעם נוסעך, געפייערט סימכעלעך, יאָנטויווים, יאָרצייטן נאָך אַ לאַנדסמאַן אַפן אַלטן שטייגער. זיך אַרומגעריסן איבער אַ בענקל פאַר אַ דאָזאר אָדער גאַבע, טאַקע אויך אַרויסגעהאָלפן אַ לאַנדסמאַן אַף שיפסקאַרטן פאַר ווייב און קינדער; אַ גאַראַנטיע צום קווענטעניק אַף אַביסל מעבל. אָבער מיטן אַרומיקן ברויזנדיקן לעבן, מיט די טאָג־טעגלעכע קאַמפן פאַר פאַרבעסערן, פאַרשענערן און אויפבויען אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן, האָבן זיי געהאַט אַ גאַנץ קנאַפן שייכעס.

דאָ האָט מען געפּראַוועט שאַבעס פאַר זיך; זיך געפּרעגלט אין אייגענעם נעבעכדיקן סאָק...

פאַר אונדז בלייבט ייַר נישט ווי די דאָזיקע פאַריינדלעך צו רעספּעקטירן פאַר זייער היסטאָרישן ווערט אַלס פאָרלויפער פון אַ גרויסער באַוועגונג.

אַפילע דער פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, וואָס האָט שוין געפייערט זיינע דרייסיק יאָר פון עקזיסטענץ און טראָץ זיין קלינגענדיקן נאָמען „צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן” — איז אויך נישט מערער געווען ווי אַ פאַרגרעסערטע אויפלאַגע פון יענעם טיפּ פאַריינען בלויז מיט אַ מערער ביוראָקראַטישן כאַראַקטער...

ערשט האַרט באַם אָפּשלוס פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, באַם ראַנד פון דער גרעסטער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, ערשט דעמאָלט איז אויפגעקומען און זיך צעוואַקסן אין דער גאַנצער ברייט די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע באַוועגונג און גלייך גענומען שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין יענע שרעקלעכע טעג פון פּיין און צאַר ווען עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען די ערשטע טרויעריקע ידיעס, וואָס דער נאַצי סוינע האָט געטון צו אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע, דעמאָלט האָט אין אונדז אויפגעוואַכט דער גרויסער ציטער, די שרעק און די בענקשאַפט צו דער אַלטער היים. שוין פון לאַנג איינגעדרימלטע געפילן, פון זייט יאָרן וואַנדערן איבער שטעט, לענדער און קאָנטינענטן זיינען ווידער וואַך און פילבאַר געוואָרן צו דעם געבוירן אָרט, דאָרט ווו מען האָט געשטעלט די ערשטע טריט, ווו מען האָט געלאָזט טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער און טייערע, טייערע כאַווירים און פריינט.

עס האָבן ווידער אויפגעלעבט יענע ראָמאַנטישע טעג פון קינדער־יאָרן. מען האָט ווידער דערזען דאָס וועלדל מיטן טייך הינטערן שטעטל, די גרינע לאָנקעס מיט די ברייטע טווע פעלדער, — דער טאַם פון דער מאַמעס שאַבעס־יאָנטעוודיקע מייכאָלים האָבן מאַמעש גערייצט דעם גומען, ווידער האָט מען זיך דערמאָנט אין דעם אַמאָליקן קלוב, די ביבליאָטעק מיט די טייערע כאַווירים און כאַווערטעס, וואָס מען האָט דאָרט איבערגעלאָזט, און די שרעק פאַר זייער גוירל האָט גענומען פייניקן און מאָנען... מיט דעם גאַנצן אימפּעט און אַכראַיעס האָבן מיר זיך געוואָרפן צו שאַפן, ווי אַמשנעלסטן, הילף פאַר די לעבנגעבליבענע און זוכן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיטן שעיירעס־האַכורבן.

זיינען מיר טאַקע געווען איידעס, אין יענע שרעקלעכע טעג, ווען עס האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן און גרינדן לאַנדסמאַנשאַפטן אין די צענדליקער יעדן טאָג מיט די נעמען פון זייערע היימשטעט און שטעטלעך.

אין געציילטע וואָכן האָבן מיר שוין געקאָנט אָפּציילן קאַרגע הונדערט לאַנדסלייט פאַריינען.

אַוואַדע איז לעכאַטכילע די אַרבעט פון די דאָזיקע נייע פאַריינען געווען אַ כאַאָטישע, נישט ריכטיק אָרגאַניזירט. דער מאָמענט האָט געברענט, נישט געווען קיין צייט פאַר איבערלעגנהייט. די הילף איז געווען דרינגענד, האָט מען געזוכט צו קאָנקורירן איינע מיט דער צווייטער. דער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם פון יעדן צו זיין שטעטל האָט געמאַכט פאַרגעסן די אַלגעמיינע זאַך און פון דעם האָט פאַרשטייט זיך שטאַרק געליטן די אַלגעמיינע הילפס־באַוועגונג.

אַכוץ דעם האָבן זיך אַוועקגעשטעלט באַ דער אַרבעט נישט קיין געניטע פּראַקטישע טוער, וואָס האָבן נישט געוואָלט וויסן פון פאַראייניקן די דאָזיקע הילפס־באַוועגונג.

מען האָט טאַקע אין די ערשטע שטורעם טעג נישט געקענט און אויך נישט געטאָרט שטערן דעם דאָזיקן געפילס־אויסברוך. יעדער צו זיין אייגן שטעטל. עס האָט ערשט געמוזט קומען אַ געוויסע אָטעם־פּויזע פון אויסניכטערונג, אַז די פּראַקטישקייט זאָל קענען נעמען די אויבערהאַנט...

און עס איז טאַקע באַלד געקומען אַ נייער ווענדפונקט, וואָס האָט דער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער באַוועגונג אַוועקגעפירט אַף ברייטע שליאַכן פון געזעלשאַפט־

לעבער טעטיקייט און וואָס האָט אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע באַוועגונג אין די ערשטע רייען און אין סאַמע צענטער פון אונדזער יידיש לעבן דאָ אַפן אָרט.

עס זיינען אויפגעקומען די צוויי גרעסטע לאַנדסלייט־פאַריינען: צוערשט די וואַרשעווער און באַלד דערנאָך — מיר, די לאָדזשער.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פרוון אין פאַרשידענע צייטן צו אָרגאַניזירן דאָ באַ אונדז אין לאַנד אַ לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין, און עס האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעגעבן. נאָך אַ געוויסער צייט פון עקזיסטירן האָבן זיי געמוזט אויפגעבן זייער טעטיקייט.

דאָס איז געווען דערפאַר ווייל די לאָדזשער וואָס זיינען אָנגעקומען דאָ אין לאַנד זיינען שוין געווען אין גרעסטן טייל רייפע געזעלשאַפטלעכע מענטשן, און טוער פון פאַרשידענע באַוועגונגען, פראָפעסיאָנעלע ווי קולטורעלע, וועמען די פאַריינדלעך פון דעם באַקאַנטן שניט, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, האָבן נישט געקענט באַפרידיקן. אַגעוו, איז די שטאָט אין דער אַלטער היים געווען גרויס; איינער מיטן צווייטן האָבן זיך ווייניקער געקענט ווי אין די קליינע שטעטלעך אַזוי, אַז דער לאָקאַלער פאַטריאָטיזם האָט דאָ ווייניקער געשפילט אַ ראָל. האָבן מיר טאַקע געזען אונדזערע לאָדזשער זיין אַקטיוו אין פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, קולטור אינסטיטוציעס און שעפטומס. איז פון זיי טאַקע געווען אַ סאַך פלאַך וואַסער, אַ לאַנדסלייט פאַריין לויטן אַלטן שטייגער...

אָבער יענע שטורעם טעג האָבן געענדערט דעם כאַראַקטער פון דער זאַך און דאָס מאָל איז געבוירן געוואָרן אַ פעסטער און גוט אָרגאַניזירטער לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין.

די לאָדזשער, פונקט ווי די וואַרשעווער, האָבן זיך נישט אָרגאַניזירט בלויז קעדיי צו שאַפן אַ גראָשנדיקע הילף און דערנאָך ווידער פאַרשווינדן. נאָר ווי אַ געזעלשאַפטלעכער קויעך וואָס זאָל פאַראַלעל מיט דער הילפס־אַרבעט אויך טאָן וויכטיקע אַרבעטן דאָ אַפן אָרט.

דער בעסטער סימען, אַז דער לאַנדסלייט פאַריין פון לאָדזש איז געבוירן געוואָרן אין דער ריכטיקער צייט און בעעמעס ווי אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט קען דינען דער פאַקט, אַז בלויז אַף געציילטע נאָטיצן אין די צייטונגען זיינען צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געקומען הונדערטער לאַנדסלייט וואָס האָבן נישט געקאָנט אַריין אין סאַלאָן. זיי זיינען אָבער געבליבן טרייע איבערגעגעבענע מיטגלידער און טוער פון אונדזער פאַריין ביזן היינטיקן טאָג. אונדזער לאָדזשער ל״ל פאַריין איז גלייך אויפגעקומען מיט אַ קלאָרן פראָגראַם, מיט אַ גוט צוגעטראַכטן אַרבעטס־פלאַן וואָס זאָל אַנטשפרעכן די באַדינגונגען פון דער גרויליקער צייט. אַפן ערשטן פלאַץ, פאַרשטייט זיך הילף פאַר דער שעיירים־האַפלייטע.

אָבער גלייך די ערשטע אויפגאַבע אונדזערע איז געווען ווי אַן אומבאַדינגטער אימפעראַטיוו פון אונדזער צייט: אייניקייט אַרום דער הילפס־באַוועגונג. גראַד האָבן זיך צו יענער צייט צוזאַמענגעגאָסן אייניקע לאַנדסלייט פאַריינען אין אַ געמיינזאַמען ראַט פון ל״ל פאַריינען און אָנגעפאַנגען אַ געמיינזאַמע הילפס־אַרבעט מיט אַ שוטפעסדיקן לאָקאַל און גענומען צוגרייטן אַ געמיינזאַמען הילפס טראַנספאָרט. דאָס זיינען געווען קליינע פאַריינען אָבער מיט זייער פראַקטישע געזעלשאַפטלעכע טוער. מיר די לאָדזשער האָבן דאָ דערזען אַ גוט ברייט פעלד פאַר אַ געמיינזאַמער אַרבעט און נאָך אַ גוט צוגעגרייטן פלענום פון אַ גרויסער מאַסע לאָדזשער און פון די אַרומיקע שטעטלעך זיינען מיר די לאָדזשער געווען פון די ערשטע גרויסע פאַריינען וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם „ראַט“ און גלייך דערויף געשאַפן די היינט גוט באַקאַנטע פעדעראַציע פון יידישע לאַנדסלייט פאַריינען.

מיט דעם אַריינטריט פון די לאָדזשער אין דער פעדעראַציע האָבן גלייך גענומען נאָכטאָן דעם ביישפיל צענדליקער און צענדליקער אַנדערע פאַריינען, און די פעדעראַציע איז שנעל געוואָרן אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון אַ סאַך צענדליקער פאַריינען און טויזנטער אָרגאַניזירטע מיטגלידער.

דער לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין איז געווען דער, וואָס האָט מאַשפיע געווען דעם וואַרשעווער פאַריין, וואָס האָט שוין צו יענער צייט געהאַט אַ סאַך הונדערטער מיטגלידער און געפירט אַ ברייטע הילפס־טעטיקייט, זאָל זיך אויך אָנשליסן אין דער פעדעראַציע פון לאַנדסלייט פאַריינען און אַ דאַנק אונדזער אינטערווענץ איז עס געלונגען אַז אויך די וואַרשעווער זיינען אַריינגעטראָטן אין דער גרויסער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער מישפאָכע.

מיט שטאָלץ און קאָוועד דערמאָנען מיר, אַז מיר — די לאָדזשער — זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן אָנגעפאַנגען רופן און וועקן פאַר אַן אַלגעמיינעם הילפס־קאַמפיין. אַ דאַנק אונדזער אינטערווענץ און באַמיונג, קוידעסקאָל, צו פאַראייניקן דאָס פוילישע יידנטום, וואָס האָט אַמשטאַרקסטן געליטן פון דער היטלער־מאַגייפע. און כאָטש די טוער באַם פוילישן פאַרבאַנד האָבן זיך ווייניק צוגעהערט צו אונדזערע ווענדונגען און ווייטער געפירט זייערע באַגרעניצטע גראָשנדיקע קאַמפיינדלעך, האָבן מיר אָבער געפונען די וועגן צו די מיטגלידער און נאָך לאַנגע באַמיונגען איז ענדלעך, אַפילע נאָר בלויז אַף אַ קורצער צייט געלונגען צו פאַראייניקן דאָס גאַנצע פוילישע יידנטום. נאָך אַ פלענום פון אַ גאַנצן טאָג איז אונדז געלונגען איינצוברעכן די ווענט פון פוילישן פאַרבאַנד און עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ געמיינזאַמע קאָמיסיע, צוזאַמענגעשטעלט פון דער פעדעראַציע פון יידישע לאַנדסלייט פאַריינען און דער פאַרבאַנד פון פוילישע יידן ווו מיר, די לאָדזשער, האָבן פאַרנומען די בעקאָוועדיקסטע פלעצער אין דער אָנפירערשאַפט, באַם פאַראייניקן די הילפס־באַוועגונג. און ווידער דערמאָנען מיר מיט סאַטיספאַקציע, אַז מיר, די לאָדזשער זיינען געווען די ערשטע, בעפיירעש די ערשטע איבערצוגעבן אונדזערע געלט־פאָנדן אין באַשטאַנד פון אַ סאַך טויזנטער פעזעס ביכדיי שוין אָנצופאַנגען צוגרייטן אַ געמיינזאַמען הילפס־טראַנספאָרט.

דער דאָזיקער געמיינזאַמער הילפס־טראַנספאָרט אַוועקגעשיקט פון פאַראייניקטע לאַנדסמאַנשאַפטן איז זיכער געווען דער שענסטער און בעסטער, ספעציעל ווייל אונטער דער ווירקונג פון אייניקייט.

מיט דער אייניקייט מיטן פויליש־יידישן פאַרבאַנד האָבן מיר זיך נישט אָפגעשטעלט מיט אונדזער באַמי־

אונג פאַר אַן אַלגעמיינער אייניקייט אַרום דער הילפס־באַוועגונג, ווייל מיר האָבן געהאַלטן, אַז דאָס דאַרף זיין די זאַך פונעם גאַנצן יידנטום אין אַרגענטינע. אויך דאָ האָבן מיר, לאָדזשער, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. און ווען עס איז רייף געוואָרן די אייניקייט מיט דער הילפס־אָרגאַניזאַציע פון וועלט־מאַסשטאַב ווי דער וועלט־קאָנגרעס, האָבן מיר צוזאַמען מיט דער פעדעראַציע דערזען אַ נאָענטערן וועג צו דער אַלגעמיינער אייניקייט, און דאָס מיט גרויס פרייד אויפגענומען. ליידער האָבן די טוער פון פוילישן פאַרבאַנד אַנדערש געזען און ניט געוואָלט מיטגיין, און די אייניקייט מיטן פויליש־יידישן פאַרבאַנד האָט נישט כאָלילע צוליב אונדזער שולד, געפלאַצט...

אָבער באַלד איז דאָך געקומען אַן אַלגעמיינע אייניקייט אונטערן נאָמען „אַזשודאַ“ — הילף, און דאָס איז אייגנטלעך געווען אונדזער גרעסטער כאָלעם, וואָס איז מעקויעם געוואָרן. אָבער נישט קיין בלויזער כאָלעם, ווייל מיר האָבן פאַר דער דאָזיקער אייניקייט געקעמפט, זיך געמיט, און פאַרשרייבן טאַקע אַ טייל פון דעם ניצאָכן אַף אונדזער לאָדזשער קאָנטע... נאָכדעם ווי עס איז אויפגעלייזט געוואָרן די אייניקייט מיטן פויליש־יידישן פאַרבאַנד, האָבן זיך די טוער פון פאַרבאַנד געזוכט צו ראַטעווען, ווייל די גרעסטע צאָל פון זייערע מיטגלידער זיינען מיט פאַרדרוס אַוועק, און אַפילע געזוכט אַדורכצופירן אַ קאָנגרעס פון פוילישע יידן אין אונדזער שכיינעסדיקער רעפובליק אין אורוגוויי. נאָך וואָס מען האָט געדאַרפט דעם קאָנגרעס אַוועקפירן אין אַ צווייט לאַנד, בלייבט נאָך ביז היינט אַ סאָד. מיר האָבן אַפילע ווייטער פאַרגעלייגט אָפצולייגן דעם קאָנגרעס און אַדורכפירן אַ געמיינזאַמען קאָנגרעס מיט דער פעדעראַציע און באַהאַנדלען די גאָר וויכטיקע פראַגן געמיינזאַם און דאַווקע באַ אונדז אין לאַנד. דאָ האָבן מיר שוין אָבער אָנגעטראָפן אַף אַ טויבער וואַנט און פאַרשטאָפטע אויערן... מיר האָבן אַפילע צו יענער צייט דעזוויטאָריזירט דעם דאָזיקן קאָנגרעס, ווייל מיר האָבן געהאַלטן אַז אַ קאָנגרעס פון פוילישע יידן אָן לאָדזש און אָן וואַרשע, איבערהויפּט אָן דער גרעסטער צאָל נישט אָנגעשלאָסענע פויליש־יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן הייסט אַ קאָנגרעס פון פוילישע יידן אָבער אָן פוילישע יידן...

איז עס טאַקע קיין קאָנגרעס נישט געווען.

אַמבעסטן האָט דעם דאָזיקן קעמוי קאָנגרעס כאַראַקטעריזירט דער פאַרשטאָרבענער שרייבער ש. פריילעך — אַ קאָנגרעס פון אַ סאַך לאַנגווייליקע רעדעס, ווייניק מייסים און — פּאָקער־שפּילן...

נאָך דעם ווי די הויפּט אָנפירערשאַפט פאַר דער הילפס־אַרבעט האָבן איבערגענומען, פאַרשטייט זיך מיט אונדזער מיטאַרבעט, די צוויי גרויסע וועלט־אָרגאַניזאַציעס „דזשאָינט“ און „וועלט־קאָנגרעס“ האָבן מיר, די פעדעראַציע מיט לאָדזש און וואַרשע בעראָש, אָנגעפאַנגען אַ ברייטע סאָציאַלע און קולטור־אַרבעט דאָ אַפן אָרט. און אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט די הילפס־אַרבעט.

מיר, די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן אַרום דער פעדעראַציע, זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן געשיקט אונדזער דעלעגאַציע צום אָפדעקן דעם דענקמאָל אין וואַרשע נאָך אונדזערע זעקס מיליאָן קעדוישים. און זיי, די דעלעגאַטן אונדזערע, זיינען געווען די וועלכע האָבן אָנגעשלאָסן דעם ערשטן קאָנטאַקט מיט דער שעייר׳ים האַפּליטע און אונדז געבראַכט די ערשטע פערזענלעכע גרוסן פון די לעבנגעבליבענע. אונדזער דעלעגאַציע איז געווען די וועלכע האָט מיטגעבראַכט די לעצטע רעשטלעך פון אונדזערע אומגעקומענע שוועסטער און ברידער און זיי האָבן געפונען זייער רו־אָרט אונטערן דענקמאָל אין טאַבלאַדאַ, ווו טויזנטער און טויזנטער יידן האָבן די איינציקע מעגלעכקייט צו קומען אַף קייווער־אָוועס, נאָך זייערע אומגעבראַכטע קרויווים.

מיט אַ סאַך פרייד און יאָנטעוודיקייט האָבן עס אויפגענומען די ערשטע שעלוכים פון נייעם פוילישן יידנטום, נאָך דעם גרויסן כורבן, די פראָמינענטע טוער פּראָפעסאָר זאַק און ריווקע וואָיסקאָווסקאַ. מיט דער גרעסטער יאָנטעוודיקייט האָבן מיר די דאָזיקע געסט פון אונדזער יישעוו אויפגענומען. אַפן ערשטן אָרט האָט אונדז געפרייט, ווייל דאָס איז געווען די עמעסע אויטענטישע דעלעגאַציע פון אַן אויפריכטיקער אייניקייט. דער ערשטער אַ ציוניסט, די צווייטע — אַ קאָמוניסטקע. אַ דעלעגאַציע אין ריכטיקן גייסט פון די געטאָ־קעמפער, וואָס זיינען געפאַלן אין דער פולער אייניקייט פאַרן גאַנצן יידנטום, פאַרן גאַנצן פאָלק.

אַכוץ אין דער פולער אייניקייט אַרום דער הילפס־אַרבעט האָבן מיר אָנגעפירט אַ ברייטערע טעטיקייט מיט אינדיווידועלער הילף, איבערהויפּט דורך שיקן פעקלעך עסן און קליידער, מעדיצינען צו פערזאָנען און איינצלנע פאַמיליעס, אַלע וואָס האָבן זיך נאָר צו אונדז געווענדט. פון אונדזער היימשטאָט, פון די לאַגערן און אַפילע אויך פון דער ווייטער שאַנכיי, ווו עס האָבן זיך געפונען לאַנדסלייט יידן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַרנעמט דאָס מאַכן „זשאַמאַדעס“ (פאָדערונגען און אַריינפאָר־פּאַפּירן). מיט גרויס צופרידנקייט שטעלן מיר היינט פעסט, אַז אַ סאַך, אַ סאַך פּלייטים וואָס געפינען זיך היינט באַ אונדז אין לאַנד און האָבן זיך אַפילע ביז גאָר היפּשלעך איינגעלעבט און אַרויפגעאַרבעט, פאַרהיילט די וווּנדן פון גרויסן כורבן — האָבן דאָס דערגרייכט דורך אונדזער הילף. אַ געוואַלדיק פּראָבלעם איז געווען דאָס פאַרשאַפן דירעס. אויך דאָ האָבן מיר צו פאַרצייכענען אַ ריזן־דערפאָלג.

אַ כוץ די ספּעציפישע הילף־אַרבעט האָט די גרויסע לאַנדסמאַנשאַפטלעכע מישפּאָכע צו פאַרצייכענען גרויסע אַרבעטן אַפן אַלגעמיינעם געביט פון אונדזער יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן דאָ אַפן אָרט.

נישטאָ קיין איין וויכטיקע אינסטיטוציע, ווי שולן, טעאַטער, קולטור און הייל־אַנשטאַלטן, וואָס האָבן נישט גענאָסן פון אונדזער הילף.

ווען דער יידישער שפּיטאָל האָט זיך אָנגעטראָפן אַף אַ גרויסן פינאַנציעלן קריזיס אַ דאַנק דעם גרויסן אויפבוי־ווערק, האָבן מיר די לאַנדסמאַנשאַפטן, אונטערגענומען אַ ברייטע הילפס־אַקציע אַפן נאָמען פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן אַרום דער פעדעראַציע און מיר האָבן, אויסגעשטאַט אַ גאַנצע סאַלע אַפן נאָמען פון דער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער מישפּאָכע. און גאַנץ באַזונדער אַ גרויסע קאָנסולטאָריע אַפן נאָמען פון דער גרויסער לאָדזשער מישפּאָכע אין לאַנד.

פיל פרייד פולט אָן אונדזערע הערצער ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז אַ גאַנצע אָפּטיילונג אין דער קינדער־היים אין נאָכמילכאָמעדיקן פוילן, אין העלענוּוועק,

נעבן לאָדזש איז איינגעריכטעט געוואָרן מיט די געלטער פון אונדזערע לאַנדסלייט אין אַרגענטינע.

די קינדערלעך יעסוימים נאָכן גרויסן היטלער־כורבן האָבן ווידער געפונען אַ היים און אַ דאַך איבערן קאָפּ מיט אונדזער הילף.

דאָס ערשטע יידישע טעאַטער אין דעם נאָכמילכאָמעדיקן לאָדזש האָט גענאָסן פון אונדזער הילף און אַ ספּעציעלע מאַטאָנע פון אונדז, לאָדזשער.

⁂

נאָך יאָרן אומערמידלעכער אַרבעט אויפן געביט, הילף, קולטור און אויפבוי איז געקומען אַן איבערברוך אין אונדזער אַרבעט, וועלכע האָט ווידער אונדז, די לאַנדסמאַנשאַפטן געשטעלט פאַר נייע צילן און אויפגאַבן. צוזאַמען מיט דעם, וואָס דאָס נייע פּוילן האָט זיך מערער נישט גענויטיקט אין אונדזער הילף, ווייל די נייע דעמאָקראַטישע מאַכט האָט מער נישט געמאַכט קיין אויסנאַם פון ייד און קריסט און די גאַנצע אויפבוי־אַרבעט איז אַרונטערגענומען אונטער איר מאַכט, האָט אונדז טיילווייז באַפרייט פון דער הילפס־אַרבעט. באַגלייט מיט דער דאָזיקער פריידיקייט איז אויפגעקומען גלייכצייטיק די גרויסע פאָלקס־פרייד, דאָס מעקויעם ווערן פון אונדזער צוויי טויזנט יאָריקן כאָלעם פון געולע.

מיטן פּראָקלאַמירן אונדזער מעלוכישע רעכט אויף אונדזער אַלט־ניי־לאַנד האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר דער גרויסער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער מישפּאָכע אַ ניי ברייט פעלד פון וויכטיקער אַרבעט. מיט אַ סאַך היסלאַוועס און ברען האָבן זיך די לאַנדסמאַנשאַפטן אַריינגעוואָרפן אין דער הילפס־אַרבעט פאַר ייסראָעל. אַ פריידיקע אייניקייט פאַר איין גרויסן ציל האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע אַרגענטינער יידנטום. אין אַלע גרעסערע לאָקאַלן פון די לאַנדסלייט פאַריינען און אויך אין דער פעדעראַציע זיינען יעדן טאָג געווען ספּעציעלע טישן פאַרן קאַמפּיין. בלויז בא אונדזערע טישן באַם לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין איז אַריינגעקומען איבער הונדערט טויזנט פּעזעס.

דער ערשטער אַמבולאַנס פאַר מעדינאַס ייסראָעל איז אַוועקגעשיקט געוואָרן דורך אונדזערע פאַריינען.

ליידער האָט די דאָזיקע גרויסע פרייד פון פולער אייניקייט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. ס'האָבן גענומען בלאָזן בייזע ווינטן אין דעם יידישן לעבן. אונדזער אַלטע געשיכטלעכע קלאָלע פון שפּאַלטונגען צווישן יעהודא און ייסראָעל איז נאָך אַקטועל...

מיט מיטלאַלטערלעכע מיטלען פון טאַקיפישע ביירעמס און אַפילע מעסירע פאַראייניקט מען זיך מיט די וואָס באַפרייען די מערדער פון אונדזער פאָלק און מען מאַכט אַ בלוטיקע וואַנט צווישן ברידער און ברידער, פאָלקס־קינדער און פאָלקס־קינדער.

מיר זיינען אָבער פעסט איבערצייגט, אַז דאָס איז בלויז אַ קליינער טרויעריקער עפּיזאָד אויפן וועג צו אַ פולער אייניקייט פאַר אַ פרייער מעדינאַס ייסראָעל און אַ פרייער וועלט אָן מילכאָמעס און אָן פאַשיזם.

אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע ליטעראַטור, פאַר וועלכן מיר ווילן זיך ספּעציעל אָפּשטעלן.

די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אויסגאַבעס אין פאָרם פון פּינקעסעס, אַלמאַנאַכן און זיכרוינעס־אויסגאַבעס פאַרדינט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט: און מיר האַלטן אַז דאָס דאַרף ווערן די זאַך פון דעם „ייוואָ", „איקוף" מיט דער פולער אונטערשטיצונג פון דער קעהילע און אַנדערע גרויסע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס.

נאָך אונדזער גרויסן כורבן אין וועלכן דער גאַנצער פּוילישער יישעוו איז אָפּגעווישט געוואָרן. צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן קעדוישים, זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אַלע אונדזערע קולטור־אוצרעס, איבערהויפּט אין די הונדערטער שטעט און קליינע שטעטלעך, ווו אַלץ איז פאַרניכטעט און פאַרברענט געוואָרן און ס'איז גאָרנישט געבליבן פאַרצייכנט אָדער פאַרשריבן.

די הונדערטער און טויזנטער פאַרשידענע לאַנדסלייט, וואָס געפינען זיך צעזייט און צעשפּרייט איבער דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, דאָס איז דער לעצטער דאָר, די לעצטע איידעס, וואָס האָבן וואָס צו דערציילן, צו פאַרצייכענען וועגן דעם רומפולן אומגעקומענעם פּוילישן יידנטום. דאָס וועט זיין די איין און איינציקע מאַטעריאַלן פאַר דעם קומענדיקן געשיכטע שרייבער.

ס'איז זיכער עמעס, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור איז ווייט נישט אַזוי פּערפעקט ווי די שאַפונגען פון דעם גאָטגעבענטשטן קינסטלער. גלויבן מיר אָבער, אַז דאָס איז עפּשער די גרעסטע מיילע. דער לאַנדסמאַן דערציילט נישט זיינע עפּיזאָדן וועגן מענטשן און סיטואַציעס פון דעם אָדער יענעם שטעטל מיט מעליצע פליטערלעך, נאָר דערציילט פּאָשעט און פּראָסט זייער אויפטו מיט אַ שטומפּיקער איוורע, מיט אומגעהיבלטע זאַצן, נאָר מיט אַ טיפן פּיעטעט צו דעם געוועזענעם.

מיר וואָלטן געזאָגט, אַז דער בילעק פון דער דאָזיקער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער ליטעראַטור ביז צו די אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן — מעג זיין פון גרעסטן קינסטלער — איז ווי דאָס גוט געמאָלטע קונסט־בילד פון אַ גרויסן מאָלער ביז אַ פּאָשעטער פאָטאָגראַפיע. ווען מען וויל קענען דאָס אויסזען פון דעם טאַטן צי פון דער מאַמען פון אַמאָל קען מען עס נישט וויסן דורך דער פיינער סקולפּטור אָדער אייל־בילד נאָר דורך דער פּאָשעטער פאָטאָגראַפיע...

די דאָזיקע פּרימיטיווע ליטעראַטור דערמאָנט אין דעם טאַם פון דער מאַמעס קיכל וואָס מען האָט באַקומען שאַבעס נאָכן שלאָף, וואָס איז געווען באַטאַמטער פון די בעסטע געבעקסן אין די פיינסטע בעקערייען...

דער קומענדיקער געשיכטע שרייבער וועט געפינען אַ שלאַל מיט מאַטעריאַלן לייכט צו דער האַנט אין דער דאָזיקער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער ליטעראַטור. ער וועט ניט דאַרפן אַראָפּרייסן די פּרעכטיקע שאָלעכץ צוצוקומען צו דער יאָדרע. די אַלע דערמאָנטע און ניט דערמאָנטע אַרבעטן פון דעם נייעם יונגן יידישן געזעלשאַפטלעכן קויעך אין אַרגענטינע שטעלט אונדז אַוועק אין סאַמע צענטער פון אונדזער יידישן לעבן, ווו מיר זיינען פאַרטראָטן אין אַלע אויפבוי־ווערק אין אונדזער יידישן לעבן און מיר וועלן אויך אויף ווייטער נישט קאַרגן קיין מי און אָפּגעבן אונדזער קויעך, ענערגיע און אַרבעט פאַר אַ פולשטענדיקער אייניקייט און קאַמף, אַז עס זאָלן זיך מערער נישט איבערכאַזערן אַזעלכע גרוילעכע צייטן פון מילכאָמעס, גאַז־קאַמערן און אַשוויענטשימס.

מאַרי גאָלד

פערעץ־באַלאַדע 1951

געווידמעט דעם לייען־קרײַז פון
לאָדזשער לאַנדסלײַט־פאַריין

באַם טיש זיצן פרויען, זיי זיצן אַרום.
אין דער לופט הענגט אַ וואָרט, אַ וואָרט ווי אַ בלום.

אַ וואָרט הענגט, אַ נאָמען צעשטראַלט און צעהעלט.
אַ לויטערער קוואַל דאָרט זיך ריזלט און קוועלט.

עס זיצן די פרויען און לייענען אין קרײַז,
זיי לייענען דעם שרײַבער פון מאַטאָנעס די דרײַ.

צעשײַנען זיך הערצער, ס'פאַלט אַ פריידיקע טרער
וואָס באַנציע צופוסנס דעם מאַן זיצט ניט מער.

וואָס באָנציע ניט שווײַגט מער, ער ברענט הײַנט אַ וועלט,
מאָנט יווישער פאַר זײַנע צעטראַסקעטע הענט,

און קעמפט פאַר אַ מאָרגן נאָך העכער ווי הויך,
דער מענטש זאָל אין העפקער ניט אַוועק מיטן רויך.

עס זיצט אַ קרײַז פרויען אַרום באַ דעם טיש
און זעען און הערן און ווייסן נאָך נישט.

ס'קומט פערעץ אַרײַן, לייגט די גאָלדענע קייט
אַוועק אַפן טיש פאַרן קרײַז שטילערהייט.

ער הערט ווי עס קלינגט אין דער לופט זײַן געדאַנק,
די טעכטער פון פאָלק זינגען אויס זײַן געזאַנג,

און וועקן און רופן און מאָנען און שמידן
אַ וועלט אַ גערעכטע מיט פרייד און מיט פרידן.

עס זיצן אין קרייז די פרויען באַם טיש
און זעען און הערן און ווייסן נאָך נישט.

נאָר ס'ציִען זיך ווערטער, ווי פערל אַף פאָדעם,
ס'צעשײַנט זיך און ס'צעפינקלט זיך פערעצעס פּאָנעם.

און ס'שעפּטשען די ליפּן אין נאַכטיקער שאָ:
איך בין מיט אײַך קינדער, איך בין מיט אײַך דאָ.

עס זיצן אין קרייז די פרויען אַרום,
דערהערן די ווערטער, זיי קוקן זיך אום,

און זוכן דעם טאַטן — נאָר ער איז שוין ווײַט,
געבליבן נאָך אים איז די גאָלדענע קייט...

דער לאָדזשער שאַכער־מאַרק

(סאָף פון זײַט 10)

וועלעך, האָט ער אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אַביסל אַף אַ זייט און צוזאַמענציִענדיק די ברעמען אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרשערישן בליק אַלע ארומשטייענדיקע. עס האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט, אַלע פון קרענצל זיינען געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך.

נישט רירנדיק זיך פון אָרט האָט ער בלויז דעם אויבערשטן טייל קערפּער אויסגעדרייט אַף אַ זייט און מיט אַן אַלץ ארומנעמענדיקן בליק זיך איינגעביסן אין אַלעמענס פּנעמער, ווי מיט אַ פאַרבלענדיקן פּראָזשעקטאָר האָט ער פּאַוואָליע איבערגעפירט זיינע צוויי אויגן ביז צום צווייטן עק פונעם האַלב־קרייז. ער האָט קיינעם נישט אויסגעמיטן. דער אוילעם איז געשטאַנען שטיל און איינגעקוקט זיך אין אים ווי באַ אַ מיליטערישן סמאָטר. ער האָט האַסטיק אַ לאָז אַראָפּ געגעבן דעם קאָפּ אַף דער ברוסט און אַף אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט. און שנעל אים אויפגעהויבן און מיט די שאַרפע אויגן זיך איינגעשפּיזט אין אַ יונגן באָכער מיט אַן אַראָפּגערוקטן דאַשיק ביז איבער די אויגן.

— אָשער קאַטאַזשאַן! — האָט ער אויסגעשריגן.

אָשער האָט בליץ שנעל זיך אַדורכגעשטופּט דורכן געזעמל און גיך צוגעלאָפן.

— באַלד זאָל אַלץ דאָ זיין צוריק — האָט ער באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן — דאָסי מאַנס אַ פרוינד.

— אָבער...

— קיין שום „אָבער“. אין אַ האַלבער שאָ אַרום וואַרט איך אַף דיר באַם ברודיקן שמיל.

און אָנעמענדיק דעם יונגנמאַן פאַרן אָרעם האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— קום וועלוול, מירן צוגיין און דערווייל מיט עפּעס איבערשוועקן דעם האַלדז. זאָרג זיך נישט, אָשער וועט שוין אונטערקומען.

און עס איז נישט אָפּגעלאָפן נאָך קיין האַלבע שאָ און וועלוול האָט צוריק געקריגן זיינע צוגעגאַנוועטע זאַכן.

⁂

צום סאָף אַ קליינע באַמערקונג:

העיוים עס קאָן זיך שאַפן דער איינדרוק אַז אין דעם עפּיזאָד איז דאָ אַ טענדענץ צו גלאָריפיצירן די אונטערוועלט, האַלט איך פאַר נויטיק צו באַמערקן: אַז האַגאַם די אונטערוועלטניקעס האָבן זיך געהאַט זייער „מאָראַל“ און אָפטמאָל האָבן זיי אַרויסגעוויזן, מען קאָן זאָגן, נאָבעלע זשעסטן, ספּעציעל צו אָרימע און אַרבעטער — איז די אַרבעטער באַוועגונג, אין אַלגעמיין, אויסגעשטאַנען פון זיי גרויסע צאָרעס. נישט זעלטן איז אַפילע אויסגעקומען צו פירן מיט זיי פאַרביסענע קאַמפן. פאַרשטייט זיך אַרויפגעצווינגענע קאַמפן, ווייל פאַר דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט איז דאָס געווען אַ קנאַפּער קאָוועד...

אָבער דער איניען האָט נישט קיין שייכעס צום שאַכער־מאַרק.

א. וואָלף יאַסני (לאָדזש)

אין די שווערע יאָרן פֿון רומקאווסקי אין ליצמאנשטאַט

I. דאָקומענטן

די אַרבעט פֿון היסטאָריקער איז, קעיעדוע, פֿאָרשן דאָקומענטן, פֿאַרטיפֿן זיך, אַנאַליזירן און צווישן פֿאַרשטויבטע אָפּגעריבענע שורעס אַנטדעקן דאָס לעבן פֿון פֿאַרגאַנגענע דורעס, אויפֿסניי אויפֿשטעלן די פֿרייד און טרויער, ניצכוינעס און מאַפּאָלעס, העלדישקייט און שוואַכקייט פֿון אונדזערע אָוועס. וואָס עלטער עס איז אַ דאָקומענט, אַלץ כאָשעווער איז ער פֿאַרן היסטאָריקער און „לייכטער" צו באַאַרבעטן. דער ראָמאַנטישער שלייער, וועלכער פֿאַרשאָטנט, געוויינלעך, יעדע פֿאַרגאַנגענהייט, פֿאַראַלגעמיינערט דאָס בילד. דער היסטאָריקער זעט נישט דעם יאָכיד און פֿילט נישט מעמייקע זיין צאַר באַם איבערלעבן די גרויסע געשיכטלעכע איבערגאַנג־מאָמענטן. עס קעמפֿט דאָס פֿאָלק, דער קלאַס. פֿאַרן היסטאָריקערס אויג מאַרשירן פֿאַרביי מאַסן און זייערע הילכיקע טריט פֿאַרשטומען די קרעכצן פֿון יעכידים.

דער היינטצייטיקער יידישער היסטאָריקער האָט, בעדערעך קלאַל, צו טאָן מיט אַנדערע דאָקומענטן. ער מוז ווילנדיק נישט ווילנדיק פֿאָרשן אַ פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס בלוטיקט נאָך מיט אַלע אירע וווּנדן. יעדער דאָקומענט פֿון אָט דער צייט דאָס איז פֿרישער צאַר און אומקום פֿון יאָכיד און קלאַל. עס איז געשיכטע־שרייבעריי קעגן אַלע אָנגענומענע קלאָלים, און דאָך מוז מען שרייבן אָט די געשיכטע, וועלכע דאַרף זיין דער מעמענטא פֿאַר די, וואָס לעבן און קעמפֿן איצט קעגן נעכטיקן און היינטיקן סוינע.

מיר האָבן פֿאַר זיך דאָקומענטן, וועלכע זיינען נאָך נישט אַלט קיין יאָר צענדליק. אָט זיינען די „טראַנספּאָרט־ליסטען" — אַזוי האָבן זיך גערופֿן די רעשימעס פֿון די יידן, וועלכע זיינען פֿון לאָדזשער געטאָ געשיקט געוואָרן אין כעלמנא אין ערשטן קוואַרטאַל 1942.

סאַכאַקל 9 יאָר טיילט אונדז אָפּ פֿון דער צייט. מיר לייענען די לאַנגע שורעס נעמען, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען בלויז אייגענע, נאָענטע; קרויווים. איר האָט זיי געזען אין די לאָדזשער וועבערייען, אין די שניידערישע וואַרשטאַטן, אויף פֿאַרזאַמלונגען און מיטינגען. דאַכט זיך, ערשט נעכטן איז עס געוועזן. און דאָ מאַרשירן זיי פֿאַרביי אין אויסגעשטעלטע רייען אין טויטן־לאַגער — טויזנט, צוויי טויזנט, פֿינף, צען, צוואַנציק, דרייסיק טויזנט... מיר לעבן איבער דאָס געפֿיל, וועלכן ס'האָט באַשריבן קאַצענעלסאָן אין זיין טאָג־בוך: „איך קאָן ניט ציילן, ווייל איך פֿיל, אַז איך ווער מעשוגע".

פֿאַר די אויגן שווימט אַרום די גאַנצע פּראָצעדור, וואָס עס דאַרפֿן דורכמאַכן די צענדליקער טויזנטער צום טויט־פֿאַרמישפּעטע. הונדערטער, הונדערטער באַאַמטע פֿון געטאָ־אינסטיטוציעס זיצן און שרייבן איין גענוי און פּינקטלעך דעם נאָמען, פֿאַמיליע־נאָמען, אַדרעס און עלטער פֿון די, וואָס דאַרפֿן מאָרגן דערשטיקט ווערן אין כמעלנא. זיי שטייען לאַנגע רייען פֿאַר די רעגיסטריר־פּונקטן, לאַנגע רייען פֿון צום טויט־פֿאַרמישפּעטע.

צי ווייסן זיי וווּהין זיי ווערן טראַנספּאָרטירט? ניין!

אָבער דער פֿאָרגעפֿיל פֿון טויט רעדט אַרויס פֿון זייערע אויסגעלאָשענע אויגן, פֿון די צאַר־קנייטשן אַף די פֿון הונגער געל־געוואָרענע פּנעמער. וואָס דען קאָן מען דערוואַרטן אויב נישט דעם טויט? איצט פֿאָרט מען דאָך אַפֿילע נישט אַף קיין אַרבעט אין די לאַגערן, נאָר פּאָשעט מ'טרייבט אַרויס פֿון געטאָ, ערגעץ ווו אַף העפֿקער. מ'טרייבט די אָרעמסטע, די מעקאַבלים. האָבן זיי דען צו דערוואַרטן יווישער פֿון די אַכזאָריעסדיקע דייטשן, בעיס די אייגענע ברידער אין געטאָ האָבן נישט פֿאַר זיי, פֿאַר די אָרעמסטע, קיין גערעכטיקייט?

די דאָקומענטן אונטער דעם טיטל „טראַנספּאָרט־ליסטען", וועלכע שפּיגלען אָפּ די גרויסע בלוט־אָפּצאַפּונג פֿון געטאָ ליצמאַנשטאַט זיינען זייער פֿאַרשידנאַרטיק. נישט אַלץ האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין אַרכיוו; פֿון אייניקע זיינען געבליבן נאָר רעשטלעך, אָבער אַלע דאָקומענטן צוזאַמען גענומען גיבן אַ גענוי בילד פֿון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס די לאָדזשער יידן האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט.

צווישן די רעשימעס געפֿינען מיר נאָמענטלעכע אויפֿשטעלונגען פֿון יינגלעך, אין עלטער פֿון 10—12 יאָר. די 7טע רובריק איז די דאַטע פֿון טראַנספּאָרט ד"ה פֿון אַרויסשיקן — אַפּריל 1942. זייער צאָל 933. ספּעציעלע רעשימעס — באַזונדערע פֿון יונגע מיידלעך און פֿון עלטערע פֿרויען.

ווייטער קומען רעגיסטראַציעס, דורכגעפֿירטע פֿון דער „אָרדענונגס־דינסט" (יידישע פּאָליציי) מיט דער איבערשריפֿט: „צו דער רעפּאַטריאַציע־קאָמיסיע. צוזאַמען מיט דעם, שיקן מיר אייך איבער די פֿאָלגנדיקע אַרעסטירטע פּערזאָנען". אַן איבערשריפֿט אַף אַ צווייטן בויגן: „די אונטן אויסגערעכנטע אַרעסטירטע, אַף אייער אָנווייזונג, זיינען אין דער נאַכט פֿון 1טן אַפֿן 2טן אַפּריל 1942 איבערגעשיקט געוואָרן אין זאַמל־לאַגער אַף מאַדושין". ווייטער אַ רעשימע פֿון פּערזאָנען, וועלכע ס'איז נישט געלונגען „פֿעסטצונעמען".

פֿון דעם דאָזיקן פּאָליצייאישן סטיל, וועלכן די יידישע מאַכט פֿון ליצמאַנשטאַטער געטאָ האָט זיך אַזוי גיך אויסגעלערנט, טויכט אַרויס דאָס בילד פֿון יענע נאַכט־אַבלאַוועס, וואָס די „אָרדענונגס־דינסט" האָט דורכגע־

די ייִדן פון קוטנע גייען אין געטאָ

פירט, קעדיי אויסצופירן די דייטשע באַשטעלונגען אַף דעפּאָרטאַציע. אין די אויסגעהונגערטע פאַרכווישעכטע שטובן פון פינצטערן געטאָ־באַלוט, ווו אין דער קאַלטער ווינטער־נאַכט (אַ שווערער ווינטער דעמאָלט געווען) האָבן זיך געטוליעט מידע און פאַרמאַטערטע נעפּאַשעס, האָבן זיך אַריינגעריסן יידישע פּאָליציאַנטן מיט „מאָגן־דאָווידס" אַף די היטלעך און באַ ווילדע געשרייען, פּונקט ווי באַ אַ טויטן, אַרויסגעפירט די קאַנדידאַטן אַף דעפּאָרטאַציע. די דעפּאָרטאַציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 16טן יאַנואַר 1942 און געדויערט 4 כאַדאָשים, איז דורכגעפירט געוואָרן אין „פולשטענדיקער אָרדענונג". עס איז פּאָשעט צו באַוווּנדערן די אויסגעצייכנטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַזוי „פּינקטלעך געקלאַפּט" באַם איבערטראַנספּאָרטירן די 55 טויזנט יידן פון לאָדזשער געטאָ אין כעלמנא. דער „יודענעלטסטער" רומקאָווסקי מיט זיינע ראַטגעבער האָבן דאָ אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. נישט בעכינעם האָבן די דייטשן זיך אַזוי שטאַרק גערימט מיט דער „אויטאָנאָמער" ליצמאַנשטאַטער געטאָ. רומקאָווסקי האָט זיין „אויטאָנאָמיע" ווי געהעריק אויסגענוצט באַם העלפן די דייטשן אויסראָטן די לאָדזשער יידן.

***

„אַוסגעזידעלטע יודען" — דאָס איז די געוויינלעכע איבערשריפט איבער אַ טייל פון די „טראַנספּאָרט־ליסטען". דאָס אויג געוווינט זיך צו צו די ווערטער און מען לייגט אַף זיי שוין נישט קיין ספּעציעלע אַכט. נאָר אָט האָבן מיר אַ רעשימע מיט דער שאַבלאָנער אויפשריפט אין געוויינלעכע רובריקן: נאָמען און פאַמיליע: בערל, שלוימע, גיטל און מענדל. מ'לייענט ווייטער און דאָס האַרץ גיט אַ ציטער. די פאַררעגיסטרירטע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1942 און געבוירן געוואָרן אין די יאָרן 1939, 1940, 1941 און אַפילע 1942. דאָס איז אַ רעשימע פון קליינע קינדער, זויג־קינדער, וואָס רומקאָווסקיס קאַנצעלאַריעס האָבן אויפגעשטעלט, קעדיי אַוועקצושיקן אין טויטנלאַגער.

מיר זיינען שוין פאַרטעמפּט געוואָרן, לייענענדיק די דאָקומענטן. מיר זיינען שוין אַפילע צוגעוווינט צו דייטשער קינדער־מערדעריי, אָבער אָט די רעשימע טרייסלט אויף ביז די טיפענישן פון דער נעשאָמע. דאָס האָבן יידישע הענט פאַרשריבן אָט די קינדער. עס ווילט זיך אויסשרייען צו די אַלע באַלע־ראַכמים אַף די דייטשן, צו אַלע וואָס ווילן שאַלעם מאַכן מיטן סוינע פאַרן פּרייז פון עפּעס דערגרייכן, עפּעס אָפּראַטעווען: זעט צו וואָס עס האָט דערפירט פּאַכדאָנעס, הינטישע האַכנאָע און שאָלעם מיט אַ בלוטיקן סוינע!

2. די רעדעס פון „יודענעלטסטען"

דער „יודענעלטסטער פון ליצמאַנשטאַטער געטאָ האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פון גאָט־געזאַלבטן „פירער", און יעדע גרעסערע געשעעניש, וואָס האָט געדאַרפט פּאָרקומען אין געטאָ, איז איינגעלייטעט געוואָרן מיט אַ רעדע פון „נשיא", אויך ערעוו דער דעפּאָרטאַציע, איז רומקאָווסקי אַרויסגעטראָטן מיט לאָשן.

ווען אַרויסשיקן יידן פון לאָדזשער געטאָ האָט מען אָנגעהויבן רעדן נאָך אין דעצעמבער 1942. נאָך דער ליקווידאַציע פון „ציגיינער־לאַגער" — האָט מען געשמועסט — קומט די ריי אַף די סטאַם געטאָ־איינוווינער. די פּאַשעטע מענטשן האָבן פּאָרויסגעפילט, וואָס עס גייט אַף זיי. פּאַמעלעך וועט פּאָרקומען די ליקווידאַציע פון געטאָ. מ'וועט אַרויספירן פּאַרטיעסווייז — האָט געטאַינעט דער אוילעם, אַזוי נאָטירט דער געטאָ־דאָקומענט „ביולעטין קראָניקי צאָדזשעננעי"1). די שמועסן, וועלכע האָבן זיך איבערגעטראָגן אין די רעסאָרטן, האָבן אַרויסגערופן אַ פּאַניק. און דאָ איז געקומען רומקאָווסקי מיט אַ רעדע, קעדיי צו באַרואיקן דאָס געטאָ.

די רעדע איז געהאַלטן געוואָרן אין מיטן כוידעש דעצעמבער אין זאַל פון „קולטור־הויז" נאָך אַ קאָנצערט. דאָס איז געווען אַ קאָנצערט נאָר פאַר אויסדערוויילטע — פאַר די אויבערשטע צען טויזנט פון געטאָ: פּאָליציי־קאָמאַנדאַנטן, קאָמיסאַרן, לייטערס פון רעסאָרטן; נאַטשאַלניקעס פון די אַמטן, סעקרעטאַרן פון די קאַנצעלאַריעס און די נאָענטסטע הויף־מעקוראַווים. זאַטע, צופרידענע זיינען זיי געזעסן נאָכן קאָנצערט און אויסגעהערט די באַרואיקנדיקע רעדע.

דאָס איז געווען אַ רעדע פול מיט זילזולים אַף די

---

1) אַלע דאָקומענטן, אַף וועלכע עס פאַרופט זיך דער שרייבער פון די שורעס, געפינען זיך אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

אָרעמסטע פון געטאָ, אַף די, וואָס האָבן באַקומען שטיצע פון דער סאָציאַלער הילף. אַ דעפאָרטאַציע וועט טאַקע פאָרקומען. רומקאָווסקי האָט זיך אָפגעדונגען באַ די דייטשן נאָר צען טויזנט און גיין וועלן די, וואָס אַרבעטן נישט — אַזוי פאַרזיכערט דער „יודענעלטסטער“.

קיינער אין זאַל פראָטעסטירט נישט. קיינער שטעלט נישט קיין פראַגן. זיי ווייסן, אַז די דעפאָרטאַציע איז זיי נישט נויגייע. די ליידיקגייערס, דאָס מיינט מען ניט די 12 טויזנט אָנגעשטעלטע אין די פאַרשידענע רומקאָווסקי־אַמטן מיט זייערע מישפאָכעס און באַקאַנטע און נאָענטע. די דעפאָרטאַציע וועט טאַקע טרעפן די אָרעמסטע, די שווער־קראַנקע, עלטערע, אַרבעט־אומפעיקע, וועלכע באַקומען שטיצע פון דער סאָציאַלער הילף און צוזאַמען מיט זיי וועלן גיין די אַרבעטנדיקע מיטגלידער פון זייערע מישפאָכעס. אָט אַזוי דערציילן אונדז די דאָקומענטן וועגן פאַקטישן מאַצעוו פון דער דעפאָרטאַציע פון ערשטן קוואַרטאַל 1942.

אין יאַנואַר זיינען אַוועק די ערשטע צען טויזנט. רומקאָווסקיס נאָרמע איז אויסגעפילט געוואָרן. דער „יודענעלטסטער“ איז צופרידן. דעם 8טן פעברואַר האַלט ער ווידער אַ רעדע, שטראָפט די אומגליקלעכע געטאָ־איינוווינער. די צען טויזנט מענטשן האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס געטאָ, ווייל זיי האָבן נישט געאַרבעט.

די פאַרצווייפלטע נעמען אויף די ווערטער און מען לויפט מאַסנווייז פאַרשרייבן זיך צו אַרבעט. עס קומען זקיינים, שוואַכע, קראַנקע, קינדער ווערן פאַרוואַנדלט אין דערוואַקסענע. אָבער די דייטשן פאַרלאַנגען פרישע קאָרבאָנעס. די רעגיסטראַציע־אַמטן אַרבעטן ווייטער, דער גאַנצער געטאָ־אַפאַראַט איז טעטיק אַרום דער דעפאָרטאַציע. פאָליציי שלעפט פון די בעטן, כאַפט פון די גאַסן — דאָקטוירים קוואַליפיצירן ווער צום לעבן, ווער צום טויט. אין פעברואַר זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן 7025 פערזאָן.

די דעפאָרטאַציע האָט שוין דערגרייכט צו די אַרבעטנדיקע. עס פאַרקלענערט זיך די פראָדוקציע אין די רעסאָרטן. אין די געטאָ־שטובן שאָטנט דער צאַר אין אַלע ווינקעלעך און אַף אַלעמענס פנעמער. קימאַט יעדע מישפאָכע באַוויינט אירע נאָענטסטע, פון וועלכע ס'איז ניטאָ קיין ידיעס. דער „יודענעלטסטער“ שווייגט שוין, ער רעדט נישט. פאַר אים רעדן די מוידאָעס מיט זיין אונטערשריפט. „די דעפאָרטאַציע איז נישט אָפגעשטעלט. אַלע פאַררעגיסטרירטע דאַרפן גיין אַף די זאַמל־פונקטן“. אין מערץ האָט מען אַרויסגעשיקט 24.687 פערזאָן. אין אַפריל נאָך אייניקע טויזנט און אין מאַי האָט מען ליקווידירט דעם ראָוו יידן פון „אַלטרייך“, ד"ה פון בערלין, ווין, דיסעלדאָרף, האַנאָווער, לוקסעמבורג א"א — 10.914 פערזאָן.

די גרויסע דעפאָרטאַציע איז אָפגעשטעלט. רומקאָווסקי רעדט שוין ווידער. קיין וואָרט נישט וועגן דעם, וואָס אַ דריטל איינוווינער זיינען געוואָרן אַרויסגעריסן פון געטאָ. קיין וואָרט וועגן ווין־אָרט פון די יידן פון „אַלטרייך“ און קיין שום וואָרט פון מיטלייד מיט די קאָרבאָנעס. דער „יודענעלטסטער“ רעדט, ווי אַ זיגער נאָך אַ גרויסער שלאַכט: איצט וועלן אַלע אַרבעטן, ער וועט זיך באַמיען, ס'זאָל זיין אַרבעט פאַר אַלע.

נאָך דער דעפאָרטאַציע האָט זיך די פיין און פאַרצווייפלונג נישט אָפגעשטעלט. דאָס געטאָ איז אַריין אין אַ שרעקלעכן קאָשמאַר. יעדן טאָג האָבן די דייטשן געברענגט טויזנטער „גוילים“ פון אַרומיקע שטעטלעך, אָרעמע, באָרוועסע, פאַרהונגערטע און פאַרצווייפלטע יידן, פאַרצערטע מאַמעס, באַ וועמען מען האָט צוגערויבט די קינדער. די דייטשן פאַרלאַנגען נייע טראַנספאָרטן אַף אַרבעט אין די לאַגערן. רומקאָווסקי ליפערט איצט אויס. אָט די פראָווינצער פליטים, וועלכע זיינען דאָך נישט זיינע געטאָ־יידן...

3. די באַקאָשעס

אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט ליגן זיי אויסגעסיידערט אין באַזונדערע פאַפיר־בייטלען, טעקעס. אַ ספעציעלע מיטאַרבעטערן פאַרנעמט זיך מיט זיי, מיט אָט די באַקאָשעס, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן צו דער דעפאָרטאַציע־קאָמיסיע וועגן באַפרייען פון אַרויסשיקן. די מיטאַרבעטערן פון אינסטיטוט שאַצט די צאָל פון אָפגעזאָגטע באַקאָשעס אַף 10 טויזנט. 10 טויזנט בלעטלעך, הייליקע שיימעס, דורכגעזאַפטע מיט טרערן פון מאַמעס, וועלכע ציטערן איבער זייערע קינדער, וואָס מוזן אומקומען אין וועג, פון פאַרדייגעטע טאַטעס, וואָס זיינען גרייט אַלץ צו טאָן, אַבי צו ראַטעווען די מישפאָכע פון דער טויט־ברענגענדיקער דעפאָרטאַציע. מיר וועלן זיך באַקענען מיט די טיפישסטע פון אָט די באַקאָשעס.

אַווראָם לייב פישאַף שרייבט: „דעם אויסווייז־באַפעל האָב איך באַקומען, וואַרשיינלעך אַפן סמאַך פון דעם, וואָס מיין זון, ייצכאָק מוישע, 20 יאָר אַלט, געוועזן באַשעפטיקט אין מאַרישין, האָט אויפגעהויבן אַ שטיקל האָלץ, קעדיי צו מאַכן פייער און דערפאַר באַקומען 3 כאַדאָשים טפיסע2). די שטראָף איז ער אָפגעזעסן און געוואָרן אַרויסגעשיקט פון געטאָ. דער אייגנטלעכער שולדיקער איז שוין נישטאָ און איך בעט שטאַרק נישט צו באַשטראָפן אונדז צוליב אַ כעט, וועלכן ס'איז באַגאַנגען אַ יונגער יינגל“.

ווייטער דערציילט פישאַף, אַז ער אַרבעט אַלס צושניידער אין דער שניידער־צענטראַלע. די טאָכטער אַרבעט אַלס וועש־נייערין, די צווייטע טאָכטער אין אַ גרינצייג־געוועלב און דער זון אין אַ קוילן־לאַגער (די באַקאָשע, ווי אויך אַלע ווייטער געבראַכטע זיינען אָפגעזאָגט געוואָרן).

מוישע ליכטנשטיין בעט, אַז מ'זאָל נישט אַרויסשיקן זיין מישפאָכע, וואָס באַשטייט פון 6 פערזאָן. זיי פילן זיך נישט שולדיק אין קיין שום זאַך. קיינמאָל נישט געווען באַשטראָפט. 4 פערזאָן פון דער מישפאָכע אַרבעטן. איין זון איז אין 1940 אַרויסגעפאָרן פרייוויליק אַף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, קעדיי נישט צו זיין קיין לאַסט פאַר דער מישפאָכע3).

דווירע איינעסמאַן בעט, מ'זאָל זי באַפרייען פון אַרויסשיקן, ווייל זי דערנערט מיט דער ברוסט אַ צען־כאַ־

---

2) לויט דער פאַראָרדענונג פון רומקאָווסקין האָבן אין דער ערשטער ריי געדאַרפט דעפאָרטירט ווערן אַדמיניסטראַטיוו־ און געריכטלעך־פאַרמישפטע. אָט ווי ס'האָבן אויסגעזען די פאַרברעכער.

3) אויך די מישפאָכעס, וואָס האָבן געהאַט עמיצן אין אַרבעט־לאַגער, האָבן לויט רומקאָווסקיס יוישער געדאַרפט דעפאָרטירט ווערן.

דאָשימדיק קינד. אויב איר כעט, צוליב וועלכן זי ווערט דעפּאָרטירט, באַשטייט אין דעם, וואָס דער מאַן איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, שטעלט זי פעסט, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין גוט לעבן מיטן מאַן און איז געווען אין סעפּאַראַציע. דערפאַר דאַרף דער מאַן אַליין טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר ווערן אַרויסגעשיקט.

יאַנקעוו גערשן בערקאָוויטש בעט, מ׳זאָל אים מיטן ווייב אַרויסשיקן, נאָר דאָס קינד זיינס פון 18 כאַדאָשים זאָל מען איבערלאָזן און אַריינגעבן אין אַ קינדער־הויז. צושריפט: אָפּזאָגן.

שמועל הערש איילענבערג בעט די קאָמיסיע, אַז מ׳זאָל זיין פאַמיליע פון 7 פערזאָן נישט אַרויסשיקן. ער און צוויי שוועסטער, גיטל און שולאַמים אַרבעטן, בלויז דער 64 יאָריקער פאָטער איז קראַנק און קאָן נישט אַרבעטן. אויב צוליב פאַרשידענע טאַימים קאָן זיין באַקאָשע נישט באַפרידיקט ווערן, זאָל מען אים, דעם פאַמיליע־פאָטער אַרויסשיקן און די מישפּאָכע איבערלאָזן.

צו דער באַקאָשע איז בייגעלייגט אַ באַשטעטיקונג פון דער שניידער־אָפּטיילונג, אַז איילענבערג איז אַ פלייכיקער, געהאָרכזאַמער אַרבעטער און אַרבעט שוין 15 כאַדאָשים.

אווראָם באַרקאָווסקי בידעשט זיך אין זיין באַקאָשע, האַלעמאַי מ׳האָט זיין מישפּאָכע אויך צוגעשיקט אויפאָדערונגען צו שטעלן זיך צום אַרויספאָרן, בעיים זי האָט קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט מוישע באַנקער, וועלכער ווערט אַרויסגעשיקט פאַר זיין באַשטראָפט. דאָס איינציקע געמיינזאַמע איז: די וווינונג, וועלכע ער האָט באַקומען צוגעטיילט פון דער געטאָ־מאַכט.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז די באַקאָשע פון וואָלף אייגע: „אויב די אַרויסשיקונג האָט אַ שייכעס מיט דער שטראָף, וואָס מיין זון האָט באַקומען, האָב איך דעם קאָוועד אויפצוקלערן: מיין זון איז געשטאָרבן מיט 7 וואָכן צוריק. צוליב דעם מיין איך, אַז מיטן מאָמענט פון זיין טויט האָט זיך אויסגעלאָשן מיינע און מיין מישפּאָכעס פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן כעט פון מיין זון“.

צום סאָף שרייבט אייגע, אַז ער אַרבעט שווער אַלס טרעגער און אַלע זיינען פון זיין אַרבעט צופרידן.

מיר האָבן דאָ געבראַכט נאָר אייניקע פון אָט די מערקווירדיקע דאָקומענטן. דער גרעסטער ראָוו פון די באַקאָשעס וועגן „ראַכמאָנעס האָבן“ און באַפרייען פון דעפּאָרטאַציע זיינען פון אַן ענלעכן אינהאַלט און זיינען פאַרזען מיט באַשטעטיקונגען פון די אַרבעטס־רעסאָרטן, אַז די געגעבענע פערזאָן אַרבעט. דאָס אָפּזאָגן די באַקאָשעס, ווי אויך אַנדערע דאָקומענטן, באַווייזן, ווי עס האָבן אויסגעזען די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין לאָדזשער געטאָ. די ערשטע קאָרבאָנעס זיינען געווען די אַרבעטנדיקע און די אַרבעטסלאָזע, וועלכע האָבן באַקומען שטיצע.

ייִדן פון לאָדזשער געטאָ,
בעיים זיי גייען זייער
לעצטן וועג

* * *

מאַקס ראַשער

לאָדזשער לינאַס האַצעדעק

און איר טעטיקייט אין די יאָרן 1903 — 1920

געווידמעט מיין פאָטער לייב ראַשער

— 1 —

דאָס לעבן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין לאָדזש, איבערהויפט אין די געדיכט־באַוווינטע געגנטן, האָט זיך אונטערגעשיידט פון אַנדערע שטעט אין פוילן, מיט דער גרויסער ענגשאַפט און ניט איבעריק דאַנקבאַרע היגיענישע באַדינגונגען. דאָס לעצטע, אַ דאַנק דעם וואָס ס'איז קיין קאַנאַליזאַציע נישט געווען און אויך ניט קיין צו גרויסער צופלוס און אָפפלוס פונעם טייך.

די ענגע קאַסטן־הייזער האָבן קיין ביימל און קיין בלימל נישט געהאַט, און זון און לופט איז דאָרט געווען אַ זעלטענער אַריינגייער. גאַנץ אָפט האָט אין די אויבערשטע שטאָקן אויסגעפעלט וואַסער, און די רייניקונג, דאָס אָפשאַרן דעם שניי, און דאָס עפענען און פאַרמאַכן דעם הויף־טויער האָט זיך געפונען אין די הענט פון איין סטרוזש (דער איינציקער קריסט, וואָס האָט אין הויף געווינט) וועלכער האָט געדאַרפט פלומפעווען וואַסער פאַרן רעזערוואַר וואָס האָט זיך געפונען אַפן העכסטן שטאָק. ווערים און שטשורעס האָבן פראַנק און פריי געשפאַצירט אין הויפיקן מיסט־קאַסטן, וואָס האָט זיך טאָמיד געפונען אין שכיינעס מיטן קאָלעקטיוון ביים־האַקיסיי, און פון די ביידע האָבן באַטאָג און באַנאַכט געשלאָגן רייכעס, וואָס האָבן פאָשעט געקענט פאַרסאַמען און, לאָמיר זיך נישט שעמען, די אויגן זיינען פאַרגאַנגען פון דעם אויסגעשמירטן קאַלעך און שוואַרצע סמאָלע, וואָס מען האָט באַנוצט ווי אַ דיזענפעקציע־מיטל.

דערפאַר זיינען די פאַרשידענע פלאָגעס; דיזענטעריע, שקאַרלאַטין, טובערקולאָז און עפידעמיעס געווען זייער אָפטע אַריינגייער אין די יידישע שטיבער, ווו יעדער געזינד איז באַשטאַנען פון 5, 7, 9 און מער מענטשן, און די געפאַר פון אָנשטעקן איז געווען גרעסער. דער קאַמף מיט די כווליאַסן האָט געקאָסט זייער אַ סך קאָרבאָנעס, און די שטערבלעכקייט צווישן קליינוואַרג איז געווען זייער גרויס.

— 2 —

די דעמאָלסטדיקע צאַרישע מעמשאָלע האָט זיך אַמווינציקסטן געזאָרגט פאַרן געזונט פון דער באַפעלקערונג, שוין אָפגערעדט פאַרן געזונט פון יידישן אַרבעטער און האָרעפאַשניק. קיין שום פראָפילאַקסיס מיט מעלוכע־שטיצע האָט נישט עקזיסטירט אין די יאָרן 1903—1918.

דאָס איז געווען די סיבע, וואָס האָט באַוויגן די בעסערע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ און אַ טייל פון מיטלקלאַס, צו שאַפן די קעגנזייטיקע הילף־געזעלשאַפט מיטן נאָמען „לינאַס האַצעדעק“.

אין די שפעטערדיקע יאָרן איז אַנטשטאַנען דער „ביקער כוילים“ און נאָענט פאַר דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, האָט זיך געגרינדעט די ברייט־פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע „אָזע“, וואָס איז שפעטער געוואָרן זייער פאָפולער אַ דאַנק אירע מאָדערנע פראָפילאַקטישע און אויפקלערערישע מעטאָדן און צילן.

מיר, אָבער, לאָדזשער לעבעדיקע איידעס פון יענער צייט, ווילן מיר פאַרייביקן און פאַרפיקסירן אין אונדזער זיקאָרן, אַרויסהייבנדיק די פאָזיטיווע דערשיינונג אינעם יידישן לעבן וואָס ס'איז געווען די ערשטע געזעלשאַפט. די איבעריקע וועלן קומען אין אונדזערע ווייטערדיקע אויסגאַבעס.

די געזעלשאַפט „לינאַס האַצעדעק“ האָט געפירט איר טעטיקייט אַף פינף געביטן:

1) אַפן ערשטן הילף־רוף שיקן צום כוילע אין שטוב דאָס יידישע פאַטאָוויע קעטשל, ווו אינעווייניק איז געזעסן דער דאָקטאָר.

2) באַזאָרגן דעם יידישן נישט פאַרמעגלעכן מענטשן מיט אומזיסטע מעדיקאַמענטן.

3) האָבן אַן אויג אַפן שווערן כוילע באַ אים אין שטוב דורך אַ מיטגליד, וואָס קומט צו אים נעכטיקן, ווען די נאָענטע אָדער פאַמיליאַרן קענען עס נישט באַווייזן.

4) פאַרהיטן פון אָנשטעקונג די איבעריקע פאַמיליען־מיטגלידער פונעם כוילע מיט מיטלען, צו יענער צייט, גענוג פרימיטיווע און אויפקלערערישע, מאַכמעס באַ אונדזערע זיידעס, באָבעס און עלטערן, איז — צווישן אַ סך איינריידענישן — געווען פאַרשפרייט דער געדאַנק, אַז דער שפיטאָל איז דער מאַלעכהאַמאָוועס, און פון שפיטאָל קומט מען נישט צוריק, פונקט ווי פון מאַלעכהאַמאָוועס הענט. דער אָבערגלויבן פון איין זייט, און די פאַרשידענע זנאַכערקעס, קומעס, גוטע־יידן און בענטשערס, מיט וואָס ס'האָט דעמאָלט געשוויבלט אין יידישן לעבן האָט באַשווערט די אַרבעט פון די טוער, ווען מען האָט געדאַרפט איזאָלירן אַ שווערן כוילע און אים אָפפירן אין יידישן שפיטאָל.

אין פאַלן פון שוואַנגערשאַפטן און געבורטן, האָט אויך די לינאַס האַצעדעק געשיקט אירע הייבאַמען אָפצונעמען דאָס ניי־געבוירענע קינד מיט דער גאַנצער נויטיקער אויסשטאַטונג. וועגן צונעמען אַ געווינערין אין שפיטאָל האָט גאָר קיין רייד נישט געטאָרט זיין. שפיטאָל — איז געווען אַ שרעקונגס־וואָרט און אַ געשפענסט, און דער יידישער מעדיקער האָט זיך געמוזט צופאַסן צום

פּײַפּעראָווקע,
די גאַס פון
ייִדישער
אָרעמקייט

באַגריף פון דער געגעבענער יידישער פאַמיליע. קיין סאַנאַטאָריעס, וואָס זאָלן זיין צוטריטלעך פאַרן מיטלקלאַס, האָבן אין לאָדזש נישט עקזיסטירט אין יענער צייט.

5) דער פינפטער און לעצטער געביט, אַף וועלכן ליִנאַס האַצעדעק האָט געפירט איר טעטיקייט, איז געווען: שיקן אירע סטודענטן און מיטגלידער נעכטיקן באַם שווער־קראַנקן אין יידישן שפּיטאָל פון י. ק. פּאָזנאַנסקי. די אַרבעט פון באַדינען, און פון אָנטאָן אַף זיך דעם ווייסן כאַלאַט, איז געטאָן געוואָרן אין קאָאָרדינאַציע מיט דער מעדיצינישער אויפזיכט פון שפּיטאָל, וואָס איז געווען פּאַטראָניזירט און פינאַנציעל אויסגעהאַלטן פון יידישן גרויס אינדוסטריאַל י. ק. פּאָזנאַנסקי, וועלכער איז געווען ברייט באַקאַנט אין לאָדזש און ווייט אויסער לאָדזש.

די קאָנסולטאָריעס פון אויסערלעכער באַדינונג, דער גרויסער ביניען און די זייטיקע פּאַוויליאָנען, צוזאַמען מיט אַ גרויסן גאָרטן האָבן זיך געפונען אין שכיינעס מיטן פּרעכטיקן אין לאָדזש באַוווסטן גאָרטן העלענהאָף.

פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל און זיין פונקציע פאָדערט אַ באַזונדער קאַפּיטל פון אַ קאָמפּעטענטן מענטשן, וואָס איז באַרופן דאָס צו טאָן און גייט נישט אַריין אין די גרענעצן פון אונדזער באַשיידענער פאַרצייכענונג היינט.

— 3 —

מיט וועלכע מיטלען האָט זיך אויסגעהאַלטן די געזעלשאַפט?

אין אַ געוויסן זין איז זי אויסגעהאַלטן געוואָרן ווי די „עזרה” באַ אונדז אין בוענאָס איירעס. זי האָט זיך געשטיצט אַף אַ ברייטער מיטגלידערשאַפט און כוידעשלעכן אָפּצאָל. עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ בלימל־טאָג יעדער יאָר אַף די גאַסן פון גרויסן אינדוסטריעלן לאָדזש. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין די זומער־טעג קערמעסעס אין דעם באַוווסטן, שוין דאָ דערמאָנטן, פּרעכטיקן גאָרטן העלענהאָף. די האַכנאָסע פאַר דער געזעלשאַפט איז אויך געקומען דורך פּושקעס וואָס זיינען געהאָנגען אין הונדערטער שטיבער מיט דער אויפשריפט „ליִנאַס האַצעדעק”, און די קאָפּיקעס און גראָשנס וואָס זיינען פון דאָרטן געקומען האָבן געדינט ווי אַ פינאַנציעלע באַזע; אויך פון נעדאָרים אין שול באַם לייענען און ערעוו יאָנקיפּער באַ די געשטעלטע קעאַרעס. די געזעלשאַפט האָט אויך געקראָגן אירע האַכנאָסעס פון אָפּגעשריבענע ירושעס און באַשטייערונגען באַ כאַסענע־צערעמאָניעס און פון אַ גאַנצער ריי מעצענאַטן, וואָס זיינען דערמאָלט געווען אין לאָדזש.

די דאָקטוירים, אַקושאָרקעס, פעלדשער, פאַרמאַצעווטן, אַספּיראַנטן און מעדיצין־סטודענטן האָבן געאַרבעט אומבאַצאָלט און פרייוויליק. אַף באַצאָלטע סכירעס זיינען אין ליִנאַס האַצעדעק געווען בלויז צוויי פאַרמאַצעווטן, צוויי פעלדשערס, די קוטשערס וואָס האָבן באַדינט די פערד פון די ליִנאַס־האַצעדעק־קעטשלעך, דער סטרוזש מיט זיין פרוי, וועלכע האָט געראַמט די צימערן, וואָס האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיטן הויף אין סאַמע הור־האַ פון יידישן צענטער, אַף דער מיט צעגעלניאַנע אין די 50קער.

— 4 —

ווי אַ לעבעדיקער איידעס פון יענער צייט ווילט זיך דערציילן ביז וועלכער מאָס יידן האָבן זיך געקענט מויסער־נעפעש זיין איינער פאַרן צווייטן, און באַזונדערס, דער האָרעפּאַשנער טייל. עס טויכן אויף אין זיכאָרן אייניקע פאַקטן, ספּעציעל וואָס האָבן אַ שייכעס מיטן גיין נעכטיקן צו אַ קראַנקן. קיין שום אַקטיווער מיטגליד האָט זיך דערפון נישט געקענט אָפּזאָגן, מאַכמעס אַ כויץ אַ גרויסע מיצווע (אין יענער צייט זיינען נאָך געווען אַ סאַך באַלאָנים אַף צו שפּאָרן מיצוועס) איז עס אויך געווען דער אויספּרוביר־אַטעסטאַט און אַ כויוו צו דער געזעלשאַפט, פון וועלכער די ליִנאַס־האַצעדעק־טוער האָבן זיך גערעכנט פאַר אירע מיסיאָנערן.

איך האָב, מאַכמעס נייגעריקייט, באַגלייט מיין אייגענעם פאָטער, רעב לייב ראַשער און אַנדערע באַקאַנטע יידן ווי נאָטע גומפּעלעוויטש, אַרן קאַווע־ברענער, ייצכאָק נאַפּזוד און אַנדערע שכיינים פון דער זעלבער גאַס, באַם גיין אָדער פאָרן, נעכטיקן באַ אַ שווער־קראַנקן אין אַ לאַנגער ווינטערדיקער נאַכט. אָט די לייבלס, נאָטעס, אַרנס און ייצכאָקס, וואָס אַליין האָבן זיי אָפּגעהאָרעוועט אַ 15 שאָעדיקן אַרבעטסטאָג באַ בעקעריי, שוסטעריי,

קאַווע־ברענעריי און גאָלדענע קופערטן־מאַכעריי, איז זיי זיכער קיין געזונט ניט צוגעקומען נאָך אַזאַ אַרבעטסטאָג, דורכפירן די שליכעס. זיי פלעגן ווערן אַנעמיש, אָבער קיינמאָל זיך נישט אָפגעזאָגט און פרייוויליק גענומען אַף זיך די פליכט פון נעכטיקן באַ אַ כוילע אין לאָדזשער אָרעמקייט פון 10 באַנאַכט ביז 7 אינדערפרי, באַדינען אים, אויסהערן זיינע ביזן הימל קרעכצן און קוילעס, זיך אָנשטרענגען מיט אַלע קויכעס אַליין ניט איינצושלאָפן פון פאַרמאַטערטקייט, און זיך נאָך באַמיען צו ברענגען טרייסט און אַ דערמוטיקונגס־וואָרט סיי פאַרן קראַנקן, סיי פאַר זיין פאַמיליע.

אָט די אַלע פונקציעס האָבן די נעכטיקער אויסגעפירט מיט אַזוי פיל טמימעס און יידישן ציטער, קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט, און אין די פרימאָרגנס זיך ווידער געשטעלט צו דער אַרבעט באַם וואַרשטאַט, און געפראַצעוועט אַף פאַרנאָסע פאַרן אייגענעם ווייב און קינד.

— 5 —

די אָנפירונג פון „לינאַס האַצעדעק" האָט זיך אָפטמאָל אָנגעשטויסן אַף פאַרשידענע קאָנפליקטן. אָט, אַ שטייגער, איינער פון אַזאַ כאַראַקטער:

די מער פאַרמעגלעכע מיטגלידער האָבן גאַנץ אָפט געוואָלט באַצאָלן, און אַף זייער אָרט שטעלן אַ פאַרטרעטער, אָנגעבנדיק מאָטיוון פון געזונט־צושטאַנד. סיטואַציעס, וואָס זעען דאַכט זיך אויס גאַנץ נאָרמאַל. אָבער די אָנפירונג, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער פונקציע, האָט בעשום אויפן נישט געוואָלט איינגיין אַף אַזאַ קאָמפראָמיס, וואָס וואָלט אונטערגעבראָכן דעם הומאַניטאַרן און סאָלידאַריטעט־כאַראַקטער און וואָלט איינגעטייקט די אַזוי פאָפולער געוואָרענע לאָדזשער געזעלשאַפט אין פריווילעגירטע און נישט פריווילעגירטע, און אין פאָשעטער פילאַנטראָפיע, וואָס איז אין קעגנזאַץ צו די פרינציפן פון דער „לינאַס האַצעדעק".

אַזעלכע מיטגלידער זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי ווילד־פלייש וואָס איז אָנגעוואַקסן אַף אַ נאָרמאַל־פונקציאָנירנדיקן אָרגאַניזם, און מען האָט עס געמוזט אויסשניידן.

און פאַקטיש האָט מען אַזעלכע מיטגלידער סאָפ־קאָלסאָף געמוזט אויסשליסן.

— 6 —

עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זיקאָרן און איז געבליבן פריש, ווי עס וואָלט נעכטן געשען, די אַלאַרמירנדע קאָנפערענץ פון דר. רונדע, וואָס האָט געגעבן גאָר אַן אַנדער ווענדונג די טעטיקייט פון „לינאַס־האַצעדעק".

דער דאָקטער רונדע, וואָס איז געווען אַ שטיק אַסימילאַטאָר און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פאָליאַק פון מוישעס גלויבן, אַ כירורג אין פאָזנאַנסקיס שפיטאָל, איז פערזענלעך געווען זייער אַ שטרענגער מענטש. אין איינעם אַן אָוונט האָט ער פאַרופן צו זיך אין זיין פריוואַט־וווינונג, אַף פאָלודניאָווע 10, אַ גרויסע צאָל אַקטיווע טוער, און אַ טייל פון די יוגנט־אַספיראַנטן באַ דער געזעלשאַפט, און אין אַן עקספאָזע, אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן אַף דער נוצלעכקייט פון דער געזעלשאַפט, האָט ער באַרירט דעם הומאַניטאַרן מאָמענט פון נעכטיקן באַם כוילע, און ער האָט אויפגעוויזן, אַז כאָטש דאָס איז איינע פון די שענסטע מידעס, ברענגט עס פראַקטיש פאַרקערטע רעזולטאַטן.

דעם דאָקטערס אַרגומענטן זיינען געווען איבערצייגנדיקע און שניידיקע. זיין אויספיר איז געווען, אַז דער וואָס גייט נעכטיקן צו אַ כוילע, איז נישט באַקאַנט — אין 98 פאַלן פון הונדערט — מיט קיין שום קלאָלים פון סאַניטאַריע און מעדיצין, איז נישט נאָר פאַרגרינגערט ער נישט דעם כוילע, נאָר שטעקט אים נאָך אָפט אָן, דורך שפייען אַפן פאָל און ענלעכע האַנדלונגען, וואָס זיינען בעיכוילעס איבערצוטראָגן די באַצילן פון זיינער אַ קראַנקייט צום אָפגעשוואַכטן כוילע, וועמענס אָרגאַניזם קען נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד.

זייענדיק אַליין איבערגעמאַטערט און אָפגעשוואַכט ווערט דער נעכטיקער אַליין אַ קאַנדידאַט אַף קראַנק ווערן.

דריטנס, טאָר נישט פאָזנאַנסקיס שפיטאָל צולאָזן, אַז אין אירע סאַלעס זאָלן אומגיין אַרום די קראַנקע, אַזעלכע אומקאָמפעטענטע מענטשן.

די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ און די אָפאָזיציע פון דעם שוין גראָלעכן דר. רונדע האָבן אַף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. די ווירקונג איז געווען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז די געזעלשאַפט האָט שנעל איינגעפירט אַ רעפאָרם אין דער באַדינונג און דורך אַן אויספירלעכן בריוו געמאָלדן דאָס אָפשאַפן פון גיין נעכטיקן סיי צו די כוילים אין שטוב, און סיי אינעם יידישן שפיטאָל.

די פאָשעטע יידן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווער געמיט. מען האָט באַ זיי צוגענומען אַ גרויסע מיצווע, און לאַנג האָבן זיך געצויגן בייזע קאָמענטאַרן און רעכילעס, ווי דער שטייגער איז אין אַזאַ פאַל.

— 7 —

מיט די פאָר שטריכן, געווידמעט אָט דער הילפס־אַרבעט באַ יידן, וואָס האָבן מאַקריוו געווען זיך אַליין, קעדיי אַרויסצוהעלפן אַ ברודער אין נויט, שטעלן מיר אויף מיט זייער דערמאָנונג אין אונדזער אויסגאַבע אַן אייביקן דענקמאָל די אַלע יידן פון פיאָנטקאַ, אַזאַרקאָוו, לענשיץ, באַמביע, גראַבאָווע, זדונסקאַ־וואָליע, בזשעשין, לאָוויטש און צענדליקער שטעטלעך פון לאָדזשער פעריפעריע, וועמענס איינוווינערשאַפט עס האָבן געאָטעמט מיט לאָדזשער ריטם, און זיי האָבן אָנטיילגענומען אין מעדיצינישער הילפס־אַרבעט פון „לינאַס האַצעדעק", צוליב דעם געזונט מאַכן פון אונדזער פאָלק.

דערמיט לייגן מיר — דער לאָדזשער לאַנדסלייט־פאַריין און אומגעגנט — אַ בלומענקראַנץ אַפן אומבאַקאַנטן קייווער פון די אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן.

ערע זייער אָנדענק!

אויפרופן אין

פון אַ גרעסערער זאַמלונג אויפרופן, וואָס שטאַמען פון לאָדזשער געטאָ און געפינען זיך אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט באַם צ"ק אין פוילן, פאַרעפנטלעכן מיר דאָ אייניקע כאַראַקטעריסטישע, וואָס האָבן בעשאַטע געהאַנגען אַף די מויערן פון די געטאָ־הייזער.

זיי זיינען אַן אויסדרוק פון דער שטאַרקסטער אָפּאָזיציע, וואָס האָט געהערשט לעגאַבע דער יידישער אַדמיניסטראַציע פון געטאָ.

זומער 1940 איז די לאַגע אין לאָדזשער געטאָ געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. די יידישע באַפעלקערונג האָט געליטן הונגער און נויט, זייענדיק אָן אַרבעט און אָן מיטלען צו לעבן האָט די יידישע האָרעפּאַשנע באַפעלקערונג אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס און מאַסוווקעס קעגן דער יידישער אַדמיניסטראַציע אין געטאָ. רומקאָווסקי איז געווען גע־



ODEZWA!!!

OSTATNIE WYDARZENIA W GIECIE WYKAZAŁY ŻE PRZEDS
WIELE DZIMEJSZEJ GM. ŻYD. STRCHLELI PRZED
WYSTĄPIENIEM GŁODNYCH MAS I PRZY POMOCY ZDRADZIEC
KICH DELEGATÓW ZACZĘTO ROZDAWAĆ TALONY NA
AD JAK ŻEBRAKOM. MA [illegible] BYĆ SYSTEM PODESZ
ROWANIEŻ W TYM CELU BY USPOKOIĆ RZESZE ROBO
[illegible] ZACZĘTO NAWET REJESTROWAĆ ROBOTNIKÓW, AŻ
SWATÓW" LECZ MASY POŁAPAŁY SIĘ NA TEN CHWYT
NASZYCH WŁADCÓW, ROZDAWANIEM KARTOFLI CHCIAŁ
PANUJĄCA ARYSTOKRACJA CHEŁPIĆ SIĘ ZA PRZELANĄ KRE
ŻYDOWSKICH MAS. HISTORJA JESZCZE TEN DŁUG ODPŁA
DZISIEJSZYM PASOŻYTOM MY MAMY TAKIE SAME PRAWO
DO ŻYCIA JAK RUMKOWSKI I SZCZĘŚLIWY NIE CHCEMY UMRZEĆ
Z GŁODU ZWYCIĘSTWO JEST PO NASZEJ STRONIE!!!

HASŁAMI NASZEMI SĄ

KUCHNIE BLOKOWE DLA WSZYSTKICH
[illegible] TYWIZACJA PIEKARN
[illegible] GŁODNYCH

[illegible] NIE SIĘ NIE [illegible] NYCH
URZĘDNIKÓW!
SZYBKA I BEZPŁATNA POMOC
LEKARSKA



Do wszystkich robotników mas
ludowych!

Do wszystkich głodujących Getta!

Dość nędzy, głodu i wyczekiwania na groszowe
zasiłki!

Żądamy!

1) Regularnego wypłacania (co miesiąc od 1 do
10-go) zasiłków!

2) Obniżenia produktów pierwszej potrzeby
normalnego przydziału opału po cenie
kosztu!

3) Nie odliczania na wydatki domowe od
tych co otrzymują zasiłek!

Dość [illegible] papierowych obiecanek!
Cierpliwość nasza wyczerpuje się!



57

ODEZWA!

WZYWAMY WSZYSTKICH GŁODNYCH W
GETTCIE, DO BRANIA CZYNNEGO
UDZIAŁU W WALCE Z ISTNIEJĄCĄ
BANDĄ HULTAJSKĄ, KTÓRA ŻYJE KOSZ-
TEM MAS GŁODNYCH. MY NIE CHCEMY
UMRZEĆ Z GŁODU!!! MY MAMY TAKIE
SAME PRAWO DO ŻYCIA, JAK RUMKOWSKI
SZCZĘŚLIWY!!! I INNI UPRZYWILEJO-
WANI. ZGAŁA ZWYCIĘSTWA JEST PO NASZEJ
STRONIE. MUSIMY CZUWAĆ, I NIE DAĆ SIĘ
SPROWOKOWAĆ PRZEZ PŁATNYCH AGENTÓW
[illegible] JĄCEJ BURŻUAZJI ŻYDOWSKIEJ
[illegible] CZEGO [illegible] ZA.
1) [illegible] PRZYDZIAŁU [illegible]
2) NATYCHMIASTOWE OTWARCIE KUCHEN BLOKOWYCH
DLA WSZYSTKICH
3) NATYCHMIASTOWA BEZPŁATNA POMOC LEKARSKA

לאָדזשער געטאָ

צוואונגען אָנצונעמען די פּאָדערונג פון די דעמאָנסטרירנדיקע, פאַרגעבראַכטע דורך די אויסגעווײלטע אַרבעטער־דעלעגאַטן. אָבער שוין אין סאָף 1940 ווען אין געטאָ האָט זיך אַביסל באַרואיקט האָט רומקאָווסקי אָפּגעשאַפט דעם סיסטעם פון אַרבעטער־דעלעגאַטן און נישט גערעכנט זיך ביכלאַל מיט די גערעכטע פאָדערונגען פון די אָרעמע מאַסן. די דעלעגאַטן, וואָס זיינען נישט אַרעסטירט געוואָרן, האָבן אָבער ווייטער געווירקט און גערופן צו שטרייקן, צום ווידערשטאַנד קעגן דער דיקטאַטור פון רומקאָווסקי.

די דאָקומענטן וועלכע מיר ברענגען דאָ דערלויבן צו אָריענטירן זיך אין דער שטימונג וואָס האָט געהערשט אין געטאָ אין ערשטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ און וועגן די פאָדערונגען וואָס זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן דורך די אַרבעטער־דעלעגאַטן.

דער לעצטער אויפרוף איז אַן אָפּהילך פון שטרייק אין געטאָ־שפּיטאָל אין 1941.



מיר ווען זיך נישט אבשרעקן!

מיר ערקלערן עפנטליך!

אין אונזער קאמף.

★





Do robotników i biedoty!

Znowu nas oszukano! Przyrzeczone nam
produkty 20-markowe cofnięto
Żeby nasze dzieci mrą z głodu i zimna,
Karmią nas papierowymi przyrzeczeniami
Żądamy przyrzeczonych nam talonów 20-markowych
Żądamy opału na zimę! (drzewo i węgle)
Żądamy sprzedawania artykułów pierwszej potrzeby
po cenach jakie płaci gmina
Cierpliwość nasza wyczerpuje się
Nie będziemy patrzeć obojętnie na śmierć głodową
naszych dzieci bliskich

רעאָן פאַגיעל

די לאָדזשער אומגעגנט

שוין באַ אַ סאַך געלעגנהייטן איז אויסגעקומען צו דיסקוטירן און אַפילע צו פאַרשאַפן זיך „ביז בלוט" צוליב אַן איניען, וואָס איז אונדז אַלע זייער נאָענט. עס האָבן זיך באַ אונדז אין פאַריין נישט איינמאָל געהערט טאַינעס און טאַרומעס, האַלעמאַי עס ווערט פאַרשוויגן די פראָווינץ, די לאָדזשער אומגעגנט. עס זיינען אַפילע געווען פאַלן, ווען מיטגלידער האָבן פאַרלאָזט זייער אַקטואַציע אין פאַריין צוליב דעם וואָס זייער שטעטל איז נישט דערמאָנט געוואָרן.

אָפשטאַמיקע פון שטעטלעך האָבן זיך מיסקאַנע גע־ווען, האַלעמאַי ווערט באַ יעדער געלעגנהייט אַרויסגע־הויבן די הויפּטשטאָט — לאָדזש, און די שטעטלעך ווערן פאַרשוויגן.

אַזוי האָט מען געטאַינעט, טראָץ דעם וואָס אין די קאָ־מוניקאַטן, אַנאָנסן און באַריכטן זיינען קיינמאָל ניט אויסגעלאָזט געוואָרן די ווערטער „און אומגעגנט"...

מען דאַרף אָבער מודע זיין, אַז ס'איז בעפּירעש באַ־גאַנגען געוואָרן אַן אַוולע און עס איז קיינמאָל ניט גע־שאָנקען געוואָרן די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט דער „אומגעגנט", כאָטש קימאַט יעדער פון אונדז האָט אַ „שטיקל שאַיכעס" מיט דער פראָווינץ, אַפילע ווען מיר האַלטן זיך פאַר „גרויסשטעטישע"...

עס איז שוין ניט איינמאָל דערציילט געוואָרן דער עפּי־זאָד פון יענעם לאָדזשער, וועלכער איז געקומען צו אונ־דזערער אַ זיצונג, און זיך נאָכגעפרעגט אַף צוויי לאָדזשער. ער האָט — צוליב אַ פאָרמאַליטעט — געדאַרפט, אַז זיי זאָלן זיין געבוירענע אין לאָדזש. באַם בעסטן ווילן האָט זיין באַקאַשע ניט געקענט דערפילט ווערן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע אַנוועזנדע זיינען געבוירענע אין די שטעטלעך אַרום לאָדזש...

און די לאָדזשער פראָווינץ האָט אַסאַך וואָס צו דער־ציילן; און וועגן דער אומגעגנט, דער לאָדזשער איז דאָ אַ סאַך וואָס צו דערציילן.

אויב אין פוילן איז געווען אַ פולשטענדיק יידיש קערנ־דיק לעבן, מיט אָנגעזעענע קולטור־אינסטיטוציעס, אַ פאַרצווייַגט שול־וועזן, טעאַטער א. אַ. וו. האָט דער פראָ־ווינצער ייִד ניט קיין קליינעם כיילעק אין דעם.

ניט קוקנדיק אַף די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, באַ־שרענקונגען, אַנטיסעמיטיזם און געשלאָגענע עקאָנאָמישע סיטואַציע, אין וועלכע עס איז דער ייִדישער פראָווינץ אויסגעקומען צו לעבן, האָט זי דאָך באַוויזן אַרויסצוגעבן קאַדרען גאַנצע פון פעיִקע געזעלשאַפטלעכע טוער, פאַר־טיי־פירער, שרייבער און זשורנאַליסטן, וואָס האָבן שפּע־טער פאַרנומען אָנגעזעענע פירנדיקע אַמטן אינעם יידישן לעבן פון דער גרויסער שטאָט.

עמעס, אין שטאָט זיינען געווען ברייטערע מעגלעכקייטן פאַר טעטיקייט און מען האָט געקענט פראָגרעסירן.

די שטאָט האָט דעריבער געלאָקט. אָבער דאָס איז ניט געווען קיין אָפּהאַלט, אַז אויך דאָס קליינע שטעטל זאָל פירן איר געזעלשאַפטלעך לעבן, לויט אירע האַסאָגעס און באַגרענעצטע מעגלעכקייטן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָט אין די פּראָ־ווינץ־שטעטלעך אָנגעהויבן אויפוואַכן אַ ניי לעבן, ס'האָט דאָרט גענומען קאָכן ווי אין אַ בינשטאָק. קימאַט איבער נאַכט זיינען אויסגעוואַקסן שולן, קאָאָפּעראַטיוון, פאַרשידענע פאַרטייען, דראַמקרייזן, און שפּעטער אַפילע בענק. מען איז געלאָפן צו אַ רעפעראַט, מען האָט זיך געפרייט איבער יעדער ניי ייִדיש בוך, און דעם לעצטן גראָשן האָט מען אַוועקגעגעבן קעדיי צו זען אַ גוטע טעאַטער־פאָרשטעלונג.

דער טאָג, ווען עס איז געקומען אַ רעפערענט אין שטעטל אַריין, איז געווען אַ יאָנטעוו. די שטעטלדיקע יוגנט — און ניט בלויז יוגנט — האָט זיך אויסגעפּוצט און געקומען הערן אַ ניי וואָרט און אַ לאַנגע צייט נאָכן רעפעראַט האָט נאָך דער אוילעם דיסקוטירט און פּאָלע־מיזירט אַרום דעם.

מיט אומגעדולד האָט מען אין שטעטל געוואַרט אַפן אָנקום פון די צייטונגען, און אָפט האָט מען געזען שטיין רעדלעך אין גאַס, וווּ אינדערמיט איז געשטאַנען דער וואָס האָט באַקומען די צייטונג און פאָרגעלייענט די נייַעס. עס זיינען באַלד, אַף דער הייסער מינוט, דיסקוטירט גע־וואָרן די פּאָליטישע געשעענישן און עס זייַנען באַהאַנדלט און „געלייזט" געוואָרן די האַרבסטע פּאָליטישע פּראָבלע־מען...

אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין שטעטל איז ניט געווען קיין צו אָפטע דערשייַנונג. פלעגט מען זיך גרייטן דערצו וואָכנלאַנג. און דער פראָווינצער האָט געוווסט ווי אָפּצו־שאַצן טעאַטער. מיט די לעצטע פּאָר גראָשן איז מען גע־לאָפן צו דער קאַסע און איבערגעפולט דעם סאַלאָן.

די דאָזיקע בענקשאַפט פון דער פראָווינצער יוגנט איז פאַרשטייט זיך אויסגענוצט געוואָרן פון פאַרשיידענע שווינדלער, גראַפּאָמאַנען, שונד־טרופּעס, וועלכע זיינען אַרומגעפאָרן אין שטעטל אַריין מיט ראַשיקע פּלאַקאַטן, רייצנדיק דעם אוילעם צו אַ סענסאַציאָנעלן ספּעקטאַקל, ווו מע האָט צוגעזאָגט הרים וגבעות און וואָס האָט זיך אין גרעסטן טייל אויסגעלאָזט מיט אַ כויזעק־שפּיל און נעמען אַפן זיכער די פראָווינצער „יאָלדן"...

עס האָט אָבער ניט איינמאָל פּאַסירט, אַז דער פּראָ־ווינצער אוילעם האָט רעאַגירט אַף אַזאַ שאַרפן אויפן, אַז די „גאַסטראָליאָרן" פלעגן קוים באַווייזן זיך אָפּצוטראָגן און פאַרזאָגן זייערע קינדס־קינדער מער זיך ניט באַווייזן אין די שטעטלעך...

מערער ווי אַף אַלע אַנדערע געביטן האָט זיך אין דער לאָדזשער פראָווינץ געפילט די טעטיקייט אַפן פּאַרטיי־אישן געביט. די פאַרשיידענע ייִדישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן דורכגעפירט אַ שיינע געזעלשאַפטלעכע אַקטואַציע. קימאַט יעדן שאַבעס זיינען אַראָפּגעקומען רעדנער, און זעלטן איז געווען דער פאַל, ווען אַזעלכע פאַרלעזונגען זאָלן זיך ניט ענדיקן מיט אָבסטרוקציעס, פּאָלעמיקעס, און אָפטמאָל אויך מיט קריגערייען און געשלעגן.

דער פּאַרטיי־קאַמף איז געווען דער דאָמינירנדיקער מאָמענט אינעם לעבן פונעם שטעטל. אַף אַ פּאָליטישן מי־טינג צי פאָרלעזונג — מעג אַפילע זיין פון קעגנערישן צאַד — איז מען געגאַנגען, ווער מיט אַ קאַוואָנע אַראָפּ־צורייסן דעם קעגנער, און ווער — קעדיי צו דיסקוטירן די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. ווער שמועסט נאָך ערעוו וואַלן, איז דאָס שטעטל געגאַנגען כאַדאָראָם. בעשאַס וואַלן זיינען ניט געווען קיין זעלטנהייט אויך גאַסן־שלאַכטן.

אַ שטאַרק אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג

האָט פאַרמאָגט די לאָדזשער פּראָווינץ. די נאָדל־אינדוסטריע האָט געהאַט אירע פעסטונגען אין בזשעזשין און אזאָרקאָוו, וועמענס אויסאַרבעטונגען עס זיינען זיך צעגאַנגען איבער גאַנץ פּוילן, און אַפילע העט איבער די גרענעצן פונעם לאַנד; בעלכאַטאָוו — מיט איר וועבער־אינדוסטריע; זגערזש מיט אירע פאַבריקן פון וואָל אויסאַרבעטונגען. און אַרום די דאָזיקע אינדוסטריעס איז געווען אַ פעסט־אָרגאַניזירטע, באַוווּסטזיניקע און אָריענטירטע ייִדישע אַרבעטער באַוועגונג.

יעדער פאַך האָט געהאַט איר פּראָפעסיאָנאַלן פאַריין, ווּ דער אַרבעטער האָט געקענט נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג אַריינקומען, לייענען אַ צייטונג צי זשורנאַל, טוישן אַ בוך אין דער ביבליאָטעק וואָס באַם פאַריין.

קימאַט אַלע פרייטיק־צונאַכטס זיינען פאָרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן, קעסטל־אָוונטן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון היימישן דראַמקרייז.

די דראַמקרייזן האָבן — אין זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג — אויך געגעבן פאָרשטעלונגען אין די שכיינעסדיקע שטעטלעך ווּ זייערע דערפאָלגן זיינען געווען דערשטוינענדיקע. נישט איין שפּעטער־באַרימט געוואָרענער ייִדישער שוישפּילער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אַף די בינעס פון די קליינע שטעטלעך. עס איז אינטערעסאַנט, אַז דער רעפּערטואַר פון די דראַמקרייזן איז באַשטאַנען דורכויס פון בעסערע ייִדישע פּיעסן, זייענדיק אינספּירירט פון דער ווילנער טרופּע, וואָס האָט בעשאַטאַ אַקטואירט אין לאָדזש.

עס האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער, ווּ יעדער נאַכט פלעגט מען לערנען לייענען און שרייבן און — שפּעטער — אויך פּאָליטישע עקאָנאָמיע. עס זיינען פון צייט צו צייט געגעבן געוואָרן וויסנשאַפטלעכע פאָרטראָגן דורך ספּעציעל איינגעלאַדענע רעפערענטן פון לאָדזש און וואַרשע.

ביכלאַל האָט דאָס ייִדישע לעבן אין דער פּראָווינץ באַקומען רייפקייט און פולבלוטיקייט אין די דרייסיקער יאָרן. ד. ה. אַ קאַרג צענדליק יאָר פאַרן אָנקומען פון דער גרויזאַמער פאַרוויסטנדיקער היטלעריסטישער מאַכט.

אָן שום ספק האָט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פונעם פּראָווינץ־שטעטל געפונען איר אָנשפּאַר און זיך אינספּירירט פון דער גרויסער שטאָט. אַזאַ איז געווען לאָדזש, פון וועלכע די אָרומיקע שטעטלעך האָבן געצויגן זייער גייסטיקע יעניקע. לאָדזש איז געווען די עלטערע שוועסטער, וואָס האָט זיי געגעבן דעם ערשטן אימפּולס און איניציאַטיוו ווי אַזוי צו שטעלן די ערשטע טריט אַף דער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרענע. דאָס זעלבע וואָס אַנבאַלאַנגט איר פּאָליטישער ליניע, וועלכע האָט זיך טאָמיד אָריענטירט לויט די אָנווייַזונגען און אינסטרוקציעס פון דער מעטראָפּאָליע, — לאָדזש.

דעריבער זאָגן מיר, אַז די טעמע לאָדזשער פּראָווינץ דאַרף פאַרנעמען אַ כאָשעוו און אָנגעזעען פּלאַץ אין אונדזערע אויסגאַבן, ווייַל די פּראָווינץ האָט געהאַט אַ גרויסן כיילעק אין אויספורעמען און שאַפן אָט דעם ריזיקן גייַסטיקן פּויליש־ייִדישן ייִשעוו, וועלכער איז געוואָרן די קרוין פונעם וועלט־ייִדנטום.

די טעמע לאָדזשער אומגעגנט, איז גרויס און אומאויסשעפּלעך, וועגן וועלכער מען וואָלט באַדאַרפט אַ סאַך שרייַבן און זאַמלען די געהעריקע מאַטעריאַלן, און אַפילע אַרויסגעבן ספּעציעלע אויסגאַבעס וועגן יעדן שטעטל באַזונדער.

מיר זייַנען זיכער, אַז אונדזער פאַריין וועט, אין זייַנע ווייַטערדיקע אויסגאַבעס, שענקען די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט דער לאָדזשער פּראָווינץ, קעדיי די קומענדיקע דוירעס זאָלן זיך באַקענען און דערציילן מיט שטאָלץ וועגן דעם גלאָרייַכן אָוואָר פון זייערע עלטערן, וועלכע האָבן מיט אַקשאָנעס, מעסירעס־נעפעש און אויסדויער — ניט קוקנדיק אַף די שטורעמס און בייזע ווינטן וועלכע האָבן אין אַלע צייַטן געזוכט זיי אומצוברענגען — טראָץ אַלע שטערונגען, נעגישעס און רעדיפעס — דאָך אויפגעשטעלט אַ שטאַם, וועלכער וועט בלייַבן אַ מאָנומענט עד סוף כל הדורות.

דאָס דאַרף זייַן איינע פון אונדזערע לאָזונגען, און דערמיט וועלן מיר אָפּגעבן דעם פאַרדינטן קאָוועד די, וועלכע האָבן זייערע לעבנס אָפּגעגעבן פאַרן קאָוועד פון אונדזער שטאַם; פאַראייביקן דאָס הערלעכע ייִדישע לעבן און פאַרהערלעכן די וועלכע האָבן געוווּסט ווי צו לעבן, און אויך ווי צו פאַלן פאַרן קאָוועד פון אונדזער פאָלק.

אַ שפּאַציר איבער באַלוט

(סאָף פון זייַט 23)

נעבן לאָדזש, ווי: אַלעקסאַנדער זגיערזש, אזאָרקאָוו, ווּ ייִדן פלעגן אָנשטופּן די וואָגאָנעס, ווער צום רעבן, ווער צוריק צו ווייב און קינדער מיט די גרויסע פּעק וואָס זיי האָבן איינגעקויפט אין דער גרויסער שטאָט. פון דאַנען זיינען אויך אָפּגעפאָרן טראַמווייען וועלכע האָבן געפירט פון ראָדגאָשטש, לאַגעווניק, העלענוּווּעק, זשאַבעניץ און יוליאַנאָוו, וועלכע האָבן אויך געפירט פאָרלעך, צו פאַרברענגען שאַבאָסים און יאָנטויווים אַף פרייע לופט, באַפרייענדיק זיך פון דעם רויך און דושנער לופט וועלכע זיי האָבן איינגעזאַפּט בעמעשעך דער גאַנצער וואָך.

לעבן דעם באַלוטער פּלאַץ האָבן זיך געגרענעצט די זגיערזשער און אַלעקסאַנדרער גאַסן, ווו עס האָט זיך אויך געפונען די אינדוסטריע און אַרבעטער געגנט פון ייִדישן לאָדזש.

אַריינגייענדיק אין דער אַלעקסאַנדרער גאַס, האָט זיך געפונען פּייפּערס־גאַס, ווו עס האָט זיך שוין געפונען דער אַזוי גערופענער „נידעריקער שיכט" פון ייִדישן באַלוט. דאָ האָבן גענומען די אויבערהאַנט די שמאַטעקלייבערס, די קאַטאַרינאַזשעס און אַנדערע ענלעכע בידנע פּאַרנאָסעס. שאַבעס פלעגן זיך די דאָרטיקע איינווינער אַרויסזעצן אַף די טראָטואַרן ווו מ'האָט געקענט הערן „שמועסן", נישט קיין זייער צוגענגלעכע פאַרן אויער, דערציילנדיק יעדער לויט זיין שטייגער, די גרויסע אויפטועכצן זייערע...

און אַזוי שילדערנדיק אונדזער שפּאַציר אין באַלוט, קומען מיר אַרויף אָפּן דימיען יעדער מאָל נייע גאַסן, נייע סוויוועס און נייע דערינערונגען. עס וואָלט מיך צו ווייט פאַרפירט, ווען איך זאָל ווייטער שילדערן דאָס אַלץ וואָס נעמט אַרום אָט־דעם געגנט ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

ווען איך דערמאָן זיך אַז אָט־דאָס אַלץ וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט עקזיסטירט שוין נישט מער; און ווען איך טראַכט וועגן די דערמאָנטע ערטער, ווו עס האָט געשוועבלט און געגריבלט מיט יידיש לעבן, מיט יידישער האָרעוואַניע, מיט ערלעכער אַרבעט, — פאַרקלעמט באַם האַרצן באַם געדאַנק אַז דאָס אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן דורך דעם מערדער פון אונדזער פאָלק.

מיט יירעס־האַקאָוועד דערמאָנען מיר אָט דאָס אַלץ קעדיי עס זאָל אייביק לעבן אין זיקאָרן פון אונדזערע לאָדזשער דאָס געדעכעניש פון אונדזערע שוועסטער און ברידער וועמענס אָנדענק מיר וועלן באַ יעדער געלעגנהייט דערמאָנען.

מאַרי גאָלד

די פּערל פון לאָדזשער לינאַס האַכוילים

געהייליקט מיין אומפּאַרגעסלעכער כאַווערטע אַנקאַ קאַטשמאַרעק — די פּערל פון לינאַס האַכוילים.

ס'איז די ערשטע העלפט פון די דרייסיקער יאָרן. לאָדזש, די שטאָט פון פאַבריקן און וואַרשטאַטן רוישט און באַוועגט זיך מיט איר באַפעלקערונג פון 600.000 נעפאַשעס אין אַ שטענדיק וויבּרירנדיקן, דינאַמישן ריטם פון אירע מאַשינען, וועב־שטולן און אַרבעטס־געזאַנגען.

לאָדזש. צוגלייך מיטן געפילדער פון דזשאַז אין די לוקסוס־קאַפעען אַף פּיעטריקאָווער גאַס און אויסגעלאַסענעם געלעכטער פון די שטאַרק אָנגעפּאַרבטע מיידלעך אין די הינטערגעסלעך, אָטעמט מיט אָרעמקייט און מיזעריע. פון די לאָדזשער מויערן הערסטו אַ שטום געשריי פון אָפּגעשטויסענע הענט און שטילן געוויין פון אויסגעהונגערטע טובערקולאָז־קינדער.

די לאָדזשער גאַסן, פונקט ווי דער רויך פון די קוימענס, באַוועגן זיך אָן אויפהער היןן־און־צוריק אין אַ יאָם פון צעברויזטקייט און צעשטורעמטקייט, און דו פילסט ווי יעדער פייף פון די פאַבריק־סירענעס נעמט דיך דורך מיט גרויל און ציטער און זאָגט אָן דעם טאָג פון מוירעדיקע געשעענישן, און דעם טאָג פון שוידער און אומקום.

אַף איינע פון די לאָדזשער גאַסן, אַף פּאָלודניאָווא 19 איז געשטאַנען אַ באַשיידענע און ציכטיקע געביידע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „לינאַס האַכוילים". דאָס איז געווען אַ פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע, וואָס איז אויפגעקומען און זיך דערהאַלטן פון אויסגעבעטלטע באַ די לאָדזשער געווירים זלאָטעס; פון בלומען־טעג־מאָטבייעס און פון שווער־אויסגעהאָרעוועטע אָרעמע גראָשנס.

„לינאַס האַכוילים" איז געווען אַ מין זעלבסשטענדיקע מעדיצינישע מעלוכע. צוויי שטאָקן זיינען געווען באַשטימט פאַר אַרויסגעבן מעדיצינישע הילף די באַזונדערע קראַנקע, איין שטאָק — פאַר פרויען־קליניק. עס איז געווען אַן אָפּטיילונג פאַר אַן אַפּטייק, אַ גרויסע זיצונג־זאַל און סעקרעטאַריאַט.

דער פּרעזעס פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז געווען אַדאָלף פּערעלמאַן, דער אייגנטימער פון דער אַפּטייק אַף צעגעלניאַנע־גאַס, קעגניבער דעם פּוילישן טעאַטער. אַ פאַרביסענער רעאַקציאָנער האָט זיין טעטיקייט געהאַט אַ פילאַנטראָפּישן אונטערשלאַג. דער 60 יאָריקער אַסימילירטער ייִד האָט געכאָלעמט צו האָבן נאָכן טויט אַ שיינע לעוואַיע. אַ דאַנק דער אימאַגינירטער לעוואַיע און גוטן נאָמען, מיט וועלכן ער האָט געשטרעבט זיך אַרויסצוהויבן איבער זיינע קאָלעגן די פּראָפעסיאָנאַלן, וועלכע לאַכן פון אים צוליב זיין „ייִדיש האַרץ", האָט פּערעלמאַן זיין גאַנצע ענערגיע אָפּגעגעבן דער אָנפירונג פון לינאַס האַכוילים. די צענדליקער דאָקטוירים, פאַרמאַצעווטן און אָנגעשטעלטע וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט, האָבן געציטערט פאַר זיין שטרענגן בליק, וועלכן ער פלעגט אָנשטעלן פון הינטער די ברילן אַפיר.

אין די פאַרמיטיק־שאָען, צווישן 10 און 12, ווען פּערעלמאַן פלעג יעדן טאָג קומען אינספּעקציאָנירן דעם לינאַס האַכוילים, האָט מען געקענט זיין זיכער, אַז דער גאַנצער פּערסאָנאַל, פון פּאָרטיער ביזן אָנגעזעענסטן דאָקטאָר אַרבעטן אַלע אינטענסיוו. אין יענע שאָען האָט קיינער פון זיי קיין איבעריק וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט און קיין איבעריקע צייט ניט פאַרלוירן.

הונדערטער אָרעמע מענטשן האָבן טאָג־טעגלעך באַלאַגערט דעם אַנשטאַלט. פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל האָט מען אין „לינאַס" געקענט באַקומען אַ דאָקטער און אַ מעדיצין. דער וואָס האָט זיך געקענט דערלויבן אַזאַ אָפּצאָל, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אויסדערוויילטן, ווייל עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון די גאָר אָרעמערע שיכטן, און האָבן אַף אַזאַ קליינעם אָפּצאָל זיך ניט געקענט דערלויבן. זיי האָבן נאָר געקענט אָנקומען אין די שפּיטעלער.

דאָס ייִדישע אָרעמע לאָדזש איז ניט בלויז קראַנק געווען אַף פאַרשידענע מינים קרענק, וואָס מאַטערן דער מענטשהייט. דאָס ייִדישע אָרעמע לאָדזש איז אויך „קראַנק" געווען אַף הונגער. גאַנצע רייען אויסגעמאַטערטע פון הונגער מענטשן, סקעלעטן מאַמעש, האָבן געוואַרט דער דאָקטער זאָל זיי פאַרשרייבן „אייזן". דאָס פלעשעלע טונקעלע פליסיקייט פון 200—250 גראַם איז געווען דאָס איינציקע שפּייז־מיטל, צו דערהאַלטן זיך באַם לעבן.

מיין פאַרמאַצעווטישע אַרבעט אין דער אַפּטייק פון לינאַס האַכוילים איז, אין די ערשטע צייטן פון מיין פּראַקטיק, באַשטאַנען אין צוגרייטן די דאָזיקע מעדיצין, וואָס אַנטהאַלט אויסער פאַרשידענע מיטלען צום אַפּעטיט, אויך אַ געוויסע מאָס וויין. און דאָ קומט די איראָניע פון דעם פּרעפּאַראַט: וואָס מער זיי האָבן געטרונקען, קעדיי צו שטילן דעם הונגער, אַלץ מער האָט זיי געהונגערט. ווען איך האָב מיין פאַרמאַצעווטישן שעף געפרעגט: צו וואָס דאַרף מען אַזוי פיל בוטלם מיט „אייזן", האָט ער אָנשטאָט אַן ענטפער געעפנט די טיר פון דער לאַבאָראַטאָריע און מיר אָנגעוויזן אַ לאַנגע ריי מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט מיט רעצעפּטן אין דער האַנט.

— פאַרבלייבט דאָ אַ ווײַלע — האָט מיר געזאָגט מיין שעף, הער סובאָטניק, — פאַרנעמט זיך אַביסל מיט די רעצעפּטן פון די אומגליקלעכע און איר וועט געפינען אַן ענטפער. דאָ וועט איר געפינען דעם עמעסן אוניווערסיטעט פון לעבן, און נישט דעם פּאַפּירענעם פאַלשן אוניווערסיטעט, פון וועלכן איר קומט איצט.

די לעצטע ווערטער האָט סובאָטניק שוין געזאָגט אין גרויסער אויפרעגונג.

אין מיין נאָז האָט גלייך אַ זעץ געטאָן אַ רייעך פון אָרעמשאַפט. עפּעס אַ געמיש פון ניט געוואַשענע מאַלבושים און ציבעלעס. די לאַנגע ריי איז באַשטאַנען פון עלטערע, און אויך יונגע ווייבער, און אויך מענער און קינדער, צווישן זיי אַ סאַך קאַליקעס, קרומע, הויקערס און פאַרשידענע. איך האָב זיך געווענדעט צו דער ערשטער פון דער ריי. דאָס איז געווען אַ פרוי מיט אַ זויג־קינד אַף די הענט. דער דאָקטער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט פאַרן קראַנקן קינד, און ער האָט געזאָגט:

—דעם קינד פעלט וויטאַמין „צע" עטלעכע לעפעלעך מאַראַנצן־זאַפט אַ טאָג וועט אים גוט מאַכן.

ווּ זאָל זי אים נעמען מאַראַנצן? שוין צוויי יאָר ווי

איר מאַן איז אַרבעטסלאָז. אַ וועבער פון פאַך. מאַכט זיך אַמאָל אַרבעט אַף איין נאַכט אין דער וואָך, ווען די פאַבריק אַרבעט באַנאַכט. באַטאָג זיינען דאָ אַנדערע. די מעדיצין פאַרן קינד האָט זי אויסגעבעטן אין דער אַדמיניסטראַציע. מאַראַנצן וועט איר קיינער אומזיסט ניט געבן.

שטייט זי די פרוי אַ פאַרצווייפלטע. פון איר מויל רייסט זיך אַרויס פון צייט צו צייט אַ קרעכץ.

זי איז ניט די איינציקע, וואָס שטייט און קרעכצט. לעבן איר שטייט אַן אַלטער מאַן און העלפט איר קרעכצן. ער וואַרט דאָ אַף אַ מעדיצין פאַר זיין ווייב, וואָס ליגט אין בעט „אַ צעבראָכענער שאַרבן, נעבעך". אַזוי זאָגט ער וועגן איר. ער אַליין זעט אויך ניט אויס בעסער. ער איז אַזש לאָם פון רעומאַטיזם. און וואָס איז זיך צו וווּנדערן? אָפּגעפינצטערט אַ לעבן אין אַ נאַסן קעלער. איצט, אַף דער עלטער, ווען ער האָט זיך שוין ענדלעך דערוואַרט, אַז זיין זון זאָל אויסוואַקסן און פאַרדינען אַ פּאָר זלאָטעס, האָט מען אים פאַרשפּאַרט אין טפיסע אַף אַכט יאָר.

אַזוי דערציילט מיר דער אַלטיטשקער און פאַרענדיקט, ווי שוין צו זיך אַליין: „אײַ מוישע, מוישע, ס'האָט זיך דיר פאַרגלוסט אַן אַנדער לעבן, אַרויס פון קעלער האָט זיך דיר פאַרוואָלט, און זיין מיט מענטשן גלייך".

—כ'בעט אייך, פּאַניענקע, — ווענדעט זיך צו מיר אַ פרוי פון דער ריי. — צו וואָס איז דער רעצעפּט, וואָס דער דאָקטער האָט מיר פאַרשריבן?

— איר זאָלט מער ניט שפּייען מיט בלוט — ענטפער איך. — צו היילן אייך די לונגען.

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ צאָרנדיקן קרענקלעכן פלאַם און זי האָט זיך פּלוצים היסטעריש צעשריגן:

— איך וויל ניט. איר הערט? זאָלן דאָס טרינקען מײַנע באַלעבאַטים פון דער פאַבריק, ווו איך האָב געאַרבעט מײַן גאַנץ לעבן. מיר גיט אָפּ מיינע געזונטע לונגען! מיין לעבן גיט מיר אָפּ!

די פרוי האָט געשריגן אָן אויפהער. ס'איז אוממעגלעך געווען זי צו באַרויִקן. ערשט דער הוסט, וואָס האָט זיך געריסן פון אירע לונגען, האָט איבערגעריסן איר געיאָמער.

מיט רויש אין קאָפּ און מיט אַ נעפּל אין די אויגן בין איך צוריק אַריין אין לאַבאָראַטאָריע. שטיל און פאַרשעמט האָב איך זיך גענומען אַרויסענדיקן די רעצעפּטן. עמיצער האָט זיך לעבן מיר אַוועקגעשטעלט, איך האָב אויסגעהויבן די אויגן. סובאָטניק איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער ווײַסקייט; די האָר, דאָס פּנים און דער כאַלאַט. ער האָט צו מיר רויִק און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, כאַווערטע, אַ שווערער גורל איז אַף אונדז אויסגעפאַלן. ניט מיט אַלע דריי שאָ אַ לעפעלע מעדיצין וועלן מיר אויסהיילן דאָס בייז. עס פאָדערט זיך גאָר אַן אַנדער לייזונג . . .

* * *

וועגן סובאָטניקן האָב איך געוווּסט, אַז ער איז אַ רוסישער אַסימילירטער ייִד, וואָס איז אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס איבערלאָזנדיק דאָרט אַ היפּש פאַרמעגן. דאָ, אין פּוילן האָט ער דערוואַרט ווײַטער צו פירן זײַן אַמאָליק רייך און רוישיק לעבן. ווען ער האָט איבערגענומען, אַלס פּראָפעסיאָנאַל, די פירערשאַפט פון דער אַפּטייק אין לינאָס האַכוילים, האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן פּאָנעם על פּאָנעם מיט די ייִדישע פאָלקס־מאַסן און זייער מיזעריע. דאָס וואָס דער מאָסקווער אָקטאָבער האָט ניט באַוויזן צו מאַכן פון סובאָטניקן, האָט עס געטאָן לאָדזש מיט איר אָרעמשאַפט, וואָס האָט טאָג־טעגלעך דורכמאַרשירט אין לינאָס. ער האָט מיר געזאָגט:

— איך האָב מיין גאַנץ לעבן געלעבט אין טאָעס. דאָ, אין פּוילן האָב איך ערשט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דער רעוואָלוציע אין מיין לאַנד.

אויסער סובאָטניקן און עטלעכע פריש־אָנגעקומענע פאַרמאַצעווטיקערס, האָט אויך אין דער אַפּטייק פון לינאָס האַכוילים געאַרבעט אַנקאַ קאַטשמאַרעק — אַ פּויליש מיידל, וועמענס ליכטיק געשטאַלט פאָדערט איך זאָל דאָ וועגן איר דערציילן.

אַנקאַ איז געווען איינע פון די בעסטע פאַרמאַצעווטיקעס אין לאָדזש, סײַ מיט איר פּינקטלעכקייט אין צוגרייטן די רעפּועס, סײַ אין ריינקייט, וואָס דאָס פאַך פאָדערט.

די געשיכטע פון איר אַרבעט אין אַפּטייק איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי בײַ אונדז, פאַרמאַצעווטיקעס. זי האָט ניט פאַרמאָגט קיין שטודיום, אַפילו ניט קיין מיטל־שול. איר פאַרמאַצעווטישע קאַריערע האָט זי, די טאָכטער פון אַ לאָדזשער סטרוזש, אָנגעהויבן אַלס צוועלפיאָריק מיידל אין לינאָס האַכוילים מיט וואַשן פלעשער.

מיט יאָרן שפּעטער האָט איר איינגעבוירענע אינטעליגענץ, ווילן און פעיקייט זי געבראַכט צו דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט פון צוגרייטן רעצעפּטן און זיך דערשלאָגן צו אַזאַ נאָמען, אַז זי איז פאַרעכנט געוואָרן אַלס די בעסטע פאַרמאַצעווטן אין לאָדזש.

נישט לאַנג אָבער האָט זיך לינאָס האַכוילים געגרויסט מיט איר.

אין פּוילן איז דעמאָלט אַרויס אַ געזעץ, אַז דער וואָס אַרבעט אין אַפּטייק און גרייט צו מעדיקאַמענטן מוז האָבן דורכגעמאַכט דעם געהעריקן שטודיום. אַן אַן אוניווערסיטעט־דיפּלאָם איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן צו אַרבעטן, מעג איינער שוין ווי לאַנג זיין באַשעפטיקט אין דעם פאַך און זיך ביז גאָר פּערפעקציאָנירט. די סיבע פון אַזאַ געזעץ איז געווען דער איבערפלוס אין פאַרמאַצעווטן; אַ שטאַרקע אַרבעטסלאָזיקייט צווישן דיפּלאָמירטע פּראָפעסיאָנאַלן. אַ גרויסע צאָל געענדיקטע אינזשעניערן האָבן געאַרבעט אַלס סטרוזשן פון פאַבריקן. דאָקטוירים זיינען געוואָרן אַגענטן פון געשעפטן אָדער פאַבריקן פון מעדיצינישע פּרעפּאַראַטן. דאָס זיינען שוין געווען די גליקלעכערע. די דעמאָלטיקע אָרדענונג אין פּוילן האָט זיך נישט געקענט און נישט געוואָלט אַן אייצע געבן מיט די הונדערטער געענדיקטע פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס האָבן יאָר נאָך יאָר אַרויסגעשטראָמט פון די אוניווערסיטעטן. פון איין זייט איז אַ גרויסע טייל פון דער באַפעלקערונג אויסגעשטאָרבן פון פאַרשידענערליי קרענק מיט וואָס דאָס לאַנד איז געווען פאַרפּעסטעט, אָן דער געהעריקער מעדיצינישער הילף, און פון דער אַנדערער זייט זיינען אוניווערסיטעט־מענטשן אויסגעגאַנגען פון הונגער, ווייל זיי האָבן ניט געקענט זייער הילף געבן. זייערע הענט זיינען געווען געבינדן און זייער וויסן — געפּענטעט.

איך געדענק, ווען דער קינדער־דאָקטער פון לינאָס האַכוילים דר. ראַבינזאָן, איז פּלוצלינג געשטאָרבן, האָבן זיך טייקעף אָנגעבאָטן אַף זיין אָרט עטלעכע און דרייסיק דאָקטוירים.. ס'איז אָבער קיינער ניט אָנגענומען געוואָרן אַף זיין פּלאַץ, ווייל די איבעריקע קינדער־דאָקטוירים פון דער אינסטיטוציע, וויפל זיי האָבן ניט געפילט דעם צאַר צוליב דעם פאַרשטאָרבענעם, האָבן זיי שטילערהייט, ניט אָן פרייד, אַרויסגעקוקט דערויף, אַז עס וועט זיי איצט צופאַלן נאָך אַ ביסן. יעדערער פון זיי האָט פון דער גרע־

סערער צאָל נומערלעך איצט געהאַט עטלעכע זלאָטעס מער אַ טאָג.

דאָס נייע געזעץ אַרויסצוּוואַרפן פון זייערע פּאָסטנס פאַרמאַצעווטן, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געאַרבעט אין אַפּטייק און אַ דאַנק זייער פּראַקטיק געקענט צוגרייטן מעדיצינען ניט ערגער, ווי דיפּלאָמירטע, איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר אַ סך פאַמיליעס, וועמענס פאָטערס אָדער קינדער זיינען געווען די איינציקע שפּייזער, און איצט האָבן זיי זיך מיט אַמאָל געפונען אַף דער גאַס.

דער פּראָגרעסיווער טייל פון דעם פאַך, האָט צו יענער צייט אַרויסגעטראָטן קעגן דעם געזעץ און מיר, יונגע דיפּלאָמירטע פאַרמאַצעווטן, האָבן זיך מיטן גאַנצן ברען געוואָרפן אין קאַמף קעגן דער גזירע. אין לאָדזש האָט זיך דעמאָלט געשאַפן אַ גרופּע פאַרמאַצעווטן, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ שטרייק אין די לאָדזשער אַפּטייקן אַלס פּראָטעסט קעגן דעם אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט עטלעכע קאָלעגן.

דער שטרייק איז ניט צושטאַנד געקומען. מיר האָבן דעם קאַמף פאַרשפּילט, נאָך איידער ער איז אָנגעהויבן געוואָרן, און מיר האָבן אונדזערע פּאָסטנס פאַרלוירן. דער לאָדזשער פאַרמאַצעווטישער פאַריין, וועמענס מערהייט איז באַשטאַנען פון אָנהענגער פון דער פאַשיסטישער סאַנאַציע און אָנעראַווצעס, האָט אַ סך פון אונדז, וועלכע האָבן געפּרוּווט צו אָרגאַניזירן אַ שטרייק, אָפּגעזאָגט דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן.

אַנקאַ קאַטשמאַרעק איז דעגראַדירט געוואָרן צו אַ פּאָסטן, וואָס איז באַשטאַנען אין אָנעמען רעצעפּטן און אַרויסגעבן מעדיקאַמענטן. אַזוי אַרום איז זי געשטעלט געוואָרן אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די אָרעמע קראַנקע.

ווען איך בין אַריין אַרבעטן אין דער אַפּטייק פון לינאָס האַכוילים האָב איך שוין אַנקען געטראָפן אַפן דאָזיקן אַמט. דאַווקע איר האָב איך — און אויך אַנדערע ווי איך — צו פאַרדאַנקען די פּראַקטישע אָנווענדונג פון אונדזער וויסן.

נאָר נישט נאָר אין דעם איז באַשטאַנען אַנקאַס פאַרדינסט.

דער דירעקטער קאָנטאַקט מיט די יִדישע אָרעמע מאַסן האָט דאָס אָרעמע קריסטלעכע מיידל אַזוי דערנענטערט, אַז זי איז געוואָרן זייער נעשאָמע. אָדער ווי מען האָט זי גערופן: „די פּערל פון לינאָס האַכוילים".

אויסער דער לאַנגער ריי, וואָס האָט אין לינאָס האַכוילים געוואַרט אַף זייערע רעצעפּטן, איז שטענדיק געווען נאָך אַ לענגערע ריי, וואָס האָט געוואַרט אַף אַנקאַס אייצע; אַ גוט וואָרט, אָדער אַ טרייסט, וואָס איז שטענדיק געקומען אין צייט. ווען ס'האָט עמיצן אויסגעפעלט אַ נומערל צו אַ דאָקטער, און די אַדמיניסטראַציע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַ בעכינעמדיקן נומער, איז מען געגאַנגען אין דער אָפּטיילונג פון דער אַפּטייק צו אַנקאַן. אַנקאַ פלעגט אָפט פון איר פּענסיע באַצאָלן פאַרן קראַנקן. ניט זעלטן פלעגט זי אויך איר פרישטיק אַוועקגעבן און אויך געלט. ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַנקאַס וואַרעמע שטים, ווי זי רעדט צו אַ פאַרצווייפלטער פרוי:

— נו, נישט געוויינט. נאָר נישט וויינען. דאָס וועט גאָרניט העלפן. די צייטן וועלן זיך בייטן. ניט שטענדיק וועלן אייערע קינדער הונגערן. דערווייל נעמט מיין פרישטיק, נעמט אויך מיין סוועטער. מיר איז ניט קאַלט.

נאָך אַזאַ איבערלעבונג פלעגט אַנקאַ אַריינקומען אין לאַבאָראַטאָריע, און שטיל, אָן ווערטער בלייבן שטיין אַ ווײַלע. אַף איר פּאָנים האָט זיך געמערקט אַ שטאַרקער אומרו. נישט זעלטן זיינען טרערן געפאַלן פון אירע אויגן. ערשט, ווען איך האָב זי געפּרוּווט באַרויקן מיט עטלעכע נישט-געלונגענע ווערטער, פלעגט זי צו מיר זאָגן:

— ס'איז שווער, זייער שווער צו זיין רויק, ווען אַזוי פיל מענטשן הונגערן.

קאָלעגן אַנקאַ קאַטשמאַרעק! איך ווייס ניט צי דו לעבסט און צי דו ביסט אַרויס אַ לעבעדיקע פון די לאַפּעס פון דער נאַצישער בעסטיע, נאָר איינס בין איך זיכער. איך בין זיכער, אַז צווישן די וואָס האָבן אין די שווערע און בלוטיקע יאָרן געהאָלפן ראַטעווען יִדן פון טויט, ווען דער סוינע האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצומאָרדן דאָס יִדישע פאָלק ביזטו זיכער געווען.

* * *

פ. גאָלוב

דאָס יידישע לעבן אין נייעם לאָדזש

גאָר אין אַנדערע באַדינגונגען וויקלט זיך אויס און בויט זיך דאָס יידישע לעבן אין דעם נייעם פוילן, און דאָס זעלבע אויך אין אונדזער היימשטאָט לאָדזש, וועלכע בויט זיך פיבערהאַפט און באַקומט גאָר אַן אַנדער אויסזען ווי דאָס פאַרמילכאָמעדיקע.

עס זיינען שוין פאַרלאָפן אַריבער 6 יאָר נאָך דעם וואָס די גרויסע סריפע איז איינגעלאָשן געוואָרן. עס געפינען זיך שוין אונטערצינדער, וועמען עס איז ווייניק דאָס אָפגעלאָפענע בלוט אין דער לעצטער מילכאָמע, און זיי זוכן שוין צו צעבלאָזן און צעפלאַקערן אַ נייע סריפע. די פעלקער פון די נייע דעמאָקראַטיעס, וואָס שטייען אַף די רושטאָוואַניעס קעדיי אויפצובויען זייערע לענדער אַפן אָרט פון די כורוועס, מוזן אָבער אין דער זעלבער צייט שטיין אַף דער וואַך און נישט אַראָפלאָזן קיין אויג פון די וואָס זוכן אַ נייע מילכאָמע און נייע צעשטערונג.

דאָך ווערט פאָרגעזעצט די בוי־אַרבעט. עס ווערן געלייגט פונדאַמענטן — נייע יעסוידעס, פעסטע יעסוידעס, פאַר אַ לעבן צו גונסטן דעם אַרבעטנדיקן מענטשן און דעם מענטשן מיט גוטע קאַוואָנעס.

אין דעם דאָזיקן ריטם פון בויען דאָס נייע פוילן, הויבט זיך אָן אַרויסשיילן דאָס געשטאַלט פון אונדזער היימשטאָט לאָדזש. אין דעם רויך־נעפל, וואָס הילט איין אונדזער פאַבריק־שטאָט, הויבן זיך אַרויס די סילועטן פון נייע קוימענס, רויטע ציגל פון נייע פאַבריק־געביידעס. פול איז שוין די לופט מיטן האַרמאָנישן קלאַפן פון די וועב־שטולן. אַף קאַמיאָנען און לאַסט־אויטאָס ווערן געלאָדן שטויסן אויסגעפאַרטיקטע מאַנופאַקטור.

לאָדזש איז שוין ווידער דער גרעסטער פוילישער צענטער פון דער באַוול־אינדוסטריע.

און צווישן די מוליער, וואָס שטייען אַף די רושטאָוואַניעס, צווישן די וועבער וואָס היטן די שיצן און טראָגן צו צום אַרויסלאָז פון טויזנטער מעטער נייעם שטאָף צום באַקליידן פוילן, געפינען מיר ווידער אַ גרויסע צאָל יידישע מענער און פרויען, וואָס טראָגן צו צום ווידערויפבוי פון אונדזער היימשטאָט.

ווידער ציילט שוין די באַפעלקערונג פון לאָדזש העכער 600 טויזנט איינוווינער, און כאָטש די דייטשן האָבן לאָדזש נישט כאָרעוו געמאַכט ווי די אַנדערע שטעט, דאָך גייט אָן דער איבערבוי מיט אַ שנעלן און אימפעטיקן ריטם.

מיר געדענקען גוט אונדזער היימשטאָט פון ערעוו דעם כורבן. צוזאַמען מיט דעם רייכן יידישן קולטור־לעבן, קענען מיר אויך נישט פאַרגעסן דעם בוילעטן און שרייענדיקן אונטערשייד צווישן דער רייכער פיעטרקאָווער־גאַס, און דער אַרבעטזאַמער בזשעזשינער־גאַס; צווישן דעם באַוווינען זיך פון די וואָלטשאַנסקאַ־באַלעבאַטים ביז דער אָרעמקייט פון דער אַלעקסאַנדערער גאַס. מיר געדענקען גוט דעם גלאַנץ און קאָנפאָרט מיט וועלכע עס האָבן געלעבט די פאַבריקאַנטן; און די נויט און אָרעמקייט פון דער גרעסטער טייל יידישן וועבער און באַלמעלאָכע פון באַלוט.

צוליב דעם וואָס לאָדזש איז נישט צעשטערט געוואָרן, איז זי לעכאַטכילע נישט אַריינגענומען געוואָרן אין די אויפבוי־פלענער פונעם נייעם פוילן. צוליב דעם צופלוס, אָבער, פון נייע איינוווינער און אַרבעטער אין אויפגעקומען די נויטווענדיקייט צו ענדערן, אויסבעסערן און איבערבויען די אַלטע וווינונגען, און עס איז גלייך איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם זעקס יאָריקן ווירטשאַפטספלאַן.

עס זיינען איבערגעבויט געוואָרן די קאָמונאַלע איינריכטונגען און אויסגעבעסערט געוואָרן די סאַניטאַרע באַדינגונגען פון לאָדזש און אין די אינדוסטריעלע צענטערן אַרום לאָדזש. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן די וואַסערלייטונג און עס זיינען פאַרלייגט געוואָרן וואַסער־רערן, וואָס ציען זיך פון דער שטאָט ביזן טייך פיליצאַ.

עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן מוניציפאַלע באָדאַנשטאַלטן, געזעלשאַפטלעכע וועשערייען און אַ גאַנצע ריי סאַניטאַרע פונקטן.

שוין אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מילכאָמע איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ גוטע קאַנאַליזאַציע אין די אַרבעטער־געגנטן וואָס האָבן עס פריער קיינמאָל נישט געהאַט. עס זיינען אָוועקגעלייגט געוואָרן אַ סאַך קילאָמעטער טראַמוויי־רעלסן, און די טראַמווייען דערגרייכן איצט אין די ווייטסטע גאַסן. עס זיינען אויך איבערגעפלאַסטערט געוואָרן אַ סאַך גאַסן, וואָס זיינען ביז דאַן געווען שלעכט ברוקירט מיט פעלד־שטיינער.

ראַכוועסדיקע, ליכטיקע און באַקוועמע אַרבעטער־וווינונגען ווערן געבויט אין באַלוט

אין די אָרעמסטע אַרבעטער־געגנטן, ווי אין באַלוט, ווו ביז דער מילכאָמע האָבן זיך געוויכערט נאַפּט־לאָמפּן, איז איינגעפירט געוואָרן עלעקטרישע באַלויכטונג, און עס זיינען דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן גרויסע הייזער־בלאָקן, ווו עס וווינען אַרבעטער־מישפּאָכעס אין ליכטיקע און געזונטע וווינונגען.

לאָדזש בייט איר אויסזען. די גאַסן זיינען אויסגעברייטערט געוואָרן און די פּאַלאַצן און רעזידענצן פון די אַמאָליקע פאַבריקאַנטן און שטאָט־באַלעבאַטים זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קולטור־הייזער און עפנטלעכע פּאַרקן.

לאָדזש האָט, אַ דאַנק דעם איבערבוי, מיט אַמאָל באַקומען אַ סאַך זון און גרינס, גערטנער און פּאַרקן, ווו דער אַרבעטער קען אָפּרוען נאָך דער אַרבעט.

אויך דאָס קולטור־לעבן האָט זיך געענדערט, די יוגנט פון שטאָט און פון די אַרומיקע שטעטלעך האָט די מעגלעכקייטן צו לערנען און שטודירן אין די צאָלרייכע אַנשטאַלטן פון אַלגעמיינער בילדונג, אין די פּראָפעסיאָנעלע שולן און הויכשולן. די מעלוכע האָט אויפגעשטעלט וווינהייזער און באַשטימט סטיפּענדיעס פאַר אַרבעטער־קינדער.

עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז פון די אַלע אויסבעסערונגען זאָלן אין אַ גלייכער מאָס געניסן אַלע איינוווינער. און דאָס יידישע לעבן, ווי דאָס יידישע קולטור־לעבן זאָל זיך צעוואַקסן און צעבליען אין די נייע באַדינגונגען.

אין דעם פּראָצעס פון ווידערויפבוי, און באַנייונג פון האַלב־כאָרעוון לאָדזש, זעען זיך בוילעט אָן די רושטאָוואַניעס פון די יידישע קולטור־ביניאָנים.

מיר זעען אַ פעסטן און פאַרצווייגטן יידישן שולוועזן, אין וועמענס שפּיץ עס שטייט די לאָדזשער יידישע מעלוכע־שול אָפּן נאָמען פון י. ל. פּערעץ. מיר באַקענען זיך מיט די יערלעכע אַרויסלאָזן פון שילער וואָס טראָגן אַוועק מיט זיך אינעם יידישן לעבן אַריין די ליבע צום יידישן וואָרט און די צוגעבונדנקייט צו דער יידישער קולטור.

אַף די פייערלעכע יאָנטויווים פון אָנהויבן אָדער שליסן דאָס שול־יאָר טרעפן מיר צווישן די געסט, ניט נאָר פאָרשטייער פון געדרוקטן וואָרט און פון דעם יידישן מעלוכע־טעאַטער, נאָר אויך די רעפּרעזענטאַנטן פון בילדונגס־מיניסטעריום, און טאַקע דעם איצטיקן בילדונגס־מיניסטער אין פּאָלקס־פּוילן יאַראָשינסקי, וואָס שטרייכט אונטער דעם ביטראָג פון דער יידישער שול אין דער דערציונג פון אַ נייעם געזונטן מענטשן.

די יידישע שול איז שוין אַזוי אַרום נישט קיין שטיפקינד, און נישט קיין העפקער, נאָר אַ לעגאַל און אָנערקענט קינד פון דער נייער פּאָלקס־רעגירונג.

אין די אָוונטן קלינגט ווידער אָפּ אין דער שטילקייט פון די לאָדזשער גאַסן דאָס יידישע וואָרט. דאָס גייען די צוהערער פון לעקציעס און פאָרלעזונגען, וועמענס צאָל עס דערגרייכט אָפּטמאָל צו טויזנט און מער צוהערער.

אַזוי האָט די קאָנפערענץ פון סמאַליאַר א. ד. ט. „די געשיכטע וועט זיך נישט איבערכאַזערן" צוגעצויגן אַריבער 1500 צוהערער. גרויס איז געווען דער באַזוך פון די לעקציעס ביים די כ"כ מירסקי און בער מאַרק האָבן באַזוכט לאָדזש און ניט קלענער די ליטעראַרישע אָוונטן, געווידמעט: שאָלעם אַליינכעמען, פּערעצן, מאָריס ראָזענפעלד א. א.

אויך די לאָדזשער קאָאָפּעראַטיוון וויקלען אויס וויכטיקע קולטור־טעטיקייט און פאַרמאָגן זייערע אייגענע כאָרן, דראַמקרייזן, באַלעטן און דעסגלייכן.

אַפילע אין די זומער־כאַדאָשים — ווען עס פלעג אין די פריערדיקע יאָרן אָפּגעשוואַכט ווערן די קולטור־טעטיקייט, — ווערט אויסגעוויקלט אַ רייכע און שיינע טעטיקייט אין דער אָפּרו־הויז אין דער ווילֶיע „לעשנאַ פּאָלאַנאַ", וואָס די לאָדזשער יידישע קולטור־געזעלשאַפט האָט איינגעאָרדנט אין קריניץ.

דאָרט, אין איינעם פון די שענסטע צויבער־ווינקעלעך פון פּוילן, קומען זיך צונויף אין די זומער כאַדאָשים יידישע אַרבעטער, יידישע שרייבער, אַרטיסטן, קולטור־טוער און צוזאַמען מיט דער אָפּרו פון זייער אַרבעט, טרעפן זיי דאָרט אַ פּרעכטיקע סוויווע פון קולטור־דערהויבונג.

אַלס אַזעלכע מאָמענטן פון קולטור־דערהויבונג פון לעצטן זומער קענען מיר באַצייכענען דעם אָוונט געווידמעט דעם פּראָזאַיקער ייִצכאָק גוטערמאַן; אַזאַ איז געווען דער ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט דעם דיכטער בינעם העלער, ווו דער דר. ד. ספּאַרד האָט רעפערירט וועגן דיכטער. בינעם העלער האָט פאָרגעלייענט פון זיינע נייסטע שאַפונגען און שוישפּילער פון יידישן מעלוכע־טעאַטער האָבן רעציטירט די לידער פונעם דיכטער.

אויך אין אַנדערע יאָנטויווים, וואָס זיינען לעצטן זומער דורכגעפירט געוואָרן אין אָפּרו־הויז „לעשנאַ פּאַלאַנאַ", האָבן מיר געזען זיך באַטייליקן די שוישפּילער פון יידישן מעלוכע־טעאַטער אידאַ קאַמינסקאַ, מ. מעלמאַן, י. ווידעצקי, כעוול בוזגאַן, מ. ספּעקטאָר, ש. גרינהויז, צעשע שטאָק א. א.

אַזוי פאַרברענגט זיינע וואַקאַציעס דער לאָדזשער ־בעטער און קולטור־טוער.

און — אחרון, אחרון —

העכער פון אַלץ, מיט שטייגנדיקן אימפּעט הויבט זיך אַרויס אין דער יידישער לאָדזש — און זיין ווירקונג דערגרייכט אַ סאַך ווייטער פון לאָדזש — דער יידישער מעלוכע־טעאַטער, וואָס ווערט אָנגעפירט פון מ. מעלמאַן און אידאַ קאַמינסקאַ.

לאָדזש, וועלכע איז געווען די ערשטע שטאָט אין דער נאָכמילכאָמעדיקער פּוילן, ווו עס איז אויפגעקומען דער יידישער צייטונגס־וועזן; דער יידישער פאַרלאַגס־וועזן און עס האָבן אויפגעבליט די ערשטע שפּראָצונגען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן, איז אויך געוואָרן דאָס וויגעלע פון ערשטן יידישן נאָכמילכאָמע טעאַטער.

פאַרשטייט זיך, אַז די נאָכמילכאָמע־ווירקלעכקייט און די נייע באַדינגונגען פאַרן יידישן לעבן האָבן געשאַפן אַ באַזע פאַר אַ נייעם סאָרט טעאַטער; אַ טעאַטער אַף געזעלשאַפטלעכע יעסוידעס און אויסגעהאַלטן פון דער מעלוכע.

די כעיונע פון שוישפּילער איז שוין אַזוי אַרום נישט אָפּהענגיק פון דער קאַסע, דער רעפּערטואַר איז שוין נישט אויסגעשטעלט אָפּן נידעריקסטן געשמאַק פון צושויער, אָדער קאַפּריז פון אַנאַלפאַבעטישן עמפּרעסאַר.

און דאָס יידישע טעאַטער האָט באַקומען די כשיוועס און אָנזען פון אַ מעלוכע אינסטיטוציע.

צוזאַמען מיט דער אָנערקענונג פון דער מעלוכע זיינען אויך געקומען די גרעסערע פליכטן פון אַן אָנערקענטער אינסטיטוציע און נאָכמער — די פאָדערונגען און נויטווענדיקייטן פונעם אויסגעהונגערטן לאָדזשער יידן צום שיינעם געשליפענעם יידישן וואָרט פון דער בינע.

אַז די אָנפירער פונעם לאָדזשער יידישן מעלוכע־טעאַטער האָבן פאַרשטאַנען די אַכראַיעס וואָס איז אַף זיי אַרויפגעלייגט, באַווייזן דער רעפּערטואַר און די קינסטלערישע דערגרייכונגען פון דעם יידישן מעלוכע טעאַטער, וואָס פאַרשאַפן פּרעסטיזש דעם יידישן בירגער פון פּוילן. מיר טרעפן אין דעם רעפּערטואַר אַזעלכע פּיעסן ווי: „אומשולדיק שולדיקע" (פּרעמירט אַפן סאָוועטישן פעסטיוואַל פון רוסישע פּיעסן); „אין אַ ווינטער נאַכט"; „מיין זון"; פּאָפּאָווס „די פאַמיליע"; אַל. קאַרנייטשוקס „דאָס קאַילינג־וועלדל"; ש. אַלייכעמס „מישפּאָכע בלאַנק", „200.000" און ראַטבוימס אויפירונג „אַ גאָלדפאַדן כאָלעם".

עס איז אינגאַנצן אָפּגעשאַפן געוואָרן דער סטאַריזם, נישט נאָר אַז די הויפּטראָל, צי די סימפּאַטישסטע ראָל זאָל שטענדיק געשפּילט ווערן פון איין און דעם זעלבן שוישפּילער, נאָר אויך דער רעזשי ווערט אויסגעפירט פון פאַרשידענע קינסטלער. אַזוי זעען מיר פאַרשידענע ווערק אויפגעפירט פון אידאַ קאַמינסקאַ, אַנדערע פון ייצכאָק גראָסבערג, אייניקע פון כעוול בוזגאַן און ש. אַלייכעמס „מישפּאָכע בלאַנק" און „אַ גאָלדפאַדען־כאָלעם" פון ראַטבוימען.

אין פאַרלאַג „יידיש־בוך", אין פּוילן, איז איצט דערשינען אַ בוך פון ייצכאָק גרודבערג־טורקאָוו וועגן „יידישן טעאַטער אין פּוילן". פאַרענדיקט ער דעם בוך מיט פאָלגנדיקער אָפּשאַצונג וועגן לאָדזשער יידישן מעלוכע־טעאַטער:

„דער וועג פון יידישן מעלוכע־טעאַטער — דער וועג פון קעסיידערדיקן שעפערישן פאַרמעסט, פון צילבאַוווסטן דינען דעם פאָלק אין דער ליכטיקער צוקונפט פון די פאָלקס־מאַסן — איז די קרוינונג פון הונדערט יאָר געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין פּוילן, דער געשיכטע וואָס איז פול געווען מיט טראַגישן געראַנגל פאַר פּראָגרעסיווע ווערטן, מיט העראָישע פּרוון פון יידישן אַקטיאָר, וועלכער האָט ערשט איצט באַקומען די ריכטיקע פאַרווענדונג פון זיין טאַלאַנט, די מעגלעכקייט פון פולער קינסטלערישער און געזעלשאַפטלעכער אויסלעבונג אַלס אַן עמעס באַפרייטער קינסטלער אין אַ באַפרייט לאַנד".

אַף דעם זעלבן אָרט ווו עס האָט זיך געפונען דער אַמאָליקער „סקאַלאַ"־טעאַטער (אַף וויענצקאָווסקי־גאַס), בויט זיך דער יידישער מעלוכע־טעאַטער. אָבער די אַרכיטעקטור פון דעם נייעם ביניען וועט זיין גאָר אַנדערש פון יענעם טעאַטער, וואָס איז ווי באַוווסט אָפּגעברענט געוואָרן. דאָס וועט זיין אַ מוסטער פון סטיל און צוגעפּאַסטקייט צו די נויטן און פאָדערונגען פון אַ מאָדערנעם און באַקוועמען טעאַטער, אויסגערעכנט פאַר מאַסן באַזוכער.

די פונקציעס פון לאָדזשער יידישן מעלוכע־טעאַטער פאַרענדיקן זיך נישט מיט די קינסטלערישע אויפירונגען אין לאָדזש. עס שטייט איצט די פראַגע וועגן באַדינען גרעסערע און קלענערע פונקטן פון לאַנד.

די ביז־איצטיקע דערגרייכונגען פון לאָדזשער יידישן מעלוכע־טעאַטער געבן אונדז די פולסטע זיכערקייט, אַז אויך די אויפגאַבע וועט געלייזט ווערן.

דאָ זיינען נאָר אָנגעצייכנט אַ פּאָר שטריכן פונעם יידישן לעבן אין אונדזער היימשטאָט, וואָס איז אויפגעשטאַנען טכיאַס־האַמייסים פון אַש און כורבן.

פרייער ווי פריער הילכט אָפּ אַף די לאָדזשער גאַסן דער קלאַנג פון יידישן וואָרט. ווידער זיינען באַדעקט די ווענט פון די לאָדזשער הייזער און פאַרקנס מיט אַפישן פון יידישע טעאַטער־אויפירונגען.

אין די נייע באַדינגונגען פונעם פאָלקס־פּוילן, צעוואַקסט זיך אונדזער אַרבעטזאַמע היימשטאָט אַף סאָציאַליסטישע יעסוידעס, און אין דעם שטייגנדיקן טעמפּאָ פון אויפבוי פון נייעם לאָדזש צעבליט זיך אַ ניי און פריי יידיש לעבן.

סצענעס פון י. ראַטבוימס אויפירונג „דער גאָלדפאַדען כאָלעם"
אין לאָדזשער יידישן מעלוכע־טעאַטער

גינאַ מעדעם

מיין אַקטיוויטעט אין לאָדזש

(אַ קאַפיטל פון גינאַ מעדעמס אויטאָביאָגראַפיש בוך „אַ לעבנסוועג", וואָס איז לעצטנס דערשינען)

צווישן יולי 1905 און יוני 1908 האָב איך געאַרבעט אין לאָדזש אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, מיט אַן איבעריים פון 8 מאָנאַטן אין טפיסע. עס איז אינטערעסאַנט, אַז קיינמאָל דורך אָט־דער צייט איז נישט געווען קיין פראַגע וועגן מיין פאָרמעלער צוגעהעריקייט צום „בונד"; נישט אַפילע אַזאַ זאַך ווי אַ שמועס מיט מיר אין זשענעווע, אין יוני 1905, ווען גלעב (מוטניק), אויסלענדישער פאָרשטייער פון „בונד", האָט מיך פון סטודענטישן קרייז, מיט וועלכן עס האָט מיט אונדז, סטודענטקעס, אָנגעפירט אַ צווייטער פאָרשטייער, מאַקאַוויי, אַרויסגענומען, מיט דער קורצער דערקלערונג, אַז אויב איך וויל פאָרן אַף אַרבעט אין לאָדזש, וועט ער, גלעב, געבן אַ „יאַווקע", דאָס הייסט: אַן אַדרעס. אָבער עס איז מיר קיינמאָל נישט געשטעלט געוואָרן די פראַגע שאַרף, צי בין איך פאָרמעל געוואָרן אַ מיטגליד פון „בונד".

דאָס איז פאַר אַ צייט געווען אַפילע פאַר מיר אַליין אַן אומקלאָרע פראַגע ווייל, ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט מיך געצויגן אַ סאַך שטאַרקער צו די פוילישע מאַסן, וועלכע זיינען געווען, לויט מיין דערפאַרונג, ווייניקער באַוווסטזיניק און אָריענטירט איידער די יידישע. און דער פאַקט פון מיין לויזער צוגעהעריקייט צום „בונד" האָט מיר טאַקע געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו צעשפרייטן איבער אַלע נאַציאָנאַלע גרופעס פון לאָדזש. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע, אָבער אַ טיפע צעשפאָלטנקייט באַ מיר וווהין צו גיין ענדגילטיק.

די קריווודע און אָוולע, די אָרעמקייט און פאַריאָסעמטקייט איז טאַקע גרעסער געווען באַ די יידישע באַלמעלאָכעס און מיידלעך. די פיזישע קראַפט און ברייטפלייציקייט אָבער איז געווען גרעסער באַ די קריסטלעכע מאַסן. און אין דער ערשטער צייט פון מיין אַרבעט אין די פאַבריקן, בעיים די „מאַסוווקעס", ווען יעדע מינוט האָט דער מייסטער געקאָנט אַרויסרופן פאָליציי און פאַר מיר זיינען געשטאַנען יידישע וועבער, נופערגס און שטאָפערנס, האָב איך בעיסן ריידן, זיך אַליין געפרעגט: וויפל קלעפ וועט קענען אויסהאַלטן הערעס, דער געלער מאָרדכע אָדער שלוימע שיפעטאַשן? די פראַגע האָב איך זיך קיינמאָל נישט געשטעלט אין די גרויסע פאַבריקן פון שייבלער, פון גראָמאַן, פון דאָבראַניצקי אָדער פאָזנאַנסקי, מיט די טויזנטער גרויסע, שטאַרקע געשטאַלטן. עס איז געווען, נאַטירלעך, אויבערפלעכלעך און נאַיוו אַזוי צו שטעלן די פראַגע, ווייל בעיים יעדער דעמאָנסטראַציע שפעטער האָט מען אין די גאַסן געקאָנט זען, ווי די אייגענע קאָזאַצקע נאַגייקע האָט צו דער ערד געקאָסעט סיי דעם געזונטן פוילישן מעכאַניק פון דער „קאָטליאַרנע" (דעם דאַמפקעסל) כאַווער „זשיראַנדאָלי", סיי דעם בלאַסן שטרומפווערקער שייע זיסקינד.

און דאָ וויל איך טאַקע ריידן וועגן הויפט־עלע־

מענט, וואָס האָט מיך שפעטער געוואַלדיק צוגעצויגן צו די לאָדזשער יידישע אַרבעטער: זייער אומדערשראָקנקייט! דאָס האָט געשפילט אַ גרויסע ראָל אין דער פאָליטישער אַרבעט. און מיר, אינטעליגענטן, האָבן געהאַט אַ גרויסן דערעכערעץ צו מוטיקע מענטשן, אַלץ איינס וואָס עס האָט גענערט זייער מוט: האַס, צי ענטוזיאַזם פאַר דער אַקציע. דאָס אָרגאַניזירן אַנטלויפן פון אַ קאָנוואָי, דאָס „אָפשלאָגן" פון אַרעסטירטע דורך דעם „באָיעוואָי אָטריאַד", די זעלבסטשוץ פון 1906 קעגן כוליגאַנעס, דאָס „ספראַוועען" זיך מיט אַ פראָוואָקאַטאָר, דאָס אָנקלאַפן די ביינער אַ פאָטענציעלן מייסטערל־טעלערלעקער, דער העלדישער קאַמף פון יידישע אַרבעטער קעגן „אַלפאָנסן" און קעגן זייער קאָאָפעראַציע מיט שפיצלס (שפיאָנען) און סטרוזשעס — דאָס אַלץ איז אַ מוטיקער קאַפיטל אין דער געשיכטע פון דעם פרימאָרגן פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פוילן, וועלכע איז, לויט איר כאַראַקטער און לויט די באַזונדערקייטן פון דער יידישער שטייגער־סוויווע, געווען אַן אויסגעשפראָכענע סאָציאַלע באַוועגונג. זי האָט אַרומגענומען נישט בלויז קלאַסן־קאַמפן, נאָר אויך מישפאָכע־באַציונגען, רעליגיעזע סיכסוכים און אַפילע קאָנפליקטן באַ כסידישע ראַבאָנים, מיט וועלכע מען איז געגאַנגען צום „בונד", פונקט ווי מען איז געגאַנגען צו אים, אויב אַ באַלעבאָס פון אַ שטוב האָט נישט צורעכט געמאַכט דעם רויכערנדיקן אויוון אָדער אַ דורכגעלעכערטן דאַך...

פאַר מיר, אַ יונג מיידל, וואָס איז קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען פון די ראַמען פון מישפאָכע, וואָס האָט נישט קיין אַנדערע קנופן ווי קרויוועשאַפט, בלוט־נאָענטקייט — פאַר מיר האָט זיך געעפנט אַ נייע, אויפרעגנדיקע וועלט, פון באַציונגען צווישן מענטשן, וואָס זיינען געווען נעכטן נאָך פרעמדע און — מיר; מענטשן פון אַן אַנדער קלאַס, פון אַן אַנדער סוויווע, פון אַן אַנדער גראַדערציונג און טראַדיציע; מענטשן, וועלכע זיינען אין מעשעך פון איין אָוונט, פון איין שמועס מיט זיי, געוואָרן פאַר מיר כאַוויירים, קימאַט אייגענע, ליבלעך אייגענע.

עס איז געווען גוט צו זען, אַז עס איז נישט געווען קיין סימען פון האַכנאָעדיקייט, פון אונטערטעניקייט באַ זיי צו מיר. פאַרקערט, עס האָט זיך געפילט אַ פולשטענדיקע גלייכקייט, פון וועלכער עס האָט געפירט אַ וועג צו ליבשאַפט און דערעכערעץ. און דאָס האָב איך געזען באַלד נאָך די ערשטע זיצונגען אין די קרייזן, באַלד נאָך די ערשטע שמועסן מיט כסידישע פאַבריק־מיידלעך, האָבן אויגן געלויכטן, ליפן געשמייכלט, אָנגעבאָטן זיך צו פאַרשפרייטן בלעטלעך, צו שטיין אַלס אַ פאַטרול באַ דעם טויער ביז איך וועל קענען גיין אַהיים, ווען די גאַס וועט זיין „ריין".

אָט אַזוי געדענק איך מיין טיפע צוגעבונדנקייט צו

אַ יונגער, שיינער, מאָטיקער מיידל, אַ נופערן באַ שעפּסן אין פאַבריק, וועלכע איז געווען אין מעשעך פון קימאַט דריי יאָר מיין פאַרבינדונגס־כאַווערטע צווישן דעם קאָמיטעט פון „בונד" אין לאָדזש און דער פּראָווינץ, און מיר. דורך אירע הענט איז דורכגעגאַנגען מיין באַזוך אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון לאָדזש, און פון די קליינע וועבער־שטעטלעך אַרום זדונסקאַ־וואָלאַ, זגיערזש, פּאַביאַניץ, טאָמאַשאָוו, ווידזעוו. און פון די אַלע ערטער האָט מען מיך „געפאָדערט", ווי זי פלעגט מיט אַ ליבן, קלוגן שמייכל מיר זאָגן. דער עמעס אָבער איז געווען, אַז זי האָט מיך רעקאָמענדירט אַהין, כאָטש אין דער וועבער סכאָדקע זיינען געווען נאָך פיר אָדער פינף אַנדערע רעדנער און אַקטיוויסטן. הודעס פלעגט זאָגן צו די אָנוועזנדע, זיי האָבן „באַפוילן", אַז עס זאָל קומען גענייאַ — „ווייל זיי האָבן געהערט אַז זי גייט איבעראַל". (דאָס האָט געזאָלט מיינען, אַז איך זאָג זיך נישט אָפּ, ווי עס פלעגן טאָן אַנדערע, וואָס זיינען, ווי איך, נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע טוער, דאָס הייסט: נישט געווען אויסגעהאַלטן פון דעם „בונד", נאָר זיי האָבן זיך אַליין אויסגעהאַלטן.

זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט נישט צו גיין איבעראַל, אָדער נישט צו פאָרן אַף דער פּראָווינץ, ווייל זיי זיינען געווען, ווי איך, פרייוויליקע טוער. אָבער איך פלעג זיך נישט אָפּזאָגן פון קיין פאַבריק אָדער וואַרשטאַט, ווי קאָנסערוואַטיוו עס זאָלן נישט זיין די אַרבעטער דאָרטן.

עס איז אַלץ געווען איינגעשטעלט זייער פּרימיטיוו: איך פלעג אַליין צאָלן מיינע אויסגאַבן, די טראַנספּאָרטאַציע. דאָס מאַנעווּרירן קעגן שפּיצלעס האָט אַמאָל אַ סך געקאָסט. מען האָט געמוזט זיך שיין אָנטאָן, פאָרן מיט אַ דראָזשקע, זיך אָפּשטעלן אין עלעגאַנטע צוקערניעס (קאַפעס). דורכן טאָג פלעג איך פאַרדינען דורך לערנען קינדער אין אַ שול, און דער אָוונט איז געווען פון 3 נאָכמיטיק אָן פאַר מאַסן־פאַרזאַמלונגען. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן זיך פרעגן באַ מיר וועגן מיינע מאַטעריעלע מיטלען אָדער באַדינגונגען. מיר אַליין איז דאָס אויך ניט איינגעפאַלן. איך האָב געפילט אַ געוויסע שעמעוודיקייט צו בעטן געלט פאַר די אַלע נויטיקע אויסגאַבעס. פאַרקערט: איך פלעג אַליין געבן אַ מאָנאַטלעכן בייטראָג פון 5 רובל, אָדער געבן די ווינונג פון מיינע עלטערן פאַר אַן אומלעגאַלער קאָמיטעט־זיצונג, קעדיי צו פאַרשפּאָרן אויסגאַבן.

מיך האָט מיט דער הודעס פאַרבונדן אַ געוויסע ענלעכקייט אין טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער. מיר ביידע האָב אויך געהאַט מאַזל: אין אַלע אונדזערע גענג און אומלעגאַלע אַקציעס האָט מען אונדז קיינמאָל נישט „געכאַפּט". אַלץ פלעגט זיך ענדיקן בעשאָלעם. הודעס איז געווען פאָרזיכטיק, געניט אין שטעלן גוטע כאַווערים צו פּאַטרולירן באַם פאַבריק־טויער. איינמאָל זיינען מיר ביידע אַוועק צען מינוט פאַרן אָנקומען פון דער פּאָליציי, ווען אַ באַלעבעסל פון אַ וואַרשטאַט האָט זי געמאַסערט. אַ ווייטערדיקער פּאַטרול, מיט דריי גאַסן אָן אַ זייט, האָט אונדז געמאָלדן, אַז „מען גייט", און מיר האָבן גאַנץ רואיק פאַרענדיקט אונדזער אַרבעט דאָרטן. יאָ, הודעס איז געווען מיין ליבסטע כאַווערטע. זי האָט געהאַט אַ געזונטן כוש און האָט אָפט אָרגאַניזירט די מיטינגען אַזוי, אַז צו די מענער, די וועבער און שערער, זאָל קומען אין דער אייגענער צייט אַ פריינט מיינער, אַ גוטער רעדנער און שיינער באָכער, אַרקאַדי דלוגאַטש, פון דער לאָדזשער סטודענטן־גרופּע, אַזוי אַז מיר זאָלן קענען גיין צוריק צוזאַמען. זי האָט מיר שטענדיק געזאָגט, אַז מיר ביידע זיינען די צוויי בעסטע אַקטיוויסטן און אַז דער „אוילעם" האָט אונדז אַמערסטן ליב... ווען מיר האָבן זיך מיט יאָרן שפּעטער געטראָפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז מיין פריינטס ערשטע פראַגע געווען: „געדענקסטו די קלוגע הודעס?" מיט ווייטיק האָב איך, אין 1912, זיך דערוווּסט אין לאָדזש, אַז זי איז געשטאָרבן פּלוצלינג, נאָך אַן אָפּעראַציע. עס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן דעם שיינעם בלאָנדן קאָפּ האָר, מיט די לאַכנדיקע בלויע אויגן — טויט!

צווישן די אַרבעטער פון דער וועבער־סכאָדקע האָב איך אַ באַזונדערן דערעכערעץ און ליבשאַפט געהאַט צום הויכן, שטרענגן, דרייסטן און מוטיקן יאַנקל קאַציק. ער האָט נישט געהאַט קיין „געטער", אַזוי צו זאָגן, נישט געבוקט זיך נישט פאַר די „אינטעליגענטלעך", ווי ער פלעגט זיי אָנרופן, נישט פאַר די „קאָמיטעטשיקעס פון בונד", נישט פאַר זיינע מייסטערס אין פאַבריק. ער איז געווען אַ פרייער מענטש. שטענדיק אַליין, אָן אַ מיידל אַרום זיך, אַ שטיק ציגיינער, אָדער אַ גאָרקי־באָסיאַק. אָבער אין דער אַרבעט איז ער געווען — טיף־ערנסט, פליכטמעסיק, דיסציפּלינירט.

איך געדענק אַ זיצונג פון דער הויפּט־סכאָדקע, וווּ עס האָט געדאַרפט איינגעפירט ווערן אין לעבן דער נייער פּרינציפּ פון „דעמאָקראַטיע" באַ די וואַלן צום קאָמיטעט. די דיסקוסיע האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווייל די מיטגלידער פון אַלטן קאָמיטעט האָבן זיך נישט געקענט אייניקן אַף אַ רעזאָלוציע, און מאָרגן האָט מען באַדאַרפט אויפשטיין צו דער אַרבעט. אין די גאַסן פון באַלוט האָט געבושעוועט דער רויצייעך נאָסעק, אַ סטראַזשניק, וואָס פלעגט אייגנוויליק אַרעסטירן און שלאָגן. און דאָך האָט קיינער נישט פאַרלאָזן די זיצונג. ביז מען האָט דערהערט דאָס בורטשען פון יאַנקל קאַציק אין זיין ווינקל: „איך האָב מוירע, אַז באַ אָט דער דיסקוסיע וועט זיך פון דער „דעמאָקראַטיע" אויסלאָזן אַ בוידעם"...

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל אָפּצולייגן די דיסקוסיע אַף אַ צווייטן מאָל און זיך אַביסל צוקוקן צו קאַציקן... ער האָט, ווי איך האָב שפּעטער געהערט אין אייראָפּע, דורכגעמאַכט אַ גרויסע פּאָליטישע איבערקערעניש, געווען אַ צייט נישט אַקטיוו און געקומען אַהער קיין אַמעריקע. מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן באַ די וועבער, דאָס מאָל באַ די „פּעטערסאָנער". יאַנקל קאַציק איז דער אייגענער וואָס אַמאָל, בלויז דער קאָפּ איז געוואָרן גרוי און דאָס בורטשען אַביסל העכער. זיין גרויסער ווּנטש צו זען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז מעקוייעם געוואָרן און ער לעבט פון און מיט יענע טעג אין זיין וועבער־שטעטל פּעטערסאָן...

אָט אַזוי גייען דורך אין אַ לאַנגער ריי די געשטאַלטן פון די טוער און טוערנס פון יענע דריי יאָר: וויקטאָר (טאַראַס), וועלכער איז געבליבן אין רוסלאַנד און אַרבעט היינט אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין אַ סאָוועטישער אינסטיטוציע. פרידאַ, שאַמע, דאַשע — די דעמאָלט פאַר מיר גאָר גרויסע טוער, וועלכע זיינען געווען אין צענטראַלע איינריכטונגען און וועלכע האָבן געלייגט „גרויסע האָפענונגען" אַף מיר. די האָפענונגען האָב איך צעשטערט, מיט יאָרן שפּעטער, דורך מיין הייראַט מיט מע־

דעמען, אין 1910, ווען ער האָט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל צוריק פאָרן קיין פוילן אַרבעטן. איך געדענק דעם לעבעדיקן, ענערגישן — „ראַוווימטשיק", וועלכן איך האָב אויך דאָ, אין אַמעריקע, געטראָפן; דעם ענערגישן אָפּטימיסט עפראַים לוזער, פון די שטורעם־ווערקער, וועלכער האָט, צווישן 1905 און 1945, נישט געביטן אַף אַ האָר זיין סכאָדקע־פּסיכאָלאָגיע און זיין „וועלט־אַנשווונג"... ער האָט בלויז געביטן זיין אַדרעס פון לאָדזש אַף ניו־יאָרק.

און איך געדענק אַ גאַנצע ריי אַרבעטער־פיגורן פון העכערן מין: כאַימל פּראָפעסאָר, אַווראָם שטערן, שייע זיסקינד, דער באַיאָוועץ, כאַיעלע, די שניידערן און איר כאַווער, דער הויכער אַווראָם, שמועל־יוינע מאַרקוס, דער ערשטער וועבער, וואָס איז אַוועק אין נעראַ, דייטשלאַנד, אין 1908, און האָט דאָרטן אָרגאַניזירט אַ וועבער־קאָלאָניע. פאַרן אָפּפאָרן האָב איך אים געלערנט דייטש און די כאַוויירים האָבן אים דאָס נישט געקענט מויכל זיין: ווי אַזוי גייט מען עפּעס באַמיען געניען, וואָס אַרבעט אַ גאַנצן טאָג בײַ לעקציעס מיט קינדער? (די לאָדזשער האָבן נישט אַנדערש מיך גערופן ווי „געניע", כאָטש איך האָב געפּרוווט האָבן אַ פּסעוודאָנים. עס האָט נישט געהאָלפן. איך בין ביז היינט בײַ רעלען, בײַ קאַציקן, בײַ דווירע וויגאָדזקי אין קאָפּענהאַגען, נאָך אַלץ: „געניע"!

עס קומען אפן זיקאָרן נאָך פּענימער, נאָך נעמען, וועלכע מען טרעפט אין דער בראָנקס אין ניו־יאָרק, אין לאָס אַנדזשעלעס, אין מינסק און אין אָדעס, פון יענע אַלטע גוטע יאָרן, ווען אַ קלוטשניק אין טפּיסע האָט מוירע געהאַט אויפצוהייבן אַ האַנט אַף אַ פּאָליטישן — מעג ער אפילו זיין אַ באַלוטער ייד — ווייל הינטער אים זייַנען געשטאַנען כעווירע, וואָס פלעגט אָנברעכן די ביינער נאָכן אַרויסגיין פון דער טפּיסע. זיי שטייען פאַר מיינע אויגן. איך קען נישט זייערע נעמען — די הונדערטער און טויזנטער פון די לאָדזשער וואַרשטאַטן און אָרעמע באַלוטער שטיבלעך — אין קיעלעמס געסל, אַף פּולנאָצנע גאַס, אין וואָסכאָדניע, ווו איך האָב זיך באַקאָנט מיט מיין אַלטן פריינט, י. ב. ביילין, דעמאָלט ייסראָעל־בער, פּירער פון די פּריקאַזשטשיקעס.. איך זע זיי נאָך יונג און שטאַרק גייסטיק, ווי איך האָב זיי געזען אין אונדזער יוגנט. עס שטייט שיינדל, מיין כאַווערטע פון אַרעסט און טפּיסע. עס קומט אפן זיקאָרן דער גאַסט פון ווייס־רוסלאַנד, דער ערשטער גרויסער רעדנער, וואָס מיר האָבן געהאַט אין לאָדזש: באָרוך, דער „יונגער לאַסאַל", וועלכן מיר, אַ גרופּע יונגע מוטיקע כאַוויירים האָבן אַרויסגעפירט פון לאָדזשער מאַנעזש, ווו ער איז געווען אַרעסטירט מיט נייַנציק יידישע בעקער, בעיים איך האָב געדאַרפט פאַרפירן אַ שמועס מיט דעם דיזשורנעם אָפּיציר... לאַסאַל, דער שפּעטערדיקער אָלדערמאַן פון ניו־יאָרק און אַדמיניסטראַטאָר פון „פאָרווערטס" — ב. וולאַדעק (טשאַרני)...

דער קרייז ווערט קלענער, ערגעץ ווו לעבט כעניע, אַ וועבערן אָדער נופערן; ערגעץ ווו געפינט זיך אין בראַייטאָן אַ קינד פון „מוישע באָסיאַק", פון דער קאַצאָווישער סכאָדקע אין לאָדזש, וועלכער איז בײַ אונדז געווען ד'ער הויפּט־באַיאָוועץ, צוליב זיין געזונטן אויסזען און זיך קאָנען באַנוצן מיט אַ „שפּייער".

ווו זיינען די איבעריקע היינט? דאָס ביסל, וואָס איז נאָך געווען אין לאָדזש, אָדער וואַרשע, אָדער אַנטוווערפּן און פּאַריז, האָט פאַרניכטעט דער מעסער פון נאַציזם... מיט זיי איז אַוועק אַ שטיק פון אונדזער יוגנט און פון אונדזער קאַמף. און אָפּט — פון פּאָשעטער מענטשלעכער העלדישקייט, ווען דעם פאַרוווּנדעטן העלדישן כאַווער מוצעק האָט מען אין 1905 פאַר די אויגן פון סטראַזשניקעס, אָפּגעפירט אין אַ שטוב, ווו מען האָט אים געלייגט אין גיפּס און פונוואַנען מען האָט אים שפּעטער אַ לאָמען, אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד. כאַוויירים האָבן ריזיקירט זייער לעבן צוליב כאַווערשאַפט. גענומען אויספירן אין לעבן די גוואַלדיקע אַרבעט פון איבערבויען זיך אַליין און דורך דעם — די מענטשהייט!

איך פלעג זען, מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער, טרערן אין פאַרעלטערטע אויגן, ווען איך האָב ערגעצווו אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אָן אַ זייט פון די ברייטע שליאַכן, גערעדט וועגן דער אַלטער היים און וועגן איר געראַנגל, שוין מיט אַ דאָר שפּעטער, מיט דער אַלטער־נייער רעאַקציע... איך האָב געזען זין פון אַמאָליקע געזעלשאַפטלעכע טוער פון לאָדזש אַף די שלאַכטפעלדער אין שפּאַניע, אַ סימבאָל פון דער העכסטער געהייליקטער יערושע.



א. וואָלף יאסני

ייצכאָק קאַצענעלסאָן אין לאָדזש

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט „ייצכאָק קאַצענעלסאָן — דער ירמעיאַהו פון דריטן כורבן")

ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז קאַצענעלסאָן אַ רייפער וואָרט־קינסטלער. זיין וווין־אָרט איז לאָדזש. אָבער דאָס יידישע לאָדזש איז שוין נישט דאָס, וואָס עס איז געווען פאַר 1905. די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס: „האַזאָמיר", „הארפע", „דראַמאַטישע קונסט", די פּויליש־יידישע „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג" (טאָוואַזשיסטוואָ קזשעווייעניאַ אָשוויעטי), וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן, ווי אַ רעזולטאַט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן דאָס „צוגעזאָגטע לאַנד" פאַרוואַנדלט אין אַ יידישן קולטור־צענטער. פון דעם קולטור־צענטער וויקלט זיך ביסלעכווייז ארויס אַ ליטעראַרישער צענטער.

נאָך פריער האָבן דאָ אין דער פאַבריקס־שטאָט געהאַט זייער מאָקעם־מענוכע שרייבער, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. זיי האָבן לאָדזש פאַרלאָזט. קאַצענעלסאָן אָבער איז געבליבן פאַרבונדן מיטן לאָדזשער יידישן מאַסן־לעבן ביז דער היטלעריסטישער בלוט־פאַרפלייצונג...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין לאָדזש איז קאַצענעלסאָן געוואקסן. ליטעראַטור איז נישט געוועזן זיין איינציקע סטיכיע. פון זיין פאָטער האָט ער געיאַרשנט צוויי טאַלאַנטן: דעם פּאָעטישן און דעם פעדאַגאָגישן, און ביידע האָט ער גלייכצייטיק אַנטוויקלט, און ביידע האָבן זיך קעגנזייטיק באַווירקט. ייצכאָק קאַצענעלסאָן איז, דאַכט זיך, געווען דער פּיאָנער פון מאָדערנעם העברעאישן שולוועזן אין לאָדזש. ער איז געוואקסן צוזאַמען מיט די קינדער פון זיין שול.

ייצכאָק קאַצענעלסאָן האָט זייער גוט באַווירקט די קינדער אַלס לערער און דערציער, אָבער נישט ווייניקער האָבן די קינדער געווירקט אַף אים. אין זיינע מיטעלע יאָרן, אין דער צייט צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס, איז קאַצענעלסאָן געווען אין לאָדזש דאָס צעשפּילטע שטיפערישע קינד. פאַרשוווּנדן איז די מאָרעשכוירע, דער וועלט־שמערץ פון די ערשטע שעפערישע יאָרן. דער דיכטער זינגט אין יידיש און העברעיש פריילעכע, שפּילעוודיקע קינדער־לידער און שאַפט גלייכצייטיק ערנסטע דראַמעס און פּאָעמעס.

זיין שטוב — די קאַצענעלסאָן־שטוב — איז געווען אַן עמעסער הויף, אַ הויף פון אַ גייסטיקן פּאָרעץ, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט זיין גאַנצער אַריסטאָקראַטישער מישפּאָכע. דער ערנסטער פאָטער און זיידע

ייצכאַק קאַצענעלסאָן און זיין זון צווי, אין וואַרשעווער געטאָ, 1942.

מיט די קלוגע אויגן, וועלכע קוקן אַזוי גוטמוטיק דורך די גאָלדענע ברילן, די מוטער־באָבע מיט איר וויים־געלאָקטן קאָפּ, וועלכע געדענקט נאָך די לידער, וואָס איר זון האָט איר אַלס ייִנגל פאָרגעלייענט און דאַן כאַנע, „די מאַמע פון די קינדער" — אַזוי האָט קאַצענעלסאָן גערופן זיין פרוי, די אַקערעס־האַבאַיִס... אַכוץ די נאָענטע האָט נאָך קאַצענעלסאָן געהאַט ארום זיך ברידער, שוועסטער און וויטערע קרויווים, אַלע האָבן זיך געוואַרעמט באַ דער גרויסער זון פון קאַצענעלסאָנס הויז.

ייצכאָק קאַצענעלסאָן האָט אָבער געלעבט נישט נאָר פאַר זיין מישפּאָכע. זיין שטוב איז געווען דער לאָדזשער ליטעראַרישער און קונסט־צענטער. דאָ אַהער זיינען געקומען יונגע שרייבער, קעדיי צו באַקומען סמיכע, דאָ האָבן זיך געזאַמלט דיכטער, מאַלער, מוזיקער און אַרטיסטן, קעדיי פאַר קאַצענעלסאַנען פאָרצוברענגען זייערע שאַפונגען. פון דער שטוב זיינען ארויס נייע ליטעראַרישע שטרעמונגען. דאָ האָט געפונען זיין אָנשפּאַר מוישע בראָדערזאָן מיט זיין „יונג־יידיש".

קאַצענעלסאָן איז געווען אַ ציעניסט. אים האָבן גוט געקענט די כאַלוצים, מיט וועמען ער פלעגט זינגען צוזאַמען און טאַנצן די הוראַס. אָבער נישט ווייניקער האָבן אויך אים געקענט די בונדיסטן און לינקע פּויאַלע־ציען. די יידישיסטישע שולן אין לאָדזש, די באָראָכאָוו און מעדעם־שולן האָבן נישט איינמאָל אָרגאַניזירט קינדער־פאָרשטעלונגען מיט קאַצענעלסאָנס לידער אונטער זיין דירעקטער אָנפירונג. אַ גרויס האַרץ האָט געקלאַפּט אין דער ברוסט פון העברעאיש־יידישן דיכטער. אַ הייסער, ליבע־שטראָם האָט געשלאָגן פון אים צו אַלע יידן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט.

לאָניאַ בימקאָ*)

קלעפּסידרע

(דעראינערונגען פון
לאָדזשער געטאָ)

קלעפּסידרעס" — האָט מען אין לאָדזשער געטאָ גערופן די נעפּאַשעס, וועלכע האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין ענלעכקייט צום אויסזען פון נאָרמאַלן מענטשן.

דאָס זיינען געווען שאָטנס פון אַמאָליקע מענטשן; סקעלעטן מיט אויסגעלאָשענע אויגן, שפּיציקע נעז, איינגעפאַלענע באַקן, בינטלעך הויט און ביינער, שוין אָן מאַרך, און מען האָט נישט געוווסט ווי אַזוי זיי האַלטן זיך נאָך צוזאַמען און צעשיטן זיך נישט.

אָבער לאַנג האָבן זיי זיך נישט געהאַלטן. קלעפּסידרעס זיינען דאָך שוין געווען אָפּגעשטעמפּלט פון מאַלעכהאַמאָוועס.

דער מאַלעכהאַמאָוועס האָט אָבער אין לאָדזשער געטאָ פּאָשעט זיך נישט געקאָנט קיין אייצע געבן. גאַנצע מאַכנעס טויטע. די מיינסטע זיינען איינגעשלאָפן ווי הינדלעך. געפאַלן ווי די פליגן. זיי פלעגן איינשרומפּן פון טאָג צו טאָג, פון שאָ צו שאָ. ביז עס האָט שוין מער ניט געהאַט וואָס צו שרומפּן.

די דייטשן זיינען געווען גוטע דיפּלאָמאַטן. זיי האָבן געגעבן דער געטאָ־באַפעלקערונג לעבנס־מיטל־ראַציעס, וואָס האָבן געקרוינט זייער ציל: אויס־ראָטונג!

עס איז אַ שאָד צו פאַרווענדן קוילן, גאַז, קרעמאַטאָריומס. עס איז אויך שענער פאַר דער וועלט ווען אידן — כאָטש אַ טייל — שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. און ביז דעמאָלט נוצט מען נאָך אויס זייערע אַרבעטס־קרעפטן.

אין געטאָ האָט מען זעלטן געזען אַ פערד. אַ פערד מוז מען דאָך געבן עסן, ווען נישט פאַלט עס אַוועק. און — אַ פערד — איז אַ שאָד עס זאָל פאַלן...

מיט געטאָ־מענטשן איז לייכטער.

האָבן זיך טאַקע מענטשן איינגעשפּאַנט אַלס פערד און געצויגן פאַרשידענע לאַסטן. אויך טינדלעך מיט אַסעניזאַציע.

און נישט בלויז דערוואַקסענע, אויך קינדער — צוזאַמען מיט זייערע מאַמעס און טאַטעס, האָבן געשלעפּט פון פרי ביזן אָוונט, די טינען, וועלכע האָבן שוין פונוויטנס געדרייט די נאָז און געריסן אין האַלדז מיט זייער געשטאַנק. דערפאַר האָבן זיי געקראָגן אַ צוגאָב: נאָך אַ ביס לעבנסמיטל. און דאָס האָט געלאָקט. דאָס האָט אַנטשיידן וועגן לעבן און טויט.

די דייטשן האָבן אָבער אויך באַוויזן צו קענען זיין לאַרזש (Large, צו איין צוועק זיינען יאָ געווען פערד. פאַר די אַגאַלעס אַרויסצופירן די טויטע. זיכער דערפאַר ווייל ווען מענטשן וואָלטן געשלעפּט, וואָלטן זיי זיך דערמיט נישט געגעבן קיין אייצע. די אַגאָלעס האָבן געאַרבעט פון מאָרגן־גרוי ביז שפּעט אין דער נאַכט. יעדער וואָגן האָט געפירט פיר טויטע — צוויי אונטן און צוויי אויבן. די אויבערשטע מייסים זיינען קוים עפּעס געווען צוגעדעקט מיט אַ שמאַטע און זייער אָפּט האָט זיך אַרויסגעגליטשט אַ טויטע האַנט, אַ פוס, אָדער גאָר אַ קאָפּ. דאָס האָט אָבער אויף קיינעם שוין נישט געמאַכט קיין ווירקונג. מען האָט עס שוין צו אָפט געזען, עס זאָל נאָך ווירקן! און קיינער האָט נישט געוווסט, צי באַלד וועט מען אים אַזוי נישט פירן. כאָטש אין יעדן איז געווען אַ שטאַרקער ווילן צום לעבן.

באַם אָנהויב האָט די נאָענטע פאַמיליע נאָך געקענט באַגלייטן די מייסים ביז צום בייס־האַקוואָרעס. דערנאָך, אָבער, האָבן עס די דייטשן פאַרבאָטן. בלויז די באַלעגאָלעס האָבן געפירט די וועגענער מיט די מייסים. שנעל, זייער שנעל, ווי מען פירט פלייש אין די יאַטקעס אַריין. קיינער האָט נישט געוווסט ווו זיין טאַטע, מאַמע, שוועסטער אָדער ברודער ליגט. די באַדינגונגען האָבן אַזוי געווירקט, אַז מען האָט שוין פאַרלוירן אַלץ וואָס איז שיין און מענטשלעך. מען האָט פאַרלוירן דאָס געפיל, מען איז געווען באַטויבט. מען איז געוואָרן כייעס.

שוועסטער און ברידער, מענער און פרויען האָבן איינער באַם אַנדערן דאָס ברויט געגאַנוועט. צו דעם אַלעמען האָט דערפירט דער הונגער. נישט זעלטן זיינען געווען פאַלן, ווען פאַמיליעס האָבן די קערפּערס פון זייערע מייסים געהאַלטן אין שטוב לאַנגע טעג, אַפילע אין די היצן, קעדיי דערווייל צו באַקומען די לעבנס־מיטל־ראַציע אָפּן נאָמען פון דער פאַרשטאָרבענער פּערזאָן (איידער זי ווערט אויסגעמאָלדן). איין ביסן, איין קעזאַיעס איז געווען אַ לעבנס־פראַגע.

*
**

אין געטאָ איז אויך געווען אַ פלייש־צעטיילונג. צוויי הונדערט גראַם פערדן־פלייש מאָנאַטלעך. די 200

---

*) לאָנאַ בימקאָ — איז אונדזערע אַ לאָדזשער לאַנדסמאַנקע, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַלע „שבעה מדורי גהינם" פון די נאַציס. זי געפינט זיך איצט מיט אונדז אין בוענאָס־איירעס. אין די צוויי אַרבעטן אין אונדזער אויסגאַבע ־ברענגט זי אַרויס נאָר אַ טראָפּן פון דעם ים צאַרעס און פּיין, וואָס זי האָט איבערגעלעבט.

גראַם זיינען באַשטאַנען פון 60 — 70 גראַם פלייש, און דאָס רעשט — ביינער. אָבער אַ ביין אין לאָדזשער געטאָ האָט אויך געהאַט אַ ווערט. דעם טאָג, ווען מען האָט אָפּגענומען די פלייש־ראַציע איז מאַמעש געווען אַ יאָנטעוו. עס איז אָבער נישט אָנגעקומען לייכט דאָס צו באַקומען. מען האָט געמוזט לאַנגע שאָען שטיין אין ריי, ווערן געשטופּט און געשטויסן; אויסהערן געשרייען און קלאָלעס אָפט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דערנאָך ערשט איז נישט איינמאָל אויסגעקומען אַהיימצוגיין מיט גאָרנישט. און, אַז מען האָט די ראַציע נישט אָפּגענומען ביז אַ געוויסן טערמין האָט מען זי שוין נישט באַקומען.

איינמאָל בין איך געשטאַנען אין דער ריי אָפּצונעמען דאָס פלייש. עס איז שוין געווען דער לעצטער טאָג. אייניקע מאָל האָב איך שוין געהאַט פאַרלוירן די רעכט אַף מיינע ראַציעס, צוליב דעם וואָס איך פלעג קיין קויעך נישט האָבן זיך צו דערוואַרטן אַף מיין ריי. דאָס מאָל האָב איך אָבער באַשלאָסן עס דורכצוזעצן. מיטן געדאַנק האָב איך מיך שוין מאַמעש באַלעקט ווען איך האָב געטראַכט וואָס פאַר אַ ביגוס איך וועל מיר מאַכן פון דעם פלייש. אַזוי זיינען אַוועק לאַנגע שאָען און די ריי האָט זיך נישט גערירט. פון הונגער האָט מיר שוין געשווינדלט פאַר די אויגן. איך האָב געציטערט עס זאָל ווידער נישט אויספעלן, און איך האָב מעקאַנע געווען די גליקלעכע וואָס זיינען אַוועק פון דעם לאָדן מיט דעם שטיקל פלייש אין דער האַנט.

פלוצים — ווי עס פלעגט אָפט טרעפן — האָט זיך פונקט פאַר מיר אַריינגעשטופּט אַ מאַן, וועלכער האָט נאָך געהאַט שטאַרקע פויסטן. איך חאָב פּראָטעסטירט און אים געזאָגט, אַז עס איז נישט ריכטיק אַזוי צו האַנדלען. איך וואַרט שוין אַזויפיל שאָען. דערויף האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער:

— קלעפּסידרע, דו רעדסט נאָך אויך? עס איז דאָך נאָר אַ שאָד דאָס פלייש וואָס דו וועסט קאַליע מאַכן. עס וועט דיר שוין בעמיילע גאָרנישט העלפן. דו ביזט דאָך שוין אַ „קלעפּסידרע".

אין איין מינוט האָב איך פאַרגעסן וועגן די ביגוס, וועגן וועלכע איך האָב ערשט געטרוימט; עס זיינען פאַרשוואונדן די אַלע גוטע טאַמען, וואָס איך האָב שוין געפילט אין מויל און די אַלע גערוכן ,וואָס האָבן מיר שוין פריער מאַמעש געהאַט געקיצלט אין דער נאָז.

איך בין אַרויסגעלאָפן פון דער ריי ווי עמיץ וואָלט מיך געיאָגט. איך בין געלאָפן אַזוי אַף וויפל מיינע קויכעס האָבן עס דערלויבט, אַבי שוין צו זיין אין דער היים.

אַריינגעלאָפן אין שטוב, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן דעם האַנט־שפּיגל, אַוועקגעוואָרפן זיך אַף בעט, מיט אַן עק פון קישן זיך פאַרשטאָפּט דאָס מויל די שכיינים זאָלן נישט הערן מיין געוויין, אַלץ אין מיר האָט געוויינט.

נערוועז און פלייסיק האָב איך אין שפּיגל שטודירט די שטריכן פון מיין פּאָנעם: „יאָ, ליידער איז דער מאַן גערעכט. איך בין אַ קלעפּסידרע. הייסט עס, דער טויט האָט מיך שוין געצייכנט. איך געהער שוין צו אים! עס פעלן בלויז געציילטע טעג. און עפשער גאָר שאָען? —

איך האָב זיך אַ שטאַרקן ריס געטאָן ווי מיט דעם וואָלט איך אָפּגעשאָקלט פון זיך די טרויעריקע ווירקלעכקייט. ניין, ניין, ניין — האָט געוויינט אין מיר — איך וויל נישט שטאַרבן. איך וויל דערלעבן צו זען די מאַפּאָלע פון אונדזער בלוט־סוינע...

און עפשער האָט אָט דער ציל מיר געגעבן מוט און קראַפט אויסצוהאַלטן און איבערצולעבן די שווערע טרויעריקע יאָרן אין לאָדזשער געטאָ און אין די גרויזאַמקייטן פון אוישוויץ און אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן?...



טליִעס אַף די גאַסן פון זדונסקאַ־וואָליאַ

א. אייזענבאַך (לאָדזש)

די יידישע ליטעראַריש־קינסטלערישע מישפּאָכע אין לאָדזשער געטאָ

(אין דער העלפט 1944)

אין דער העלפט יוני 1944 האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער טראַגישער אַקט אין לעבן פון די אין געטאָ פאַרמאַכטע לאָדזשער יידן. נאָך דער פאַרניכטונג פון צענדליקער טויזנטער יידן דורך שקלאַפישער אַרבעט, עפידעמיעס, הונגער, נאָך דער אויסראָטונג פון קנאַפע הונדערט טויזנט יידן דורך אַרויסשיקן זיי אין אַרבעטס־ און טויטן־לאַגערן, איז אין דער העלפט 1944 געבליבן אין לאָדזשער געטאָ סאַכאַקל אַן ערעך 70 טויזנט יידן. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו לאָדזש. די דאָזיקע גרעסטע דאַן יידישע קעהילע, וואָס האָט זיך נאָך געפינען אַף דער פוילישער ערד, האָט געלעבט מיט דער האָפענונג פון באַלדיקער אויסלייזונג פון היטלעריסטישן יאָך. דאַן איז געקומען דער טראַגישער באַשלוס פון דער דייטשער מאַכט צו ליקווידירן דעם געטאָ. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געיעג אַף מענטשן. פון 23טן יוני ביז דער העלפט יולי 1944 אָן איבעריים זיינען אַרויסגעגאַנגען טראַנספאָרטן פון לאָדזשער געטאָ אין אָשוויענטשימער פאַרניכטונגס־לאַגער און נאָך אַ קליינער האַפסאָקע האָט זיך אין די ערשטע טעג אויגוסט אָנגעהויבן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון געטאָ.

אין דער דאָזיקער צייט, ערעוו דער ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ, האָט דאָ געלעבט אַ באַדייטנדיקע גרופע יידישע שרייבער, מאָלער, אַרטיסטן און מוזיקער. די דאָזיקע ליטעראַרישע און קינסטלערישע גרופן, די שעיירים־האַפלייטע פון דער אַמאָל אַזוי רייכער ליטעראַרישער און קינסטלערישער מישפּאָכע אין פוילן, האָבן געפירט אַ לעבעדיקע שעפערישע טעטיקייט אין געטאָ. ביפראַט איז דאָס נויגייע דער שרייבער־גרופע, וואָס האָט געפירט איר טעטיקייט בעסאָד, אונטער דער אָנפירונג פון י. ראָזענשטיין און געגרייט ליטעראַרישע אַרבעטן.

אַ כוץ די אַ. ג. „איינהיימישע” יידישע שרייבער און קינסטלער האָט נאָך אין לאָדזשער געטאָ געלעבט אַ באַדייטנדיקע גרופע אויסלענדישע יידישע שרייבער, זשורנאַליסטן און קינסטלער, וואָס זיינען אַהערגעבראַכט געוואָרן אין אָקטאָבער־נאָוועמבער 1941 צוזאַמען מיט קנאַפע 20 טויזנט מיירעוו־אייראָפעאישע יידן. אייניקע פון זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן די שווערע, אוממענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען פון לאָדזשער געטאָ און זיינען פריצייטיק אויסגעגאַנגען אין גרויסער נויט.

די גאַנצע ליטעראַרישע און קינסטלערישע מישפּאָכע, וואָס האָט געלעבט אין לאָדזשער געטאָ אין דער העלפט יוני 1944, האָט געציילט 70 מענטשן. אין אַ ווענדונג צו כ. רומקאָווסקי פון אַ שפעטערדיקער צייט — (פון 1טן אויגוסט 1944) וואָס איז נויגייע אַ צעטיילונג פון לעבנסמיטל פאַר די שרייבער און קינסטלער (דער דאָקומענט געפינט זיך אין אַרכיוו פון ייד. היסטאָרישן אינסטיטוט) ווערן אויסגערעכנט פאָלגנדע יידישע שרייבער, מאָלער, אַרטיסטן און מוזיקער. מיר גיבן זיי אין דעם סיידער, ווי זיי געפינען זיך אין דער רעשימע:

1. ליטעראַטן, וואָס שרייבן אין יידיש

1. בערלינער נאָטע
2. בערמאַן ל.
3. בריקס ראַכמיעל
4. גערטש יעהודע־לייב
5. גרין שמועל־לייב
6. גאָרפינקעל פייוול
7. גרינוואַלד מאָרדכי
8. גוטמאַן מאיר בער
9. איצינגער ייסראָעל בער
10. יאַנאָווסקי ש.
11. יאַנאָווסקי שימען
12. קוויאַטקאָווסקאַ ריווע
13. יאָאַכימאָוויטש אַווראָ
14. לעווי־ליסנער הינדאַ
15. רייכענבערג בלומע
16. ראָזענפאַרב כאַווע
17. ראָזענשטיין יעשאַיע
18. שאַיעוויטש בינעם
19. שפיגל יעשאַיע
20. אולינאָווער מיריאַם
21. וואָלמאַן מ.
22. וואָלינסקאַ ראָכל
23. זעלקאָוויטש יויסעף

חוץ דעם ווערן אין דער גרופע אויסגערעכנט די מאָלער:

1. ברוינער ייצכאָק
2. לייזעראָוויטש י.

2. יידישע ליטעראַטן, וואָס שרייבן אין אַנדערע שפּראַכן

1. אַבראַמאָוויטש עסטער
2. ציקער אַווראָם
3. פאָגעלבוים מ.
4. האַלפערן טאַדעוש
5. מאַקאָווער פריידע
6. סאַנעק מוישע
7. שפיעוואַק מוישע
8. שטערן הילדע
9. בוני ש. דאָוויד

3. יידישע מאָלער

1. ברוינער ייצכאָק
2. בזשעזשינסקאַ ערנאַ
4. גורעוויטש מוישע
3. עדעלמאַן פייגע
5. גליקסמאַן סאָרע ב.
6. קאַופמאַן נאַכמען
7. קאָוונער יויסעף
8. לוריע לובע
9. שערמאַן שימען
10. שילים הערש
11. שוואַרץ אַלטער פ.
12. לעסמאַן יאַנקעוו
13. לייזעראָוויטש י.

4. יידישע אַרטיסטן

1. נעלקען מוישע
2. פולאַווער מוישע
3. ראָזענבלום שאַמע

5. יידישע מוזיקער און זינגער

1. ד"ר בער קורט — דיריגענט און פיאַניסט
2. באַנדלער עליסאַבעט — פיאַניסטן
3. באַנדלער רודאָלף — זינגער
4. בייגעלמאַן דאָוויד — דיריגענט, קאָמפאָניסט

5. צענדער וואָלף — דיריגענט
6. אייזמאַן מענדל — מוזיקער
7. פעלדשטיין סילוויאַן — דיריגענט
8. קראַפט אַנטאָן — מוזיקער
9. קאַץ ייסראָעל — מוזיקער
10. קאַהנער עסטער — זינגערן
11. קראַפּיווניק יאַכימעק — זינגער
12. לעוויטין ייסראָעל — זינגער, קאָמפּאָניסט
13. ליקיערניק יאַדזשיאַ — פּיאַניסטן
14. לים מאַרעק — זינגער
15. פּיליפּ יויסעף — מוזיקער
16. פּיליפּ העלענע — זינגערן
17. ראָטשטאַט־סרעברנאַגורא בראָניע — מוזיקערן
18. שפּילמאַן אווראָם — מוזיקער
19. טאַובע הענריק — מוזיקער
20. ברין אווראָם־בענעדיקט — זינגער
21. רידער טעאָדאָר — דיריגענט
22. שטיינמאַן נויעך — זינגער
23. טיטעלד בערנאַרד — פּיאַניסט

אין אַנבליק פון דער גרויסער געפאַר, וואָס האָט געדראָט דער לאָדזשער יידישער ליטעראַרישער מישפּאָכע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דייטשער פאַראָרדענונג וועגן אָנהויבן ליקווידירן דעם געטאָ, זיינען געמאַכט געוואָרן ענערגישע באַמיונגען צו באַפרייען די דערמאָנטע ליטעראַטן און קינסטלער פון דער „אויסזידלונגס־אַקציע". אין נאָמען פון די יידישע שרייבער און קינסטלער („איינהיימישע") האָט אַ דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון י. ראָזענשטיין, י. שפּיגל און י. זעליקאָוויטש זיך געווענדעט צו אַדוואָקאַט הענריק נעפטאַלין מיט פאָלגענדן בריוו, וואָס איז דאַטירט דעם 17טן יוני 1944 יאָר:

> „זייער כאָשעווער פריינט,
>
> זינט אַ געוויסער צייט איז אונדז, נאָך געוויסע אָנשטרענגונגען געלונגען צונויפצוגרופּירן די שרייבערישע און אינטעלעקטועל־שעפערישע קויכעס, וואָס לעבן אין געטאָ און פון זיי צו בילדן אַ ליטעראַרישע קערפערשאַפט.
>
> אין אָנזיכט פון די פאָרשטייענדע געשעענישן און אין דער מוירע, אַז מיר, וואָס בילדן, באַם היינטיקן טאָג, דעם איינציקן ליטעראַרישן קערן און נאָכוווקס אין געוועזענעם פּוילן, זאָלן זיך נישט צעפאַלן, האָבן מיר דעם קאָוועד דערמיט זיך צו ווענדן צו אייך, זייער כאָשעווער פריינט, ווי צו דעם, וואָס שטייט צום נאָענטסטן דעם יידישן אינטעלעקט אין געטאָ, אַז איר זאָלט באַוויליקן צו נעמען אין שוץ אונדזער קליינע ליטעראַרישע מישפּאָכע און איר פאַרהיטן פון ווייטערדיקן נאַווענאַד זיין, ביכדיי זי זאָל קענען רואיק טאָן אירע אַרבעטן.
>
> מיט דאַנק אפריער און גרעסטן דערעכערעץ."

אַדוו' ה. נעפטאַלין איז געווען אין לאָדזשער געטאָ דער לייטער פון דער עווידענץ־אָפּטיילונג. האַגאַם ער האָט געשטאַמט פון אַן אַסימילאַטאָרישער מישפּאָכע, האָט ער געהאַט פיל פאַרשטענדעניש פאַר יידישע קולטור־פראַגן. באַם דאָזיקן מעצענאַט פון לאָדזשער געטאָ פלעגט זיך צונויפטרעפן די יידישע ליטעראַרישע און אינטעלעקטועלע עליטע. ער האָט אונטערשטיצט און אין אַן „עת־צרה" גענומען אין שוץ יידישע שרייבער און קינסטלער. אַ דאַנק דעם גרויסן איינפלוס, וואָס ער האָט געהאַט אויף רומקאָווסקין פלעגט זיך אים נישט איין מאָל איינגעבן אָפּצוראַטעווען יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן נישט נויסע־כיין געווען באַם „לאָדזשער מעלעך".

צום דאָזיקן פריינט פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט זיך גלייכצייטיק געווענדעט די „איינגעזידלטע" אין געטאָ שרייבער און קינסטלער־גרופּע. אין איר נאָמען האָט דער פּראָגער זשורנאַליסט ד"ר אָסקאַר זינגער, דער דעמאָלסדיקער לייטער פון געטאָ־אַרכיוו און באַל־פּינקעס פון געטאָ אינטערווענירט באַם אַדוו' נעפטאַלין און איבערגעגעבן אים אַ מעמאָראַנדום וועגן דער געפאַר, וואָס דראָט די דאָזיקע שרייבער און קינסטלער. אַדוו' נעפטאַלין האָט אַרויסגעוויזן פיל פאַרשטענדעניש אויך פאַר דער דאָזיקער גרופּע און צוגעזאָגט צו מאַכן אַלע באַמיונגען צו ראַטעווען די מיירעוו־אייראָפּעישע אינטעליגענץ אין געטאָ. אַ דאַנק זיין שטאַדלאָנעס איז אַ דעלעגאַציע פון ד"ר אָ. זינגער און ד"ר ק. באָנדי (יידישער געלערנטער פון פּראָג) אויפגענומען געוואָרן דעם 9טן יולי דורך איניקע מיטגלידער פון דער צווישן־רעסאָרט־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען אין געטאָ מיט דער „אויסזידלונגס־אַקציע". די צווישן־רעסאָרט־קאָמיסיע איז נאָך דער אינטערווענץ פון אַדוו' נעפטאַלין, געווען לאַהעט צו באַפרייען די יידישע ליטעראַריש־קינסטלערישע גרופּן אין געטאָ פון דער „אויסזידלונג". זי האָט אָבער צוליב פאָרמעלע טאַימים נישט דערלייט דיקט דעם איניען, האַלטנדיק, ווי עס האָט דערקלערט דער דעלעגאַציע דער וויצע־פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע ווינאָגראַד, אַז נאָר רומקאָווסקי איז בעקויעך צו מאַכן וועלכע ס'איז ענדערונגען אין די צונויפגעשטעלטע ליסטעס, אַז דאָס איבערשטייגט אירע קאָמפּעטענצן.

די דעלעגאַציע האָט זיך דעריבער געווענדעט דירעקט צו רומקאָווסקין און נאָך אַ האַלב־שאָעדיקער קאָנפערענץ מיט אים (דעם 9טן יולי), האָט רומקאָווסקי פאַרלאַנגט, עס זאָל אים צוגעשטעלט ווערן אַ גענויע ליסטע פון די פערזאָנען, וואָס דאַרפן באַפרייט ווערן פון דער „אויסזידלונג". דעם 11טן יולי האָבן די אויבן דערמאָנטע 2 פאָרשטייער איבערגעגעבן רומקאָווסקין די פאַרלאַנגטע ליסטע פון דער מיירעוו־אייראָפּעאישער יידישער אינטעליגענץ. נאָכן באַקענען זיך מיט איר האָט רומקאָווסקי דעצידירט, אַז אַלע אויסגערעכנטע אין איר פערזאָנען, דאַרפן זיך דעם 12־טן יולי, 6 אַזייגער אָוונט, מעלדן אין אַרבעטס־אַמט, ווו זיי וועלן דורכגיין אַ פערזענלעכע „מוסטערונג" אין זיין אָנוועזנהייט.

דעם 12טן יולי 1944 — ווי עס גיט איבער די „טעגלעכע" געטאָ־כראָניק" — איז פאַקטיש פאָרגעקומען די פערזענלעכע מוסטערונג. 70 פערזאָן האָבן זיך געשטעלט אין אַרבעטס־אַמט. עס איז נאָר נישט קלאָר, צי האָבן זיך דאָרט געשטעלט אַלע אויבן אויסגערעכנטע יידישע שרייבער און קינסטלער, צי בלויז די „איינגעזידלטע" אין אָקטאָבער 1941 מיירעוו־אייראָפּעאישע אינטעליגענץ און נאָר די צאָל פאַלט זיך גראָד דאָ אויף. די פראַגע וואָלטן געדאַרפט אויפקלערן די לעבנגעבליבענע יידישע שרייבער פון לאָדזשער געטאָ.

אין רעזולטאַט פון דער מוסטערונג, וועלכע עס האָט דורכגעפירט רומקאָווסקי גופע, זיינען אַלע, כוץ

מוישע דאָוויד גיסער

באַלוט

2 פראַגמענטן פון מוישע דאָוויד גיסערס פּאָעמע „יוליוס און מאַרי — 1905״ — וואָס איז לעצטנס דערשינען.

ווער ס'ווייסט פון באַלוט דעם קוואַרטאַל
דער קאָן די אָרעמקייט גענוי.
די שטיבער — פּינצטער, ווי אַ שטאַל,
די מענטשן — אויסגענאָגט און גרוי.

אַף הייף — די קופּעס שמוץ און מיסט
מיט פליגן אויסגעפּאַשעט פּעט.
און אומעטום נאָר ווו דו ביסט —
די שווינדזוכט שפּאַנט, ווי אַ סקעלעט.

די קינדער — בלייך, ראַכיטיש־קראַנק,
אָן טראָפּן בלוט, ווי אויסגעצאַפּט.
און אין דער מיט פון בעט און שאַנק —
אין יעדער שטוב אַ וועב־שטול קלאַפּט.

ביז שפּעט באַנאַכט מען שטריקט און נייט;
אַ סטאָליער הובלט ברעטער גלאַט;
און איבער שטיגן קרום געדרייט
איז דאָ פאַרשטעקט אַ פּאַציאַט.

אַ שטוב וואָס ליגט אין לאַבערינט
פון קראָקוועס, באַלקנס, גלייך און שיף,
מיט נאַכט און שפּינגעוועבס באַשפּינט,
געהיימנעספול, באַהאַלטן טיף.

באַנאַכט — זי גיסט מיט רעגן־בליי;
באַטאָג — זי ליגט אין קעלט פאַרשטאַמפּט.
אין אָט אַזאַ מין צייט באַדאַי —
האָט לאָדזש זיך דרייסט געכאַפּט צום קאַמף.

געשטעלט צום שלאַכט די קאַדרען גרייט,
מיט פלאָקנס, ביקסן, קאָסעס, העק.
און ווי צום שפּאַס, דאָס פאָלק געקליידט
אין קורטקעס, סערמיענגעס און רעק;

און דאָ און דאָרט — אַ פּעלעריין,
אַ בורנוס און אַ שוואַרצער שניפּס.
און נישט געפעלט האָט אויך פון מין —
די לאַנגע קאַפּאָטע פון ריפּס.

דאָס היטעלע פון שוואַרץ געוואַנט...
„אָ קוקטס נאָר אָן — די פאָלקס־מיליץ,
וואָס טראָגט מיט שטאָלץ דעם רויטן באַנד
און האַלט גאַנץ לאָדזש אין איר באַזיץ!..״

לאָדזש אין 1905

אָ, לאָדזש, די שטאָט פון רויך און שטויב,
פון דאַמף און ראַש, פון ליכט־פאַרבלענדט, —
זי איז איצט שטום, און בלינד, און טויב
און הויערט שוואַרץ ווי אַ געשפּענסט.

איין פרוי (עס ווערט נישט אָנגעגעבן איר נאָמען), באַפרייט געוואָרן פון דער „אויסזידלונג״.

אַף אַזאַ אויפן, זיינען אַדאַנק דער ענערגישער אינטערווענץ פון אַדוו' נעפּטאַלין און ד״ר אָ. זינגער דערוויל באַפרייט געוואָרן די יידישע שרייבער און קינסטלער אין געטאָ. ווען דעם 14טן יולי האָט זיך אָפּגעשטעלט (אַף אַ קורצער צייט) די אַקציע אין געטאָ, האָט די ליטעראַריש־קינסטלערישע מישפּאָכע רויק אָפּגע־באַמיונגען פון אַדוו' נעפּטאַלין, האָט זי דעם 17טן באַמיאונגען פון אַדוו' נעפּטאַלין, האָט זי דעם 17טן יולי 1944 צוגעשיקט איר מעצענאַט פאָלגנדן דאַנקבריוו:

„דערמיט האָבן מיר דעם קאָוועד אייך, אַף דעם וועג, אין נאָמען פון אַלע אונדזערע כאַווײרים, אויסצודריקן אונדזער האַרציקסטן דאַנק פאַר דער גרויסער פאַרשטענדעניש, וואָס איר האָט פאַר אונדזער גרופּע, דעם שעיירים־האַפּליטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין געוועזענעם פּוילן, אַרויסגעוויזן.

איצט, נאָך דעם ווי די בעהאָלע איז אַדורך, קענען מיר ערשט מיט דעם גאַנצן יישעוו־האַדאַאַס אָפּשאַצן די גרויס פון דער אַכראַיעס, וואָס איר האָט גענומען אַף זיך, בעיים איר האָט זיך פאַר אונדז איינגעשטעלט. מיר וועלן דאָס אייך טאָמיד צום גוטן געדענקען. נעמט צו אונדזערע האַרציקסטע גרוסן און אויפריכטיקסטן דערעכערעץ״.

אין קורצן נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן די לעצטע, טראַגישע „אויסזידלונגען״. די עטלעכע זיבעציק טויזנט לעבן־געבליבענע יידן זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאָדזש קיין אָשוויענטשים און אַנדערע פאַרניכטונגס־לאַגערן. מיט זיי זיינען אויך מיטגעגאַנגען די לעצטע באַדייטנדיקע יידישע שרייבער און קינסטלער, פון וועלכע בלויז איינצלנע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט.

ראָכל אויערבאַך

די לעצטע טעג פון הערשעלע (דאַניעלעוויטש)

(פון ציקל: וועגן די, וואָס האָבן באַוויזן אויסצושטאַרבן פאַרן גיירעש)

אײנע פון די פאָפולערסטע פיגורן אַף טלאָמאַצקע 13 איז געוועזן דאָס אייביקע יאָסעמל פון דעם ליטעראַטן־פאַריין, דער קליינגעוואַקסענער, פאָלקס־דיכטער מיט אַ קליינוווּקסיקער מוזע, הערשעלע דאַניעלעוויטש, בעקיצער — הערשעלע.

מיט דעם דאָזיקן אַ פאָר און פופציק־יעריקן קינד, וואָס האָט גערעדט מיט אַ דין קעלעכל, האָט זיך דער פאַריין אַלע יאָרן געמוזט פאַרנעמען, ווי מיט אַן עמעסדיק קינד. אויך שוין נאָך דעם, ווי מען האָט הערשעלען מיט מאַזל כאַסענע געמאַכט, געגעבן אים נאַדן און געמאַכט אים אַ געוועלבל אין שטעטעלע הענריקאָוו, וואָס האָט פון דעמאָלט אָן אין ליטעראַרישן לאָשן אָנגעהויבן הייסן „הערשעלאָוו".

קיין הערשעלאָוו פלעגט הערשעלע אַהיימפאָרן מיט דער קאָלייקע אין אָוונט, אַהיימפירן אַ קיישל סכוירע, אַ באַנקעלע נאַפט. איבערן טאָג האָט ער אַמטירט אַף טלאָמאַצקע 13. אַכוץ די האַכנאָסעס פון דעם געוועלבל, אין וועלכן ער האָט געלאָזט שאַלטן און וואַלטן דאָס ווייב מיט דער שוויגער, האָט הערשעלע פאַרדינט אַף פאַרנאָסע דורך קאָפירן מאַנוסקריפטן. מיט זיין שיינעם, פערלדיקן קסאַוו האָט הערשעלע דרייסט געמעגט קאָנקורירן מיט דער שרייב־מאַשין. געוועזן נאָך באַ אונדז מענטשן, וואָס האָבן געקענט אָפשאַצן אַזאַ קסאַוו. פאַר זיי איז הערשעלע געזעסן שאָען און שאָען אין אַ ווינקל באַם פענצטער און מיט האַסמאָדע געאַרבעט. ער האָט באַלאַנגט צו יענע פאָלקסטימלעכע קאַליגראַפיע־קינסטלער, וואָס פלעגן זיך נאָך אין אונדזערע צייטן פאַרנעמען מיט רעקאָרדן פון דעם מין, ווי אַרויפפאַקן אַף אַ פאָסט־קאַרטל דעם טעקסט פון עפעס אַ סייפערל, אָדער פון אַ מאָדערנעם ווערק, אָדער אויסשטעלן פון דעם טעקסט פון אַ ווערק דעם פאָרטרעט פון זיין מעכאַבער. האָט מען גענומען אַ לופע אין האַנט, איז אַלץ געווען צום לייענען. עס האָט נישט געפעלט קיין אָס.

אויך הערשעלע איז געווען אַזאַ „מיניאַטוריסט". אַ קאַליגראַף, אַ סויפער, אויב מען וויל. נישט מער, די הייליקע שורעס, איבער וועלכע ער איז געזעסן און געדולדיק אויסעק געווען, זיינען געווען קורצע שורעס פון לידער. זיינע אייגענע „געזאַמלטע ווערק" מייסטערהאַפט געשריבן מיט געפערלטע מאַנדל־אויסיעס, זיינען אַריין אין איין „באַנד". אין אַ פיצל נאָטיץ־ביכעלע, וואָס הערשעלע האָט ביי זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן אין קעשענע און וואָס האָט זיכער פאָרגעשטעלט מיט זיך איינעם פון די אָריגינעלסטע ביבליאָפילישע „יקר־המציאות" אַף דער וועלט.

הערשעלע (דאַניעלעוויטש)

נישט יעדער איינער האָט געהאַט די זכיע, הערשעלע זאָל אים געבן אין דער האַנט אַריין זיין „באַנד", ער זאָל דאָרט איבערלייענען אַ ליד מיט די כאַראַקטעריסטישע הערשלדיקע גראַמען.

אין זיין יוגנט האָט הערשעלע פאַרבראַכט אַ פאָר יאָר אין דער שווייץ, אין אַ סוויווע פון סטודענטן און פאָליטישע עמיגראַנטן. ער איז געווען אין יענער צייט פערזענלעך באַקאַנט מיט אַ פאָר קאַרפן־קעפ פון דער וועלט־פאָליטיק. הערשעלעס עטלעכע לידער פון יענער צייט זיינען דעמאָלט אַריינגענומען געוואָרן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַנטאָלאָגיע פון אַרבעטער־דיכטונג. הערשעלע פלעגט זיך דערמיט קיין סאַך נישט באַרימען, ער האָט אָבער אין אַ פאַסיקן מאָמענט און מיט דער בעקאָוועדיקער מינע פון אַ מענטש, וואָס איז געווינט צו אַזעלכע זאַכן, און ווערט נישט פון זיי ניספאָעל — ליב געהאַט וועגן דעם צו דערמאָנען און טאַקע טייקעף אַפן אָרט אַרויסגענומען יענע אויסגאַבע און ווייזן זיינע שאַפונגען אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג.

מיט דער שווייץ איז אויך געווען פאַרבונדן הערשעלעס באַרימטער „אַנטאָלאָגישער באַוויז" וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט. דער באַוויז איז געווען צונויפגעשטעלט פון לויטער שאַילעס:

„אין דער שווייץ ביסטו געווען? די בערג האָסטו געזען? און די שטיינער? טאָ, ווער האָט זיי דאָרט אַרויפֿגעטראָגן — איך עפּשער, דו עפּשער? נו, זעסטו שוין, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אַף דער וועלט?"

אויב די שווייצאַריש־פֿראַנצויזישע באַרימערייען פֿון הערשעלען האָבן אַפֿילע געשמעקט מיט סנאָביזם, האָט ער אָבער פֿאַרמאָגט אין זיין פֿאַרגאַנגענהייט אַ מאָמענט, וואָס איז געווען דער סאַמע ערנסטער שטאָלץ פֿון זיין נעשאָמע. דאָס איז געווען דער פֿאַקט וואָס האָט געגעבן הערשעלען סמיכע, מעקאַרעווו געווען אים און אַריינגענו־מען אין דער ליטעראַרישער מישפּאָכע האָט ע ר אַ ל יי ן — ביכווידוי אַוועצמוי פּערעץ! וואָס אין דער יוגנט הערשעלעס, האָט אַף אים גערוט זיין גענאָד.

הערשעלע האָט פֿאַרמאָגט אַ נומער „יאָנטעוו־בלעטלעך", אין וועלכע עס האָט זיך, אונטער דער רעדאַקציע פֿון פּערעצן, באַוויזן זיין ערשט ליד און צווישן די נייע טאַלאַנטן, וואָס פּערעץ האָט אין יענעם נומער אויפֿגערופֿן צו דער ליטעראַטור, האָט פֿיגורירט אויך דער נאָמען פֿון הערשעלען.

אויב הערשעלע האָט געוואָלט עמעצן מעהאַנע זיין, אַרויסווייזן אים רעספּעקט און סימפּאַטיע, האָט ער אַרויסגעשלעפּט יענץ „בלעטל" און געגעבן איבערצולייענען ביידע זאַכן — סיי דאָס ליד, סיי דאָס אָרט אין פּערעצעס אַרטיקל, וווּ עס איז דערמאָנט געוואָרן זיין נאָמען. אָט דאָס איז געווען זיין עמעסער ליטעראַרישער ייכעס־בריוו, וואָס האָט אים געוואַרעמט און געמאַכט גלייך האַלטן זיין רוקן דאָס גאַנצע לעבן. און ווי יענער „כאָכעם, וואָס טראָגט מיט זיך אַלץ וואָס איז זיינס", האָט הערשעלע אויך יענעם אַלטן פֿאַרגעלטן נומער „יאָנטעוו־בלעטלעך", איניינעם מיטן „באַנד" לידער, געטראָגן שטענדיק באַ זיך אין בוזעם־קעשענע — אַפֿן האַרץ.

ווי אַזוי דאָס בלעטל האָט זיך געהאַלטן און איז גאַנץ געבליבן אין מעשעך פֿון אַזויפֿיל יאָרן אין אַ קעשענע פֿון אַ מאַרינאַרקע, דאָס איז שוין געווען אַ סאָד פֿון הערשעלעס קאָפּיסטישער היסקאַרועס מיטן וועזן פֿון פּאַפּיר. אין זיין יוגנט האָט ער, אַגעוו, אויך געהאַט דעם קאָוועד צו קאָפּירן די שאַפֿונגען פֿון פּערעצן.

הערשעלע פֿלעגט אַלע קאָלעגן זאָגן „דו" און אַ סאַך שרייבער פֿלעגן אויך הערשעלען זאָגן „דו", זיך גערן כאַווערן און ברידערן מיט אים. דער שטייפֿער און הויכער סעגאַלאָוויטש, דער קעניג פֿון קראַוואַטן און פֿאָרשטייער פֿון עלעגאַנץ אין יידישן ליטעראַרישן וועלטל — פֿלעגט פֿאָרשטעלן מיט הערשעלען אַ ביז גאָר קאָמיש פּאָרל און פֿלעגט זיך מיט אים ליב האָבן צו פֿאָטאָגראַפֿירן. דער פּונקט אַזוי הויכער, אָבער דאַרער איציק מאַנגער, פֿלעגט, זייענדיק בעגילופֿן באַ אַ גוטער שטימונג, אויפֿהייבן הערשעלען אין דער לופֿטן, נעמען אַרומטראָגן אים פֿאַר זיך איבערן זאַל פֿון ליטעראַטן־פֿאַריין, און יענער האָט געלאַכט און געבאָמבלט זיך אין דער לופֿט מיט די פֿיסלעך פֿאַר נאַכעס.

ווען הערשעלע איז אַלט געוואָרן פֿופֿציק יאָר האָט אים דער פֿאַריין איינגעאָרדנט מיטן גרעסטן קנאַק אַ יובילעי. איך האָב נאָך דעמאָלט אין וואַרשע נישט געווינט און האָב נישט געהאַט די זכיע צו זיין אַף דער דאָזיקער סימכע, אָבער דער שעם אירער איז נאָך דערגאַנגען צו מיר מיט יאָרן שפּעטער.

נאָכן גאַנצן „טראַסק" איז שוין געווען צו שפּעט אַהיימצופֿאָרן מיט דער קאָלייקע קיין הערשעלאָוו, האָט עמיצער — כ׳געדענק שוין נישט ווער — מיטגענומען הערשעלען צו זיך אַהיים און איבערגענעכטיקט אים אַף אַ שוטפֿעסדיקער געלעגער.

„דיין גליק, וואָס דו ביסט נישט מיין ווייב" — האָט זיך אָנגערופֿן הערשעלע, אַ גליקלעכער פֿון אָוונט, ווען זיי זיינען שוין געלעגן אין בעט...

פֿון הערשעלען האָט אויך געשטאַמט איינער אַ באַרימטער אַפֿאָריזם וועגן סקאַרפּעטן. ווען אַ שרייבער (מיסטאָמע סעגאַלאָוויטש) האָט געפֿרעגט הערשעלען — איך געדענק שוין נישט, צי פֿאַר זיין כאַסענע, אָדער פֿאַרן יובילעי — צי וויל ער אַ מאַטאָנע בלומען, אָדער אַ טוץ סקאַרפּעטן, האָט הערשעלע אויסגעקליבן סקאַרפּעטן און געענטפֿערט מיט זיין דין קעלעכל בעזע האַלאָשן:
„בלומען וועלקן און סקאַרפּעטן זיינען אייביק"...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַך, ווי איך האָב זיך פֿאַרגאַלאָפּירט אין דאָזיקן דערמאָנען זאַכן פֿאַרשווונדענע אַף אייביק... אין סאַכאַקל האָב איך דאָ געוואָלט איבערגעבן פֿאַר די לעבנגעבליבענע, ערגעץ אין מערכאָקים פֿאַריאָגטע מיטגלידער פֿון דער אַמאָל אַזוי לוסטיקער ציגיינער־כאַליאַסטרע אונדזערער, נישט מער — אַ גרוס וועגן דעם, ווי אַזוי הערשעלע איז געשטאָרבן.

דער גרוס איז דאַווקע — אין אונדזערע באַדינגונגען — אַ גוטער. הערשעלע איז, גאָט צו דאַנקען, געשטאָרבן פֿאַרן גיירעש. מיט אַן אייגענעם טויט, צווישן אייגענע, אַף זיין אייגענעם געלעגער. ער האָט אויך באַקומען אַן אייגענעם, באַזונדערן קייווער און האָט זוכע געווען צו האָבן אַן אייגענע לעוואַיע.

געשטאָרבן איז ער פֿון הונגער.

ווען מען האָט אַרויסגעטריבן די יידן פֿון הענריקאָוו, איז הערשעלע איניינעם מיט זיין מישפּאָכע, מיט זיין פֿרוי און טאָכטער, מיט דער שווינגער, מעגולגל געוואָרן אַף איינעם פֿון די טרויעריק־באַרימטע פּליטים־פּונקטן, אויב איך האָב קיין טאָעס נישט, אַף די נאַלעווקעס. אַ דאַנק דער ליטעראַרישער פּראָטעקציע האָט מען הערשעלען, ווי ווייט מעגלעך, מעקאַרעוו געווען און אויסגעטיילט פֿאַר אים מיט דער מישפּאָכע אַ באַזונדער שטיבל.

עס איז געשטאַנען די פֿראַגע פֿון פּאַרנאָסע. אויב אַמאָליקע צייטן האָט דער ליטעראַטן־פֿאַריין גענומען אַף זיך דעם אָל הערשעלען צו שטיצן, האָט זיך דעמאָלט געהאַנדלט בלויז וועגן סובסידיעס, וועגן אַ צושטייער צו דער פּאַרנאָסע. די עקאָנאָמישע באַזע פֿאַר הערשעלעס נאָרמאַלן מישפּאָכע־לעבן איז געווען דאָס געוועלבל אין הענריקאָוו, ווו די דאָזיקע מישפּאָכע איז געווען איינגעוואַקסן, פֿאַרפֿונדעוועט אין דער סוויווע. אַן אַרויסגעריסענע פֿון דעם באָדן, אַן אויסגעוואָרצלטע, האָט איצט די דאָזיקע מישפּאָכע פֿון אַ 4 ־ 5 מענטשן — געדאַרפֿט ציען די גאַנצע פּאַרנאָסע פֿון אַ ליטעראַטן־פֿאַריין, וועלכער האָט שוין אייגנטלעך פֿאָרמעל נישט עקזיסטירט.

געווען איז בלויז אַ — ליטעראַטן־ און אַ זשורנאַליסטן־קיך. זי האָט זיך געפונען קוידעם אַף קאַרמעליצקע 5, דערנאָך אַף גראַניטשנע 13, אין דער וווינונג פון „מאָמענט"־מיטאַרבעטער א. מ. אַפּעלבוים. אין אַ שפּעטערער צייט — איך געדענק נישט צי איז דאָס געווען פאַרן איינפירן דעם געטאָ, אָדער אין צוזאַמענהאַנג מיטן געטאָ — האָבן זיך געשאַפן צוויי באַזונדערע קיכן. איינע אַ זשורנאַליסטן־קיך אונטער דער לייטונג פון אַפּעלבוימען אַף לעשנאָ 14, אין וועלכער מען האָט פאַר די צוויי־שפּייזיקע מיטיקן געצאָלט, און אַ צווייטע אַ ליטעראַטן־קיך אַף טלאָמאַצקע 13, אין אָפּיצינע פון דעם זעלבן הויז, ווו עס האָט זיך ביזן יאָר 1938 געפונען דאָס זיץ־אָרט פון פאַריין1). די קיך האָט אַרויסגעגעבן פאַר די מיטגלידער און זייערע משפחות אומזיסטע זופּן און פּעקלעך פּראָדוקטן, אין דער ערשטער צייט אויך עפּעס געלט.

די פאַרוואַלטונג פון דער קיך, אין די פּערזאָנען פון קיפּניס, גאַוזע און רייזפעדער, האָט ביז גאָר ברידערלעך געזאָרגט פאַר די כאַוויירים, וואָס זיינען געבליבן אין וואַרשע. אָנגעווענדט, וואָס נאָר מעגלעך איז געווען, קעדיי דאָס הייפל אין וואַרשע איבערגעבליבענע שרייבער, זאָלן האָבן מיט וואָס איבערצוקומען די שווערע צייט. אויך די דעמאָלדיקע „יידישע מאַכט"2), אין פּרעזידיום פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף זיינען געווען פאַרטראָטן אַזעלכע אייגענע מענטשן, ווי ד"ר רינגעלבלום, יעהוישוע ברוידע, דערנאָך גיטערמאַן; ווי דער „אַפּראָוויזאַציע־מיניסטער" פון „ייסאַ" — ביז דער מילכאָמע אַ שטיקל יידישער קולטור־מעצענאַט — ראַטענבערג — און דער איקער דער ראַטמאַן פון דעם אַפּראָוויזאַציע־אַנשטאַלט, דער באַקאַנטער יידישער קולטור־טוער שמועל ווינטער. די אַלע האָבן זיך באַמיט די ליטעראַטן און שוישפּילער, ווי אויך די מאָלער און מוזיקער, ווי ווייט מעגלעך אַנטקעגנצוקומען. עס איז שוין אין סאַמע אָנהויב אָקופּאַציע געוואָרפן געוואָרן די לאָזונג פון ראַטעווען דעם אַקטיוו פון דער אינטעליגענץ. קיין גוטער ווילן האָט נישט געפעלט, געפעלט האָבן אָבער די געהעריקע מיטלען. די הילף האָט נישט געקלעקט און זי האָט נישט געקאָנט קלעקן.

נישט די זופּעס, נישט די „טרוקענע" פּראָדוקטן, נישט די געלט־שטיצע און האַלוואָעס פון דער ליטעראַרישער קאַסע.

און אַזוי איז הערשעלע — צווישן זיין ווייב און קינד, צווישן ווייב און שווינגער — אויסגעגאַנגען. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן, אָבער ער איז איצט אַרויסגעטראָטן ווי דער עמעסער ראָש פון דער מישפּאָכע. ער האָט קוידעם־קאָל זיי געדאַרפט אָנזעטיקן, זיך אָפּנעמען פון מויל דאָס, וואָס איז אַזוי אויך געווען צו ווייניק.

הערשעלע איז נישט געווען קיין שנאָרער. ער האָט זיך פּריוואַט אַף קיינעם נישט אָנגעזעצט, זיך צו קיינעם נישט געווענדט. ער האָט פּאַשעט און פּראָסט געטאָן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געמאַכט נישט פּאַשעט און נישט פּראָסט: געליטן הונגער. געוואָרן אָפּגעמאָגערט, אויפסניי יינגער געוואָרן עפּשער מיט אַ 20 יאָר. ער האָט שוין איצט אויסגעזען ווי אַ קליין יינגעלע...

איך וויל איבערגעבן, באַ וואָס פאַראַ אומשטענדן איך האָב צום לעצטן מאָל געזען הערשעלען:

דאָס איז געווען אין ווינטער 1941. נאָכן שליסן דאָס געטאָ.

אַפּעלבוים פון „מאָמענט", דער לייטער פון דער זשורנאַליסטן־קיך, האָט איבערגעטראָגן די קיך אין אַן אָפּיצינע, אַף לעשנאָ 14, ווו עס איז געווען אַ גרעסערער זאַל מיט אַן עסטראַדע. די קיך איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „צוויי־שפּייזיקער זעלבסטשטענדיקער קיך" פאַר אינטעליגענטן. 3) אַפּעלבוים האָט דאָ איינגעפירט אין עס־זאַל ליטעראַרישע „שלוש־סעודותן". שאַבעס פלעגן דאָ אַף דער קליינער עסטראַדע געגעבן ווערן פּרעלעקציעס, קליינע קאָנצערטן, רעציטאַציעס, ווי אויך געמישטע פּראָגראַמען. אַף דער עסטראַדע איז שטענדיק געשטאַנען אַ טיש צוגעדעקט מיט אַ ווייס טישטעך, צוויי יידישע לייכטער אַפן טיש וואָס האָבן סימבאָליזירט דעם שאַבעס. די הינטערשטע וואַנט איז געווען פאַרקלעפּט מיט פון פּאַפּיר אויסגעשניטענע פּערציש־כאַסידיש־סטיליזירטע געשטאַלטן. די „קיך" האָט זיך געהאַט אירע מעקוראָווים, אויך צווישן די אָנגעשטעלטע זיינען געווען ליטעראַטן, צווישן זיי דער „טראַנסוועסטיט" מיט די לאַנגע האָר „פּעסי" קאַהאַנע. די פּראָגראַמען פלעגן געגעבן ווערן פאַר אַ מער געשלאָסענעם אוילעם פון איינגעלאַדענע געסט. די שרייבער און קינסטלער האָבן די איינלאַדונגען באַקומען גראַטיס. די געסט זיינען געזעסן באַ טישלעך און אַכוץ דער גייסטיקער שפּייז, באַקומען דערלאַנגט אַ היים גלאָז קאַווע מיט צוקער און דערצו אַ פּאָרציע פּוכקע פרישן קוכן, געבאַקן פון ווייס מעל מיט אַ צומיש פון קאַרטאָפל. אַ לוקסוס און אַן אַטראַקציע פאַר יענער צייט גאָר נישט קיין קליינע. אַ טייל „שלום־סעודותן" זיינען אַגעוו געשטאַנען אַף אַ הויכער מאַדרייגע, ביפראַט, ווען באַם טיש מיטן ווייסן טישטעך איז געזעסן און געזאָגט דיכטערישע טוירע ייסראָעל שטערן, וואָס האָט אין יענער צייט, אַרויסגעוויזן אַקטיוויטעט, מער ווי אין מעשעך פון זיין גאַנצן לעבן.

---

1) ווי באַוווסט, האָט זיך דער פאַריין אין יאָר 1938 איבערגעטראָגן פון טלאָמאַצקע 13 אין אַ לאָקאַל אַפן דריטן שטאָק פון גראַניטשנע 11. דער לאָקאַל איז אין 1939 יאָר פאַרברענט געוואָרן.

2) „דער יידישער זשאָינט" האָט די יידישע גאַס גערופן די אינסטיטוציעס פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף און געמיינט דערמיט אַביסל „דזשאָינט" און אַביסל „זשאַנד" (רעגירונג). דער יודענראַט, אַף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט די „ייסאַ" (ייד. סאָצ. אַליינהילף), האָט זייט פרילינג 1941 איבערגענומען געוויסע פונקציעס פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַפן געביט פון געטאָ אין דער פאַרטיילונג פון דעם ווייניקן, מיט וועלכן דאָס געטאָ האָט דיספּאַנירט, סיי פון די אָפיציעלע צוטיילונגען און פון דעם טראַנספער, סיי פון די געזעלשאַפטלעכע מקורים, איז אָנגעגאַנגען אַן אויטאָנאָמיע.

3) די קיכן, ווו מען האָט פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל געגעסן צוויי שפּייזן האָבן אַזוי געהייסן אין אונטערשיד פון די פאָלקס־קיכן, ווו דער אָפּצאָל איז געווען אַ מינימאַלער און ווו מען האָט באַקומען בלויז אַ זופּ. אויך די „זעלבסטשטענדיקע" האָבן באַקומען סובסידיעס פון „ייסאַ".

דאָס מאָל איז אָבער דער פּרעלעגענט געווען נישט ייסראָעל שטערן, נאָר אויב איך האָב קיין טאָעס נישט — ייצכאָק בערנשטיין. זיין לעקציע — מיינע רייד זאָלן אים נישט צו שווער זיין — איז געווען אַ ביסל אַ שווערלעכע. דער אוילעם איז געזעסן אביסל אַ געלאַנגווייליקטער און האָט אָפּגעטעמט, ווען אַפּעלבוימס טעכטערל מיט נאָך אַ מיידל האָבן דערלאַנגט די שוואַרצע ערזאַץ־קאַווע אָן מילך, אָבער דערפאַר מיטן עמעסן צוקער און מיט אַ היפּש שטיק פרישע באַבקע.

הערשעלע פלעגט זיין אַ שטענדיקער איינגייער פון די „ליטעראַרישע שלוש־סעודותן״. דאָס מאָל איז ער געזעסן אָדער עפּשער געשטאַנען באַם טישל פון אַ לאָדזשער, איינעם פון די באַרימטע ברידער קאַן, די פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן געדינט אַלס פּראָטאָטיפּן צו די „ברידער אַשקענאַזי״ פון י. י. זינגער. דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען עלישאַ קאָן. מיט זיין פיין געפלעגט בערדל, מיט די ברייט צעשטעלטע אויגן און עטוואָס אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן, האָט ער געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַן אַמאָליקן רוסישן סויכער, אָדער פּאָמיעשטשיק. ווי אויסטערליש־פּרעכטיק איז אָבער געווען אַף דעם דאָזיקן פּאָנים דער אויסדרוק פון געפלעפטקייט און אַנטוישונג, ווען קאָן האָט נאָכן אַראָפּשלינגען אַ זופּ קאַווע, מיט אויגן, פאַרקוקטע אַפן פרעלעגענט געוואָלט צום צווייטן מאָל אַ ביס טאָן דעם נאָר וואָס איינגעביסענעם שטיק קוכן, אויסגעשטרעקט, נישט קוקנדיק, די פינגער צום טעלער — — — געטראָפן דעם טעלער אַ ליידיקן...

עס זעט אויס, אַז דער הונגער איז באַ הערשעלען שוין דערגאַנגען צו אַזאַ מאַדרייגע, אַז ער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען יענער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און האָט, ווי אַ הונגעריקער הונט, אַ כאַפּ געטאָן דאָס גאַנצע שטיק מיטאַמאָל אין מויל אריין... עס איז געווען אַ סצענע, וואָס האָט געמעגט איינשטיין אין אַ טשאַפּלין־פילם. עלישאַ קאָן האָט צוריקגעצויגן די האָנט, פאַרמאַכט די פינגער, פאַרמאַכט צוריק דאָס צום קייען אָנגעברייטע מויל און האָט — גאָרנישט געזאָגט. צום לעבנס־נוסעך פון די לאָדזשער יידישע אינדוסטריעמאַגנאַטן האָט געהערט אין אַ געוויסער מאָס דאָס אונטערשטיצן ליטעראַטן. אַ טייל פון זיי פלעגן אויסהאַלטן אַף זייערע הייף לאַמדאָנים, שינגייסטער. עלישאַן איז אָן שום סאָפעק פיינלעך געווען, האַלעמאַי ער קאָן נישט זיין לאָדזשער בען־איר, הערשעלען, קומען אַנטקעגן מיט אַ גענוגנדיקער הילף.

איך בין געזעסן אַנטקעגנאיבער באַ אַ טישל מיט רוט קאַרלינסקע. מיר האָבן באַמערקט די סצענע און האָבן זיך איבערגעוווּנקען איינע מיט דער אַנדערער, מיט אַ שמייכל.

אך, ווי נאַריש איז דעמאָלט געווען אונדזער — ביפראַט מיין — רעאַקציע אַף דער דאָזיקער סצענע! איך האָב שפּעטער דערציילט דעם און יענעם פון די כאַווירים וועגן דעם פאַקט, ווי וועגן נאָך איין שטיקל הערשעלעס. און איידער איך האָב זיך אומגעקוקט, איידער איך האָב באַוויזן אויסצופירן מיין קאַוואָנע איינצולאַדן הערשעלען, ער זאָל קומען יעדן טאָג אין מיין קיך אָפּעסן אַ זופּ, בין איך געוווירן געוואָרן, אַז הערשעלע לעבט שוין נישט, אַז ער איז פּלוצים געשטאָרבן.

דאָס איז געווען אין אָנהויב פון ערשטן געטאָ־ווינטער. הערשעלע איז אַוועק אַף יענער וועלט איינער פון די ערשטע. יויסעף קירמאַן האָט זיך מיסאַסעק געווען מיט זיין לעוואַיע. הערשעלע איז באַגראָבן געוואָרן אַף דעם גענשער בייסאַלמען און ווער עס וויל קאָן דאָרט אין דער ליטעראַרישער אַלעע אָפּזוכן זיין קייווער, צי מען האָט אים געשטעלט אַ מאַצייווע געדענק איך נישט.



מ. פלאַמבוים

עפּיזאָדן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע

1. — הימל און ערד און הויזן...

באַלד ווי די דייטשן האָבן נאָר אַריינמאַרשירט קיין פוילן, דאָס הייסט אין די אויגוסט טעג פון 14טן יאָר האָבן זיי זיך גענומען אויסרויבן דאָס לאַנד.

דאָס ערשטע האָבן זיי אַרויסגעפירט די גאַנצע זאַפּאַסן פון דעם לעבנסמיטל, איבערלאָזנדיק פאַר דער באַפעלקערונג מאָגערע הונגער־פּאַרציעס, און דאָס ערשט אַף קאַרטן.

אַוואַדע ווען מיר ווילן פאַרגלייכן יענע צייטן מיט די שווידערלעכע מאַיסים פון די דייטשן אין דער צווייטער וועלט־שכיטע, זיינען יענע צייטן מאַמעש געווען גאַניידנדיקע. האַגאַם אויך אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע זיינען צענדליקער טויזנטער מענטשן געשטאָרבן פון הונגער און עפּידעמיעס.

מען האָט שוין דעמאָלט געקענט זען אַף וואָס דער דייטשער מערדער איז פעיק.

ווען די גאַנצע באַשפּייזונגס־רעזערוון האָבן זיך שוין אין פוילן אויסגעשעפּט, האָט דער אָקופּאַנט גענומען רעקווירירן אַלע מעטאַלן. אַלע מאַשינען פון די פאַבריקן, דאָס גאַנצע אייזן, מעש, קופּער, זילבער, גאָלד, און וואָס נישט? זיי האָבן צוגענומען די קלאַמקעס פון די טירן, די שלעסער פון די פענצטער, די טעפּ, טשייניקעס, ראַנדלעס פון די זוענט, די לייכטער פון די יידישע טישן. און דאָ האָט מען נאָך געמוזט שטיין גאַנצע טעג אין די רייען באַם אָפּליפערן קעדיי צו באַקומען אַן „אַשעריאַצערל“ אַף נאָך דער מילכאָמע... נאָך די מעטאַלן איז געקומען די ריי פאַר רוישטאָפן צו דער טעקסטיל־בראַנזשע. און אין רוישטאָפן האָט דאָך עפּעס אונדזער לאָדזש פאַרנומען אַן ערשטן פּלאַץ! האָבן זיך טאַקע די דייטשן געוואונדערט וויפל גאַרן לאָדזש האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט...

נאָך די רוישטאָפן איז ערשט געקומען די ריי פאַר אויסגעפאַרטיקטע טעקסטיל־סכוירעס. און דאָ האָט דאָך עפּעס אונדזער לאָדזש אַוואַדע געהאַט וואָס צו געבן...

מען קען נישט זאָגן, אַז די באַפעלקערונג האָט אַזוי שטיל אויפגענומען די גזיירעס. די אַרבעטער האָבן געענטפערט אַף זייער פּראָלעטאַרישן שטייגער, דערויף זיינען געווען איידעס די בלוטיקע מאַניפעסטאַציעס, די שטורמישע ערשטע מאַיען מיט הונדערטער פאַרוווּנדעטע פון ביידע צדאָדים.

די באַפעלקערונג אַלס גאַנצע האָט אויך אַלע אירע מיטלען דעם דייטש נישט אַוועקצוגעבן, האָט מען מאַקע געזוכט מעגלעכקייטן ווי אַזוי נישט אַוועקצוגעבן. מען האָט פאַרמויערט ווענט מיט באַהאַלטענע סכוירעס. פאַרשטעלט קעלערן, בוידעמס, באַגראָבן אונטער דער ערד אַבי דעם דייטש נישט אַוועקצוגעבן.

ליידער האָבן שוין אויך צו יענער צייט נישט געפעלט קיין מאָסרים, און צו אונדזער בושע האָבן מיר יידן אויך געהאַט פון די דאָזיקע ברואים, וועלכע האָבן פאַר אַזאַ הייליק שטיקל אַרבעט פון אָנווייזן דעם דייטש אַ באַהאַלטענעם לאַגער באַקומען 20 פּראָצענט פון דעם ווערט.

„ציבערס“ האָבן מיר דעמאָלט די דאָזיקע נעפּאַשעס גערופן. שוין דעמאָלט האָבן מיר געהאַט אונדזערע „קאַפּאָס“ וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צום טייוול...

נו געוויס האָבן מיר אויך געפונען האַלב לעגאַלע מיטלען, ווי אַזוי עפּעס אָפּצוראַטעווען. אַזוי צום ביישפּיל האָט דער אָקופּאַנט צוגענומען בלויז די מאַנופאַקטור־סכוירעס. אויסגעפאַרטיקטע מאַלבושים זיינען געווען פריי פון צושטעלן, האָט מען זיך גענומען אַף דער גאַנצער פאַרע צושניידן און אויספאַרטיקן מאַלבושים. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָס האָט געדאַרפט זיין שטרענג און געהיים, ווייל מען האָט דאָך געמוזט נאָך פון פריער מעלדן דעם לאַגער פון סכוירעס. אָבער אויך דאָ איז געווען אַן אייצע: ס'האָט געהייסן, אַז דאָס אַלץ איז נאָך פון פריער, דאָס הייסט פון פאַר דעם אויסברוך פון דער מילכאָמע, אָדער נאָך פון פאַרן דעקרעט...

אַזוי מיט אויספאַרטיקן אַנצוגן און מאַנטלען האָט מען זיך אָנגעטראָפן אַף שוועריקייטן און באַזונדערס מיט אַ סאַך אויסגאַבן פאַר מעלאָכע־געלט, און אַ מאָדע האָט דאָך אויך וואָס צו זאָגן, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ געיעג אַף אויספאַרטיקן בלויז הויזן.

איז טאַקע געווען הימל און ערד און הויזן...

אַגעוו האָט שוין צו יענער צייט זיך אָנגעפאַנגען וואַקלען די מאַטבייע, און מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן ווייניקער ווערט און אַלץ איז געשטיגן ביזן טאָג אַריין, האָבן מענטשן געזוכט די פאָר גראָשן צו פאַרזיכערן פאַר דער אינפלאַציע. נו, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ מיסכער מיט הויזן. ס'איז אַזוי ווייט אַוועק, אַז מען האָט אָנגעפאַנגען שאַצן דעם ווערט און דאָס פאַרמעגן פון אַ מענטשן לויט דער צאָל הויזן. „דער האָט אַ פאַרמעגן אין ווערט פון אַ טויזנט פאָר הויזן“, „יענער — אַפילע פון צוויי טויזנט פאָר“.

עלטערן האָבן געסילעקט דעם נאַדן זייערע קינד'ער אין הויזן...

זאָל נאָך דערמאָנט ווערן, אַז די הויזן גופע זיינען כאָלילע נישט געווען אַזוי איי־איי. די סכוירעס זיינען געווען פון דער ערגסטער קוואַליטעט, כוץ דעם האָבן מענטשן געזוכט אַרויסצובאַקומען וואָס מערער פאָר הויזנס האָט מען זיי געמאַכט וואָס קירצער און וואָס שמעלער, אין קעשענעס האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן... אַזוי, אַז פאַר קיין לעבעדיקן מענטשן האָבן די הויזן לאַכלוטן נישט געטויגט און דערצו איז דער פאָדים צו יענער צייט געווען געמאַכט פון פּאַפּיר. נו, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָסערע וואַזשנע צאַצקעס עס זיינען געווען די הויזן...

עס איז אָבער אַלץ בעסער ווי אַוועקגעבן די סכוירעס דעם דייטש און פאַר דעם באַקומען אַן „אַשער־

יאָצערל" מיט קייזער ווילהעלמס בילד, פאַר וועלכן מען האָט קיינמאָל גאָרנישט נישט באַקומען...

אין יענע מילכאָמע־יאָרן איז דערקלערט געוואָרן אַ מאָראַטאָריום. דאָס הייסט אַלע צאָלונגען און קאָנטראַקטן זיינען געווען אָפּגעשטעלט. דירע־געלט האָט מען ביכלאַל נישט געצאָלט. אַפילע שפּעטער נאָך דער מילכאָמע זיינען אויך הייזער געווען פון קנאַפּן ווערט, ווייל מען האָט געגלויבט אַז אָט האָבן מיר די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און ס'וועט מער נישט עקזיסטירן קיין פּריוואַט אייגנטום...

צו יענער צייט האָבן מיר, דאָס הייסט מיינע עלטערן, געוווינט אַף זאַוואָדסקע־גאַס אין קראָלס הויז.

קראָל איז פאַר דער מילכאָמע געווען באַקאַנט אין לאָדזש אַלס גרויסער נאָגיד. זיין הויז — טאַקע ווו מיר האָבן געוווינט — איז ווערט געווען אַ מאַטמען מיט גאָלד. אָבער ווען ס'איז געקומען די מילכאָמע און קיין דירע־געלט האָט מען נישט געצאָלט האָט ער אויפגעגעסן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און מיט צאַר האָט ער געמוזט צוקוקן ווי אַנדערע ווערן מיטן האַנדל מיט הויזן „מיליאָנערן", האָט ער טאַקע מיט זיך געקעמפּט די ערשטע דריי יאָרן פון דער מילכאָמע און זיך נישט געקענט באַשליסן זיך צו שיידן מיט זיין שיין גרויס הויז. אָבער ווען מען האָט שוין אָנגעפאַנגען שמועסן, אַז הייזער וועלן שוין ביכלאַל נישט באַקומען זייער ווערט האָט ער ענדלעך באַשלאָסן צו ווערן אַ סויכער פון הויזן. און שוין גאָר נאָענט פאַרן מילכאָמע־שלום האָט ער ענדלעך פאַרטאַכלעוועט זיין הויז פאַר גאַנצע זעקס הונדערט פאָר הויזן...

אָבער צו זיין גרויסן שלימאַזל האָט זיך באַלד פאַרענדיקט די מילכאָמע, און מען האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו האַנדלען מיט די נישט געברויכבאַרע הויזן. מען האָט אַפילע שוין אָנגעפאַנגען ריידן וועגן צוריק אָנהויבן צאָלן דירע־געלט...

אונדזער העלד האָט פאַר גרויס צאַר און ווייטיק באַשלאָסן, אַז ער האָט שוין נישט צו וואָס צו לעבן אַף אונדזער זינדיקער ערד און טאַקע נישט לאַנג געטראַכט און אַראָפּגענומען איינע פון זיינע זעקס הונדערט פאָר הויזן, ער האָט זיי צעשניטן, אויסגעפלאָכטן אַ שטריק, מיט גרויס קאַוואָנע אָפּגעזאָגט ווידע און די שטריק פאַרלייגט אַרום זיין האַלדז...

דאָס מאָל איז גראַד יאָ געווען זיין גליק וואָס די כווירע פון זיינע הויזן איז געווען פון דעם ערגסטן כאָרט און האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די שווערע מאַסע פון זיין פעט־לייביקן גוף. אַזוי אַז באַנאַכט, באַלד נאָך כצאָס, האָבן מיר, די שכיינים, דערהערט אַ שווערן פאַל אַף דער פּאָדלאָגע באַם באַלעבאָס קראָל. ווען מיר זיינען אַריין, האָבן מיר אים געטראָפן ליגן אַ פאַרכאַלעשטן אַף דער ערד מיט דעם איבערגעריסענעם געפלאָכטענעם צאָפּ פון זיינע הויזן אָפן האַלדז.

אַז באַ יעדן אומגליק איז דאָ אַ גליק...

2. — אַ כאַסענע אָן אַ כאָסן...

פון די אַלע צאָרעס, וואָס מען האָט געהאַט אויסצושטיין פון דעם אָקופּאַנט, איז זיכער די ביטערסטע געווען דאָס שלעפּן אין באָד אַריין...

ווי באַוווסט, איז צוליב דעם אויסהונגערן דער באַפעלקערונג און די אומהיגיענישע באַדינגונגען אין וועלכע מען האָט געלעבט האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשידענע עפּידעמיעס. און אָפן ערשטן פּלאַץ — דער פלעקטיפוס.

אַוואַדע האָט מען אַמיינסטן די דאָזיקע כאַלאַסן געהאַלטן בעסאָד און געהיילט מיט היימישע רעפועס, ווייל קיים האָט זיך נאָר דערוווסט דער דייטש האָט מען שוין דעם קראַנקן געשלעפּט אין שפּיטאָל, ווו ס'איז צו אים שנעל געמאַכט געוואָרן אַ סאָף, קעדיי עס זאָל זיך נישט אויסשפּרייטן די קראַנקייט און זיך נישט אַריינכאַפּן אין מיליטער...

נאָך אַזאַ פאַל האָט מען ערשט אַרומגערינגלט דעם גאַנצן קוואַרטאַל און אַלע איינוווינער אַוועקגעשלעפּט אין אַ צוגעגרייטן קרעאַטין, ווו זיי זיינען געוואָרן אויסגעבאָדן און אויסגעדעמפּט. נאָך אַזאַ פאָרציע האָבן שוין די מאַלבושים קיין שום ווערט נישט געהאַט. אָבער, נאָך אַ גרעסערע צאָרע איז געווען דאָס אָפּשניידן באַ פרומע יידן די בערד און באַ פרויען — די האָר. פאַר פרויען איז דאָס געווען די גרעסטע טראַגעדיע, ווייל פון קיין קורץ־געשוירענע האָר „אַ לאַ גאַרסאָן", האָט מען צו יענער צייט ביכלאַל נישט געוווסט...

צו יענער צייט בין איך געווען אַ נאָענטער אַריינגייער אין הויז פון דעם באַרימטן מוזיקער און כאַזן אַווראָם בער בירנבוים. איבערהויפּט צו זיין באַקאַנטער שוועסטער אין לאָדזש די זינגערן פרוי ראָזענבערג.

די פרוי ראָזענבערג איז שוין דעמאָלט באַרימט געווען אין לאָדזש דורך אירע קאָנצערטן פאַר געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. די פאַמיליע ראָזענבערג האָט געוווינט אַף דער ווידזעווסקי־גאַס נומער 50. דאָס הויז איז געווען באַקאַנט אין לאָדזש ווייל דאָרט האָט זיך פאַר דער מילכאָמע געפונען — אין דער צייט ווען פוילן איז געווען אונטער דער צאַרן־מאַכט — „די קאַזנאַטשעסווע".

דאָס הויז, ווי געזאָגט, איז געווען אַף ווידזעווסקי 50 וואָס איז פון דער צווייטער זייט אַרויסגעגאַנגען צו דעם וואַרשעווער־ווינער באַנהויף.

באַ דער פאַמיליע ראָזענבערג האָט זיך געפונען זיינע אַ שוועסטער, האַגאַם אַ גאַנץ שיין מיידל, אָבער אַ דאַנק דער מילכאָמע איז זי שוין פון לאַנג ראָע לעכופּע געווען און דאָך איז דער ריכטיקער באַשערטער נישט געקומען.

אָבער ענדלעך, אין אַ מאַזלדיקער שאָ, האָט זיך דאָך דער באַטרעפנדער באַוויזן, דער וואָס איז נאָך מיט 40 טעג פאַר זיין געבוירן ווערן באַשטימט געוואָרן באַ קאַוועיאָכל, אַז דער פלויני איז דער באַשערטער פון דער פלוינעס... דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן פון פּיעטערקאָוו און דאָס צוזאַמענטרעפן איז געקומען דורך אַ שאַדכן...

אַזוי ווי ביידע צדאָדים זיינען שוין פון לאַנג ראָע לעכופּע געווען האָט מען אַף לאַנג נישט אָפּגעלייגט די כאַסענע און טאַקע גלייך באַשטימט אַף די נאָענטסטע וואָכן.

די כאַסענע איז געווען צוגעגרייט ווי אין מילכאָמע צייט באַ נישט קיין רייכע מענטשן. אַ ברויט מיט אַ הערינג און אַליין געמאַכט, פון מילכאָמע־מעל האָניקלעקעך, אַפילע אַ שטיקל פלייש האָט אויך נישט געפעלט און דאָס האָט שוין צוגעגעבן דאָס אַריסטאָקראַטישע... געווען זיינען מיר די געסט, די סאַמע נאָענטסטע אַ מאַן דרייסיק. די כאַסענע איז טאַקע פאָרגעקומען אין הויז פון דער פאַמיליע ראָזענבערג.

אַ פראָגראַם צו דער כאַסענע איז טאַקע געווען ווי מיר וואָלטן זיך געמעגט היינט ווינטשן. די פרוי ראָזענבערג האָט זיך באַוויזן מיט אירע שענסטע לידער. די צוויי טעכטער פון בירענבוימען, וואָס זיינען שפעטער געוואָרן באַרימטע זינגערנס אין דער בערלינער אָפערע, און ער אַליין, אַווראָם בער בירנבוים, האָט אויך באַוויזן וואָס ער קען.

צו יענער צייט האָט מען געמעגט גיין אין גאַס נישט מער ווי ביז צען אַזייגער אין אָוונט און די באַן מיט דעם כאָסן און דעם כאָסנס פאַמיליע האָט געדאַרפט אָנקומען אַרום 9 אַזייגער, אַזוי ווי די באַן האָט זיך געפונען אַ שפרונג פון דער וווינונג זיינען מיר אַלע אַוועק אָפוואַרטן דעם כאָסן, פאַרשטייט זיך אַ כוץ דער קאַלע אַליין, וואָס איז שוין געזעסן אויסגעפוצט אין אירע כאַסענע־קליידער...

אָבער ווי איבעראַשט זיינען מיר געוואָרן ווען די באַן איז אָנגעקומען און אונדז אָנגעפיפן, אַוועק און דעם כאָסן נישט געבראַכט. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן מיט וואָסאַראַ שטימונג מיר זיינען געבליבן. און ד'ערצו דערהערנדיק, אַז קיין צווייטע באַן קומט שוין דעם טאָג מער נישט אָן.

דאָס אַהיימגיין און מעלדן די טרויעריקע בסורע פאַר דער קאַלע מיט די מעכוטאָנים איז פאַר אונדז געווען דאָס שווערסטע.

אַ שוידערלעכע טראַגעדיע — אַ ראָמאַן אַלאַ שאָמער — די קאַלע האָט ספאַזמירט, די שוועגערן האָט געכאַלעשט — דער גאַנצער אוילעם האָט מיטגעוויינט, צו דעם האָט נאָך צוגעשמאָלצן, וואָס דעם זעלבן טאָג האָבן די צייטונגען געמאָלדן, אַז אין פיעטערקאָוו האָט באַ אַ פאַמיליע צווישן אַביסל קוילן אויפגעריסן אַ שראַפנעל און דערהאַרגעט אַ גאַנצע פאַמיליע. כאָטש קיין נעמען און קיין אַדרעס איז נישט געווען אָנגעגעבן זיינען אַלע געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז די סיבע... דערווייל איז די צייט נישט געשטאַנען און ס'איז געוואָרן 10 אַזייגער און קיינער פון אונדז, די געסט, האָט זיך שוין נישט געקענט אַרויסקומען פון דער שרעקלעכער לאַגע און אַהיימגיין. אַזוי זיינען מיר אַלע געבליבן לעבעדיקע איידעם פון דעם טרויעריקן שפיל...

זיינען מיר טאַקע אַזוי געלעגן איינגעלייגט אין טרויעריקע מאַכשאָוועס, וואָס זיינען קעסיידער איבערגעריסן געוואָרן פון קרעכצן, זיפצן און וויינען און אַזוי איז זיך אַ לאַנגע שווערע פיינלעכע נאַכט דאָך אַדורך. עס האָט שוין אָנגעפאַנגען טאָגן און אַ יעדער פון אונדז געסט האָט זיך שוין צוגעגרייט דעם געהעריקן פיזמען פון טרייסט־ווערטער באַם געזעגענען זיך און וואָס פריער שוין זיין אַף יענער זייט טיר, צווישן אַלעם אויך באַדויערט דעם העזעק פון אַזאַ „פיין" אָוונט־עסן, האָבן זיך פלוצים אויפגעמאַכט די טירן מיט דער גאַנצער בריית און טאַקע ער אַליין, דער כאָסן מיט דער גאַנצער כוויטע זיינען אַריין... פרישע אויסגעבאָדענע און אויסגעפאַרעטע ווי עס פאַסט פאַר אַ כאָסן צו זיין כאַסענע...

געווען איז אָט וואָס: ווען דער כאָסן איז געווען גרייט אָפצופאָרן צו זיין באַשערטער איז געוואָרן אָפגעשלאָסן דער גאַנצער קוואַרטאַל ווו ער האָט געוווינט, און אַלע זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין בעדל, ווייל אין יענער זאָנע האָט זיך געפונען אַן עפידעמיש קראַנקע, און מיט גרויס מי און פראָטעקציע האָט מען דעם כאָסן אַרויסבאַקומען נאָך אַ פאָר שאָ זיין אין בעדל, אָבער די באַן איז שוין געווען אַוועק. ער האָט אַפילע געשיקט אַ טעלעגראַמע, אָבער, מילכאָמע־צייט! איז זי ערשט אָנגעקומען מיט אַ פאָר שאָ שפעטער ווי דער כאָסן אַליין... ווי עס זאָל נישט זיין האָט זיך דער ראָמאַן פאַרענדיקט — טאַקע ווי באַ אונדזערע שונד־ראָמאַנען — פון טרויער צו פרייד, און אַ כאַסענע איז ערשט דאַן געפייערט געוואָרן מיטן גאַנצן קנאַק.

3. — אַ באָרוועס־דעמאָנסטראַציע

ווי שוין באַוווסט האָט דער דייטש, אַזוי ווי ער איז נאָר אַריבער די גרעניץ, גלייך גענומען אויסרויבן דאָס לאַנד. אַוואַדע איז געווען אַפן ערשטן פלאַץ דאָס אַלץ וואָס איז געווען נייטיק פאַר מילכאָמע צוועקן. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן אַלע מעטאַל־אַרטיקלען. אָבער אויך לעדער האָט געהערט צו די אַרטיקלען פאַר מילכאָמע צוועקן, אָן שטיוול קען מען דאָך נישט פירן קיין מילכאָמע...

נו האָט דער דייטש גענומען אַרויספירן אַלע סאָרטן לעדער פון פוילן און גאַנץ באַזונדער פון אונדזער לאָדזש. ער האָט נישט געמאַכט קיין אויסנאַם. האַרטע, ווייכע לעדער, אויסגעפאַרטיקטע און רויע; פון פאַרטיקע שיך און שטיוול ביז די רויע לעדערס ערשט געשונדן פון פערד, בעהיימעס און אַנדערע כאַיעס... פאַסן פון מאַשינען, טראַנסמיסיעס פון די רעדער. פאַבריקן און ווערקשטאַטן זיינען געבליבן אָן טרייב־רימענס.

איז טאַקע געוואָרן אַ געוואַלדיקער מאַנגל אין שיך פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. אָבער וואָסאַראַ ווערט האָט דען די ציווילע באַפעלקערונג בעיים אַ מילכאָמע,...

און דאָס ביסל וואָס איז דאָך געבליבן אין די געשעפטן אָדער באַהאַלטן באַ שפעקולאַנטן זיינען די פרייזן געשטיגן אין טאָג אַריין. אַ פאָר שיך איז דאַן געוואָרן דאָס גרעסטע לוקסוס אַרטיקל...

אונדזער פאָליטישע פאַרטייען וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט באַ אונדז אין לאָדזש ווי דער „בונד", „פויאַלע ציען" און די „פאַראייניקטע" האָבן געזוכט צו לינדערן די נויט. פאַרשטייט זיך, אַז דורך קאַמף, דורך שטרייקן איז נישט געווען קיין פראַגע, אַגעוו איז דאָס נישט לייכט געווען באַם דייטש, האָט מען געזוכט לייכטערע וועגן. אַזוי צום ביישפיל האָבן די פויאַלע ציען זיך דערטראַכט צו אַ „גרויסן" געדאַנק. אַזוי ווי ס'איז געגאַנגען צו פרילינג, דאָס איז געווען אין 15טן יאָר, איז נישט קיין אומגליק, אַז מען גייט באָרוועס, מען קען איינשפאָרן די שיך פאַרן ווינטער און ביז דאַן קען דאָך שוין דער דייטש איינעמען אַ מיסע מעשונע...

איז טאַקע אַף די ערשטע מאַי טעג באַשטימט געוואָרן אַדורכצופירן אַ באָרוועס־מאַניפעסטאַציע און, רופן די מאַסן אַראָפּצוואַרפן די שיך פון די פיס און נישט צאָלן אַזעלכע ריזיקע פרייזן פאַר אַ פּאָר שיך, וואָס נאָר די גרויס בורזשואַזיע קען זיך דערלויבן...

נאָר אָט וואָס עס איז געשען און וואָס האָט געשטערט דעם דערפאָלג פון דער מאַניפעסטאַציע:

די רייכערע כאַוויירים און כאַווערטעס, די טאַבאַקסבלאַטס, ראָזענצווייגס, לעווינס און אַנדערע, רייכע „גענאָסן" וואָס יעדער פון זיי האָט מינאַסטאַם פאַרמאָגט אַ האַלב טוץ פון די פיינסטע און מאָדערנסטע שיך זיינען געקומען פיין אויסגעפּוצט מיט אַ ריכטיקער פּעדיקור, באָרוועס, נאָר די אָרעמערע פּראָלעטאַריער און פאָלקס־קינדער, מוירע האָבנדיק אַז מען קען זיי כאַס וועכאָלילע כוישעד זיין, אַז זיי האָבן קיין שיך נישט, זיינען געקומען מיט די לעצטע פּאָר קעמוי שיך אַף די פיס...

פאַרשטייט זיך אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט געמאַכט פאַרשפּילן דאָס רעוואָלוציאָנערע פון דער באָרוועס־מאַניפעסטאַציע...

4. — אַן איידעם אַ פוטוריסט...

דער היינט גוט באַקאַנטער שרייבער און טעאַטראַל, וואָס געפינט זיך אין ראַטנפאַרבאַנד מוישע בראָדערזאָן איז פאַר דער ערשטער וועלט־מילכאָמע זייער ווייניק באַקאַנט געווען אין דער שרייבערישער וועלט, כאָטש ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנץ היפּשע צאָל דערציילונגען.

זיין שרייבן איז אָבער געווען גאַנץ מיטלמעסיק, און גאַנץ ווייניק אָנערקענט.

צו יענער צייט, דאָס הייסט אין 14טן יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז בראָדערזאָן געווען אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער און טאַקע פון דעם געשלעפּט זיין כאַיונע... ער האָט אָבער שוין געהערט צו דער לאָדזשער שרייבער־מישפּאָכע צוזאַמען מיט ייצכאָק קאַצענעלסאָן, סענאַלאָוויטש, כ. עפּעלבוים, דער טרובאַדור הערשעלע דאַניעלעוויטש און אַנדערע.

אין דעם דעמאָלסדיק ספּעציעלן הוילעך און אויסזען וואָס שרייבער האָבן געטראָגן האָט בראָדערזאָן קימאַט אַלע איבערגעשטיגן. זיין ראַנד פון שוואַרצן הוט איז געווען ברייטער פון אַלע אַנדערע, דער שוואַרצער שלייף־קראַוואַט, די פּעלערין, די לאַנגע האָר האָבן איבערגעשטיגן אַלע, אַפילע י. ל. פּערעצן אַליין...

ווען די מילכאָמע פון 1914 האָט אויסגעבראָכן, און די רוסישע צאַרנמאַכט האָט אָפּגעצויגן צו מאַכן פּלאַץ פאַר די דייטשן וואָס האָבן לאָדזש נישט פאַרלאָזט ביז זייער מאַפּאָלע פון 1918 האָבן מאַסן מענטשן פאַרלאָזט לאָדזש און אַוועק קיין רוסלאַנד. ווי באַוווּסט האָט דער גרעסטער טייל לאָדזש געלעבט פון רוסישן מאַרק; געווען געשעפטלעך פאַרבונדן און געמוזט אַוועק אָפּהיטן זייערע געשעפטן.

עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע וואָס זיינען אַוועק בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבן פיינט געהאַט די דייטשן און שוין דעמאָלט געוווּסט אַף וואָס דער דייטש איז פעיִק. אַכוץ דעם האָבן דאָך אין לאָדזש טאָמיד געווינט טויזנטער ליטוואַקעס וואָס רוסלאַנד איז געווען זייער היים.

צווישן די וואָס האָבן פאַרלאָזט לאָדזש האָט זיך אויך געפונען אַ גרופּע שרייבער, ווי ב. זינגער, לאַזאַר פוקס, דער מאַן פון דער ערשט־פאַרשטאָרבענער טאַניאַ פוקס, און אויך מוישע בראָדערזאָן.

צווישן די סאָכרים וואָס זיינען געווען געשעפטלעך פאַרבונדן מיט רוסלאַנד איז אויך אַוועק אַ געוויסער קאַמיוואַיאַזשאָר (האַנדלס רייזנדער), מאַנדעלבוים.

די דאָזיקע פאַמיליע מאַנדעלבוים האָט געוווינט אין נאָענטער שכיינעס מיט אונדז. דאָס הייסט מיט מיינע עלטערן. די גאַנצע צייט פאַר דער מילכאָמע האָבן מיינע עלטערן נישט געהאַט קיין שום מאַגע אומאַסע מיט די ליטוואַקעס... די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון מאַן, ווייב און אַ זייער שיינער גראָטענער טאָכטער.

אָבער ווען דאָס ערשטע מילכאָמע יאָר איז אַוועק און מאַמע און טאָכטער מאַנדעלבוים האָבן שוין געהאַט אויפגעגעסן אַלע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס און פון מאַן און פאָטער איז קיין שום ידיע נישט אָנגעקומען, האָבן זיי אָנגעפאַנגען גאַנץ געשמאַק צו הונגערן. ווען זיי האָבן שוין געהאַט קימאַט אַלץ פון שטוב אויספאַרקויפט איז דערגאַנגען צו די שכיינים וועגן זייער ביטערער נויט.

מיין מוטער האָט זיך שטאַרק דערנענטערט צו דער פאַראָרעמטער מאַמע און טאָכטער, האַגאַם קיין סאַך העלפן האָט זי זיי אויך נישט געקענט ווייל דער דאַלעס האָט באַ אונדז אַליין גאַנץ נישקאָשעדיק געפּיפּן...

אָבער ווי זאָגט זיך דאָרט באַ שאָמערן: „ניכט אויף אימער זיינען די ליידן. נאָך דער פינצטערער נאַכט גייט אויף די הערלעכע זאָנע"...

די מילכאָמע האָט זיך מיט אַ מאַפּאָלע פאַר די דייטשן פאַרענדיקט. עס האָבן אָנגעפאַנגען בלאָזן נייע ווינטן. די צאַרנמאַכט איז געפאַלן. עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע און עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע גרוסן פון די וואָס זיינען לעבן געבליבן.

עס איז אָנגעקומען אַ ידיע, אַז מאַנדעלבוים לעבט און קומט צו פאָרן מיט אַ גרויסער פויטיקע געלט... נו, ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן די פרייד פון מאַמע און טאָכטער. דאָס איז געווען די פרייד פון אַלע נאָענטע שכיינים וואָס האָבן צוגעזען די גרויסע נויט פון מאַמע און טאָכטער...

אין דער זעלבער באַן וואָס האָט אַהיימגעבראַכט מאַנדעלבוימען האָט זיך אויך געפונען אַף זיין צוריקרייזע מוישע בראָדערזאָן.

מוישע בראָדערזאָן איז דערווייל אין דער מילכאָמע צייט אין רוסלאַנד רייף געוואָרן אין זיין טאַלאַנט. ער האָט אַ סאַך געלערנט און געאַרבעט איבער זיך און באַקומען אַ נאָמען. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נייע שטרעמונגען אין דער קונסט און ליטעראַטור, אין וועלכע עס זיינען אויפגעקומען די אַלע נייע איזמען, און מוישע בראָדערזאָן צוזאַמען מיט פּערעץ מאַרקיש זיינען געוואָרן די ערשטע פאָנען־טרעגער פון די נייע „איזמען".

דאָן איז פוטוריזם געוואָרן איינע פון די אַלע נייע

קרענק, וואָס האָבן זיך אין די ערשטע נאָך־מילכאָמע־יאָרן אַריינגעכאַפּט אין דער קונסט, און וואָס איז געווען אַזוי פרעמד און אומפאַרשטענדלעך פאַר די פאָלקס־מאַסן. און טאַקע אַזוי שנעל ווי די אַלע אומפאַרשטענדלעכע איזמען זיינען אויפגעקומען אַזוי שנעל זיינען זיי צוריק פאַרשוווּנדן.

מוישע בראָדערזאָן איז אָנגעקומען קיין לאָדזש ווי אַ שטורעם. בלויז דער הוילעך זיינער האָט אַרויסגערופן נייגער און צעטומלטקייט... דער גרויסער פוטערנער הוט, דער ברייטער פעלץ, דער גרויסער אייגנאַרטיקער רינג אַפּן צייג־פינגער פון דער לינקער האַנט וואָס האָט קימאַט פאַרנומען דעם גאַנצן פינגער; די ברייטע רוסישע רובאַשקעס פון די ראַשיקסטע קאָלירן; אַלץ צוזאַמען האָט עפּעס אויסגעשריגן פון נייעם און אַנדערשקייט. די לאָדזשער שרייבער האָבן זיך מאַמעש דערשראָקן און געבליבן געפּלעפט...

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סעדרע פוטוריזם. און אַף וויפיל מען האָט אַלץ נישט געזוכט צו געבן צו פאַרשטיין וואָס עס איז אַזוינס פוטוריזם איז געבליבן אומפאַרשטענדלעך סיי די דיכטונג, סיי די מאַלעריי און נישט ווייניקער די מוזיק...

די צייט איז אָבער געווען אַזאַ, אַז יעדער נייע דערשיינונג איז אויפגענומען געוואָרן און מען האָט זיך אין איר אָנגעכאַפּט. מען האָט געפילט, אַז דאָס אַלטע טויג נישט און עפּעס נײַס מוז קומען...

שוין באַלד אַף דער באַן האָט דער טיכטיקער סויכער מאַנדעלבוים געוואָרפן אַן אויג אַף מוישע בראָדערזאָן. פונעם ערשטן אויגנבליק איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס וועט זיין דער ריכטיקער זיווּג פאַר זיין שיינער באַס יעכידע... מען האָט אַפילע געזאָגט, אַז מאַנדעלבוים האָט טאַקע בראָדערזאָנען אַריינגענאַרט, דערציילנדיק אים וואָסאַראַ ריזן פאַרמעגן ער פירט מיט, און אין עמעסן איז עס געווען אַ בלאָף.

ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, האָט טאַקע די שיינע מיריאַם, וואָס איז בעעמעס געווען אַן אויסערגעוויינלעכע שיינקייט און אויך אַ גאָר פיינע פּיאַנע־שפּילערן, געפאַנגען דאָס האַרץ פון בראָדערזאָנען און דער שידעך איז געוואָרן אַ פאַקט...

דאָס גליק פון מאַמע און טאָכטער איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. אין אַ שיינעם טאָג איז די פרוי מאַנדעלבוים מאַמעש אַריינגעפאַלן צו אונדז אין שטוב און פון גרוים היסלאַיוועס אַרויפגעפאַלן מיין מוטער אַפּן האַלדז:

— טייערע פרוי פלאַמבוים, איר ווייסט? מיין איידעם איז אַ פוטוריסט?

און ווען מיין מאַמע האָט נאַיוו געפרעגט: — זאָגט מיר, פרוי מאַנדעלבוים, וואָס איז עס אַזוינס, אַ פוטוריסט?

האָט זי זיך מאַמעש פאַרשעמט: — כ'וועל אייך זאָגן דעם עמעס, פרוי פלאַמבוים, כ'זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין צאָרעס ווי איך ווייס אַליין נישט, נאָר, אַז מיין מאַן זאָגט מיט אַזאַ באַגייסטערונג און, אַז די גאַנצע שטאָט רעדט וועגן פוטוריזם, איז עס זיכער אַ גוט געשעפט. פאַרלאָזט אייך נאָר אַף מיין מאַן ער איז שוין איינמאָל אַ סויכער...

SHEL-TEX

FABRICA ARGENTINA DE TEJIDOS DE SEDA Y ALGODON

RIVADAVIA 536
VILLA BALLESTER

SERGIO LIPZITZ
MARROQUINERIA

CORRIENTES 3917
T. E. 79 - 3177
Buenos Aires

Gentileza

L. SADOVOKY

Alvarez Thomas 1848

Atención

M. MILRAD

LIMA 82
CORDOBA

לאָניאַ בימקאַ

גיטעלע

איר ליכטיקן אָנדענק
מיט מיין גאַנצער ליבע געווידמעט

ווען איך גיי איבער די גאַסן, סקווערן און גערטנער פון בוענאָס איירעס, און זע קליינע מיידעלעך, קוק איך זיך גוט צו עפשער וועל איך צווישן זיי באַגעגענען גיטעלען.

עס געשען דאָך וווּנדער, וועט עפשער אויך אַזאַ וווּנדער געשען?

— — — — — — — — — — —

גיטעלע איז געבוירן אין לאָדזש. אין 1939, ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן, איז גיטעלע אַלט געווען אַ פאָר מאָנאַטן. זי איז געווען מיין ברודערס איינציק טעכטערל. ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט איר פאָטער קיינעם — אויסער דער מוטער — נישט דערלויבט צו דערנענטערן זיך צו איר וויגעלע. אַפילע ניט די נאָענטסטע. בלויז דער הויך פון אַ מענטשן קען דאָך דעם קינד כאָלילע שאַטן.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די לופט־אַלאַרמען, איז מען געלאָפן מיט דעם פיצעלע פון פערטן שטאָק — ווו זיי האָבן געוווינט — אַראָפ אין קעלער אַריין זיך צו פאַרהיטן פון די באָמבעס. און אַזוי איז עס צוגעגאַנגען אין מעשעך פון אַכט טעג: פון פערטן שטאָק אין קעלער אַריין — פון קעלער צוריק אַפן פערטן שטאָק. דערנאָך זיינען געקומען די דייטשן. און די דייטשן האָבן געשאַפן דעם געטאָ.

⁂

גיטעלע האָט געהאַט אַ פנימל ווי אַלאַבאַסטער; ציינדעלעך — פערעלעך און ברוינע, קלוגע אויגן, אויסגעשניטן ווי מאַנדלען; אויגן פול מיט יידישן כיין. גיטעלע איז געווען אַ פריילעכע, אַ שפרינגענדיקע, אַ טאַנצנדיקע. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן און אַ מעכאַיע אַף איר אַ קוק צו טאָן.

אַ סאַך מאָל, טראָץ דעם וואָס אונדזערע הערצער זיינען געווען פאַרביטערט; אונדזערע געמיטער שווער, אונדזערע מיילער פאַרשטומט, האָט גיטעלע באַוויזן אַרויסצורופן אַ שמייכל אַף אונדזערע פענימער מיט אירע איינפאַלן.

אין דעם הויף, ווו מיר האָבן געוווינט אין געטאָ, זיינען קיין איינאָרע געווען זייער אַ סאַך קינדערלעך. מישטיינס געזאָגט, איך זאָג קיין איינאָרע. עס וועט זיי שוין מער גאָרנישט שאַטן. זיי זיינען שוין מער נישטאָ... און איבער אַלע קינדערלעך האָט גיטעלע געקעניגט ווי אַ ריכטיק מאַלעכל.

און עפשער דערפאַר ווייל מאַלאָכימלעך שוועבן נאָר אין די הימלען, איז גיטעלע — דאָס מאַלעכל — נישטאָ מער אַף דער ערד?...

⁂

די ראַציעס אין געטאָ האָבן אָנגעהויבן פון טאָג צו טאָג זיך צו פאַרקלענערן. טראָץ דעם וואָס די מוטער האָט דעם קינד אַוועקגעגעבן איר ברויט, האָט דאָס קינד געהונגערט. עס האָט דאָך גאָרנישט געקריגן פון דעם אַלעם, אין וואָס אַזאַ יונג קערפערל נויטיקט זיך קעדיי זיך צו אַנטוויקלען.

גיטעלע איז שוין מער נישט געווען די טאַנצנדיקע און שפרינגענדיקע. זי איז געוואָרן אַ רואיקע, אַן ערנסטע. אירע זיסע, סאַמעטענע אייגעלעך האָבן אויסגעדריקט טרויער און ליידן, ווי זי וואָלט געהאַט אַ פאָרגעפיל פון איר גוירל...

אין געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן קלאַנגען, אַז די דייטשן וועלן אַוועקנעמען די קינדער. פון דעם מאָמענט אָן איז גיטעלעס מאַמע געוואָרן מאַרעשכוירעדיק. זי האָט קעסיידער געזאָגט, אַז אויב מען זאָל איר אַוועקנעמען דאָס קינד וויל זי נישט לעבן און וועט ניט לעבן.

זי איז אַנטלאָפן מיט גיטעלען אונטער דער שטאָט און זיך פאַרשטעקט אין כורוועס פון מאַרישין. לאַנגע טעג און נעכט, אין ווינטן, קעלט און רעגן, אָן אַ לעפל געקעכטס, האָט זי געשטעקט אין גריבער, אין מויערן אָן דעכער, אָן טירן און אָן פענצטער.

אַהיימגעקומען איז זי אינגאַנצן אויסגעמאַטערט.

קיין סאַך צייט איז נישט אַוועק. ס'איז שוין געווען שפעט באַנאַכט, האָבן איר די שאָכנטעס געזאָגט, אַז מען שמועסט, אַז די דייטשן קומען נעמען די יידישע קינדער.

גיטעלע איז שוין לאַנג געשלאָפן. עפשער האָט גראַד דאָס קינד געכאָלעמט זיסע כאַלוימעס?

די מאַמע, מיט אַ געזיכט בלייך ווי קרייד און מיט ציטערדיקע הענט, האָט אַ ריס געטאָן דאָס קינד פון געלעגער.

גיטעלע, נאָך גאַנץ פאַרשלאָפן, מיט האַלב־אָפענע, פאַרוווּנדערטע אויגן האָט געזאָגט צו אירע עלטערן:

— טאַטעשי, מאַמעשי, וואָס איז געשען? דאָס איז נאָך נישט געוועזן, און מיר וועלן דאָס אַלעם איבערלעבן?

די ווערטער קלינגען נאָך אין מיינע אויערן, ווי שאַרפע שפיזן שטעקן זיי אין מיין האַרץ, און אַזוי וועט עס בלייבן קאָלזמאַן איך וועל לעבן.

גראַד האַרט הינטער אונדזערע פענצטער זיינען געווען שטעכעדיקע דראָטן, מיט וועלכע דאָס גאַנצע געטאָ איז געווען אַרומגעצוימט, און עס איז געשטאַנען אַ דייטשישע וואַך. דער מינדסטער שאָרך אין דער נאַכט און נאָר איין פונק ליכט האָט געקענט ברענגען אַ דייטשע קויל.

גאַנץ שנעל און גאַנץ פאָרזיכטיק, באַם ליכט פון אַ קריש האָלץ, אונטער די פייערקעס, האָט די מאַמע איינגעוויקלט גיטעלען, און דורך הינטערוועגן אַוועק מיט איר צו די אַלטע באַבע־זיידע, ווו עס האָט נישט געקענט זיין קיין כשאַד, אַז עס איז דאָ אַ קינד.

ביז די בייזע קלאַנגען האָבן זיך אַביסל איינגעשטילט איז זי ווידער מיטן קינד אַהיימגעקומען.

קורץ נאָכדעם, עס איז געווען אין 1942טן יאָר, האָבן זיך אַף די געטאָמויערן באַוויזן גרויסע פלאַקאַטן:

אַ באַקאַנטמאַכונג, אַז עס ווערט פאַראָרדנט אַן אַלגעמיינע שפערע אַף אַכט טעג. אַלע אַמטן, — אויך די פונקטן, וווּ עס ווערן פאַרטיילט לעבנסמיטלען — וועלן זיין געשלאָסן. די איינוווינער פון געטאָ דאַרפן ניט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען אונטער באַדראָאונג פון טויט. אַפילע אַפן אייגענעם הויף טאָר זיך קיינער ניט באַווייזן.

דאָס זיינען געווען שרעקלעכע, גרויליקע טעג. אין די אייגענע פיר ווענט האָט מען מוירע געהאַט צו אָטעמען. די גאַנצע געטאָ איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן, ווי אַ בייס־האַקוואָרעם. מען האָט געוואַרט געשפאַנט אַף דעם וואָס עס וועט קומען.

באַ אונדז איז געווען באַשלאָסן, אַז די מאַמע מיט גיטעלען וועלן בלייבן אין זייער פאַרשטעק ווען די דייטשן וועלן זיך באַווייזן.

פלוצלינג איז די מוירעדיקע שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן דורכן אַלאַרם פון לאַסט־וואָגנס און פון די דייטשישע אָנגעפרעסענע גאָרגלען, וואָס האָבן געהילכט: „אַלעם ארר־ראוס, אַבער רראַש".

גיטעלעס מאַמע האָט גענומען איר קינד און דריקנדיק עס צו זיך, אַוועקגעשטעלט זיך אַפן הויף די ערשטע פון אַלע שכיינים, ווי אין אַ שיקערן צושטאַנד, ווי אַ לונאַטיקערן. זי האָט געציטערט פאַר מוירע מען זאָל זי נאָר פון קינד ניט צעשיידן זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, אַבי צוזאַמען מיטן קינד.

די דייטשן האָבן מיט שפיצרוטן געשמיסן די וועלכע האָבן געזאָלט אַרויפגיין אַף די לאַסט־וואָגנס. די ערשטע זיינען געווען מאַמעס מיט קליינע קינדער. דערנאָך זיינען געקומען אַנדערע. דערווייל האָט מען געזוכט אין אַלע הייזער, אין אַלע קאַמערן, בוידעמס, קעלערס, צי עמעצער האָט זיך נישט פאַרשטעקט פון דער סעלעקציע. מיין קוזינע, וועלכע האָט מיט אונדז צוזאַמען געוווינט און נישט געקענט אַראָפגיין אַפן הויף, ווייל זי איז געווען געשוואָלן פון הונגער, האָט מען אַרויסגעשלעפט פון בעט האַלב־נאַקעט. מען האָט איר נישט דערלויבט אַף זיך עפעס אָנצוטאָן און זי אַרויפגעשליידערט אַפן וואָגן.

אַזוי איז צוגעגאַנגען באַ דער שפערע אין גאַנצן געטאָ.

קוטנער יידן גייען אין געטא

נאָכדעם ווי די דייטשן מיט די לאַסט־אויטאָס פול געפאַקט מיט קאָרבאָנעס זיינען אַוועק, זיינען אַפן הויף געבליבן, פון אַלע שכיינים, נאָר אַ קליינע גאָרסטקע. צווישן זיי — איך און מיין ברודער.

פוסט און וויסט איז געוואָרן אַרום אונדז. עס איז נישטאָ מער גיטעלע. נישטאָ איר מאַמע, נישטאָ אונדזער קוזינע.

מיין מאַמע, מיין עלטערער ברודער, זיין פרוי, קוזינען, קוזינעס, פעטערס, און מומעס זיינען נאָך פאַר דער שפערע אויסגעשטאָרבן אין געטאָ.

מיר זיינען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס. נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, אַפילע נישט גערעדט. ווייל — וואָס איז געווען צו ריידן? עס איז מער נישט געווען קיינער ווער עס זאָל אַריינברענגען אַ פונק פרייעלעכקייט.

עס האָט געפעלט גיטעלע, איר מאַמע, די קוזינע און נאָך אַ סאַך נאָענטע.

⁂

איינמאָל איז מיין ברודער אַהיימגעקומען נישט אַזוי כמורנע ווי די לעצטע צייט. ער האָט מיר דערציילט, אַז מען זאָגט אין געטאָ, אַז אַרבעטער פון די רעסאָרטן, וועלכע זיינען געפאָרן אין שטעטלעך אַף אַרבעט, האָבן דורכפאָרנדיק געזען ווי אַ סאַך קליינע קינדער האָבן געקליבן אין די וועלדער צווייגן אַף בעזעמעס. מען זאָגט, אַז דאָס זיינען יידישע קינדער. איך גלויב, אַז גיטעלע איז צווישן זיי. ווי מיינסטו, שוועסטער?

איך האָב שטאַרק געצווייפלט, אָבער געענטפערט האָב איך, אַז יאָ. זיכער יאָ!

⁂

מען האָט דערציילט שרעקלעכע זאַכן וועגן דעם וואָס די דייטשן האָבן געטאָן מיט יידישע קינדער; אַז זיי האָבן זיי באַלד דערשאָסן. פאַרגאַזט. פאַרברענט. אַז זיי האָבן די קעפלעך פון די קינדער צעשמעטערט ביי די שטאַמען פון ביימער; אַז בייזע הינט האָבן לעבעדיקערהייט צעריסן די קליינע קערפערלעך. מיר האָבן אָבער נישט געגלויבט. מיר האָבן אַליין געזאָגט, אַז נאָר בייזע צינגער פאַרשפרייטן אַזעלכע שוידערלעכע לעגענדעס.

⁂

פונקט קעגניבער אונדז האָט געוווינט אַ שכן, וואָס האָט געאַרבעט באַ די דייטשן. זיין פרוי איז געווען גוט באַפריינדעט מיט מיין שוועגערן, און דער קליינער מאַניעק פלעגט זיך טאָמיד שפילן מיט גיטעלען.

די פרוי מיט איר יינגעלע האָבן זיך נישט געדאַרפט שטעלן צו דער סעלעקציע בעיים דער שפערע. זי איז געווען אַ פריווילעגירטע. איר מאַן האָט דאָך געאַרבעט באַ די דייטשן. יעדן אָוונט איז ער אַהיימגעקומען מיט אַן איבערגעפולטער טעקע מיט פוטער, שינקע, ווורשט און אַנדערע גוטע מאַכאָלים, וועלכע זיינען פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג געווען בלויז אַ כאָלעם. פון זייער שטוב האָבן זיך דערטראָגן רייכעס, וועלכע האָבן אונדז — אויסגעהונגערטע — שיר נישט דערפירט צו מעשוגאַס. די פרוי מיט איר יינגעלע זיינען געווען דיק ווי כאַזיירים. דאָרט וווּ עס האָבן זיך אַרומגעדרייט נאָר שאָטנס פון

געדענק!

געדענק די קאַטאַסטראָפע פון איסראָעל — געדענק דעם קאַמף און דעם אומקום — און לערן פון זיי אַ לערע.

און זאָל דאָס געדענקען זיין דיר אַ באַגלייטער, ווען דו גייסט אין וועג, ווען דו שלאָפסט און ווען דו וואַכסט אויף.

און זאָל דער זיקאָרן פון דער קאַטאַסטראָפע זיין זאַלץ אין דיין ברויט און זאָל ער אַריין אין דיין בלוט, אין דיין פלייש און ביין.

פאַרקריץ די ציינער און געדענק! און ווען דו עסט — געדענק! און ווען דו טרינקסט — געדענק! און ווען דו הערסט אַ ליד — געדענק! און ווען עס שיינט די זון — געדענק! און ווען עס קומט די נאַכט — געדענק!

און אַ שטוב, אַז דו וועסט בויען, ברעך אין איר אַ וואַנט — ביכדיי דו זאָלסט טאָמיד זען פאַר דיינע אויגן דעם כורבן בייס־ייסראָעל!

און ווען דו וועסט אַ פעלד פאַראַקערן — אַ באַרג פון שטיינער שטעל אויף אין אים — צו איידעס און זיקאָרן פאַר ברידער, וואָס זיינען צו קייווער ייסראָעל ניט געקומען.

און אַז דו וועסט דיין קינד צו כופּע פירן — הייב אויף דעם זיקאָרן פון יידישע קינדער, וואָס צו דער כופּע וועט מען זיי שוין קיינמאָל נישט פירן! — און אַפילע קיין קאַדיש וועט קיינער נאָך זיי קיינמאָל נישט זאָגן.

און זאָל ווערן איינס! דער טויטער און דער לעבעדיקער; דער אויסגעריסענער — און דער איבערגעבליבענער; די וואָס זיינען אַוועק — און די שעיירים־ייסראָעל.

הער צו און הער, ווי עס רופט יעדן איינעם פון אונדז — די לערע פון דער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע — צו אומרו! צו אומרו!

דר. מאַרק דוואָרזשעצקי

(פון זיין בוך „יערושאַלאַיִם דעליטע אין קאַמף
און אין אומקום")

מענטשן — איז געווען אַ שאַנד צו זיין אַזוי דיק.

דער שאָכן האָט אָפט געבראַכט דייטשישע צייטונגען און געוווסט עפּעס נייס.

ווי אַ דורשטיקער לויערט נאָך אַ טראָפּן וואַסער, אַזוי האָט מיין ברודער געזוכט אַ טרייסט־וואָרט וועגן זיין פאַמיליע.

ער איז אַריינגעגאַנגען צו די שכיינים און געפרעגט צי זיי ווייסן ניט עפּעס וועגן זיין פאַמיליע.

די אַנגעפּרעסענע פרוי מיט דעם דייטשישן זשאלז האָט אומפאַרשעמט געענטפערט:

— וואָס איר גלויבט, אַז אייער פרוי און קינד לעבן נאָך? זיי לעבן שוין זיכער לאַנג נישט.

איך בין אויך געווען דערביי. מיר האָבן איר קיין וואָרט נישט געענטפערט נאָר אַריין צו זיך אין שטוב.

מיין ברודער — בלייך ווי קרייד — האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

— ניין, שוועסטער, עס איז ניט עמעס. קיין שום דייטשישער מערדער וועט נישט קענען אומברענגען אַזאַ קינד ווי גיטעלע.

איך האָב צוזאַמענגענומען מיין גאַנצע ענערגיע אים צו איבערצייגן, אַז עס איז זיכער אַזוי...

די דייטשע מערדער האָבן אָבער באַוויזן, אַז זיי קענען יאָ דערמאָרדן קליינע יידישע, אומשולדיקע קינדער.

⁂

גיטעלע: דו האָסט געשטעלט אַ פראַגע: „צי איר וועט עס איבערלעבן?” דעמאָלט האָט מען עס נישט געוווסט, אָבער איצט ווייס איך שוין, אַז ניט דו, ניט דיין מאַמע, וועלכע האָט אַזויפיל געליטן ווי נאָר אַ יידישע מאַמע קען ליידן פאַר איר קינד און מיט איר קינד; נישט דיין טאַטע, וועלכער האָט אַזוי געציטערט, פאַר יעדער הויך וואָס קען דיר שאַטן. קיינער פון אייך האָט עס ניט איבערגעלעבט. און אויך נישט אַנדערע הונדערטער טויזנטער יידישע מאַמעס און טאַטעס, הונדערטער עס נישט איבערגעלעבט.

מיליאָנען יידישע נעפאַשעס האָבן טויזנטער יידישע גיטעלעך.

אַרטור שיק

(דער גרויסער לאָדזשער קינסטלער וואָס איז איצט געשטאָרבן)

נאָך איידער מען הייבט אָן בלעטערן אונדזער אויסגאַבע; נאָך איידער מען באַקענט זיך מיטן אינהאַלט און מיט דער רעשימע פון די מיטאַרבעטער, באַקענט זיך דער לייענער מיטן ערשטן מיטאַרבעטער אונדזערן אַרטור שיק, וואָס האָט מיט דער צייכענונג פון דער הילע דערלאַנגט די וויזיט־קאַרטע און אַף אַ פלאַסטישן אויפן פרעזענטירט דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון „אונדזער לאָדזש“.

דאָס איז אַ צייכענונג, וואָס איז אומעגלעך איבערצוגעבן מיט ווערטער. דאָס איז אַ שאַפונג, וואָס רעדט אַליין:

לאָדזש — דער עמבלעם פון לאָדזש, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ לודקע (פון וואָס עס שטאַמט דער נאָמען לאָדזש) סטיליזירט דורך שיקן. אין דער לודקע איז אַריינגעשטעקט געוואָרן — און איבערגעבראָכן געוואָרן — די נאַצישע שווערד. עס רינען טרערן, טראָפנס בלוט. און אונטן — 3 לאָדזשער יידן, אַ זיידע, אַ באָבע און אַן אייניקל, מיטן מאָגנדאָוויד אַפן אָרעם.

פאַר אַ לאָדזשער רעדט די צייכענונג אַף אַלע שפראַכן און דערציילט אים וועגן זיין היימשטאָט, איר גורל און אירע מענטשן.

מיר האָבן אונדזער לאַנדסמאַן, דעם גרויסן קינסטלער אַוועקגעשיקט אַן עקזעמפלאַר און — צום איצטיקן, צווייטן נומער, דערוואַרט זיין צווייטע מיטאַרבעט. אָבער אנשטאָט אַ מיטאַרבעט, האָבן מיר אין די צייטונגען אָנגעטראָפן די ידיעה, אַז אונדזער לאַנדסמאַן, דער קינסטלער אַרטור שיק איז אין עלטער פון 57 יאָר, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

אין דער קינסטלער־וועלט פון לאָדזש האָט אַרטור שיק פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט, אַלס איינער פון די פראָדוקטיווסטע און אייגנאַרטיקסטע קינסטלער, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן פאָפולאַריטעט און דערפאָלג אַ דאַנק זיין רייכער קולטור און אַרבעטזאַמקייט.

אַ פאָלקס־מענטש אין אַלע זיינע רמח אייוורים האָט אים אָבער זיין מייסטערשאַפט און וועג געפירט אין דער ניט־יידישער וועלט, ווו ער האָט געקראָגן די העכסטע אָנערקענונג, לויב־געזאַנגען און מאַטעריעלן וווילשטאַנד.

אין דער צייט ווען זיין מייסטער־פענדזל האָט געצייכנט פאָרטרעטן פון די גרעסטע פאָליטישע פערזענלעכקייטן, די מיניאַטורן עפיזאָדן פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע — אַן אַלבום, וואָס דער פרעזידענט מאָשטשיצקי האָט געשאָנקען דעם פרעזידענט רוזוועלט — אין דער זעלבער צייט האָט אַרטור שיק, וועלכער איז געווען דורכויס אַ יידישער קינסטלער — אַפילו אין ניט־יידישע טעמעס — זיך געווידמעט אילוסטראַציעס צום טאַנאַך, צו דער האַגאָדע און אַנדערע אַלטע היסטאָרישע דאָקומענטן, שריפטן און הייליקע ספאָרים.

אָבער אַרטור שיק איז נישט אַוועק צו אָט די פאַרצייטיקע טעקסטן און שיימעס, קעדיי צו אַנטלויפן פון אונדזער טרויעריקער ווירקלעכקייט. ניין, יעדער מיניאַטורקע פון אַרטור שיק אַף מאָטיוון פון פאַרגאַנגענע צייטן, איז ענג פאַרבונדן מיטן היינט, און רעגט אָן צו אידייען וועגן פרייהייט און קאַמף אין אונדזערע טעג.

די דאָזיקע אידייען פון אונדזער גרויסן לאַנדסמאַן זיינען אויך געקומען צום אויסדרוק אין זיינע קאַריקאַטורן וועגן די נאַצישע פירער און יאַפאַנישע קריגסלאָרדן. און אויסדרוקספול, דורכגעווייטיקט און קרעפטיק זיינען זיינע הערלעכע פען־צייכענונגען פון יידישן ווידערשטאַנד און קאַמף אין די געטאָס פון פוילן. זיין בילד „אם אין אני לי — מי לי“ — וואָס שילדערט אונדז דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — איז רעפראָדוצירט געוואָרן אין אַ סאַך מיליאָנען עקזעמפלאַרן איבער דער גאַנצער וועלט.

אין דער קורצער פאַרצייכענונג וועגן אונדזער ערשט פאַרשטאָרבענעם גרויסן לאַנדסמאַן, וויל זיך ניט אויסלאָזן דער וויכטיקער עפיזאָד פון זיין אויסטייטשן דעם פעלקער־בונד־פאַקט.

אַרטור שיק איז אין 1932 איינגעלאַדן געוואָרן קיין זשענעווע צו אילוסטרירן דעם פאַקט פון פעלקער־בונד פאַראייניקונג. די פירנדע שטאַטסלייט פון זשענעווע זיינען געווען זיכער, אַז שיק וועט זיין אַרבעט פאַרוואַנדלען אין אַ לויב־געזאַנג פאַר זייער אינסטיטוציע, וואָס רעדט וועגן שאָלעם און פאַרברידערונג. שיק האָט זיי אָבער אַנטוישט. אַריינקוקנדיק אין די הינטער־קוליסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאָליטיק, וואָס ווערט פון דאָרטן אָנגעפירט, האָט ער דורך זיין ווערק געבראַכט צום אויסדרוק זיין אַנטוישונג אין דעם וואָס זיי האָבן גערופן שאָלעם־אינסטיטוציע.

נאָכן פאַרענדיקן די אילוסטראַציעס צום פעלקער־בונד פאַקט, האָט אַרטור שיק געמאַכט פאָלגנדע עפנטלעכע דערקלערונג:

> „מיין ווערק איז נישט קיין לויב־געזאַנג פאַרן פעלקער־בונד. מיט גרויס האַרץ־ווייטיק האָב איך געאַרבעט דערויף. איך האָב זיך באַמיט צו פאַראייביקן דעם פאַרצווייפלטן געשריי פון די צען מיליאָן זעלנער, וועלכע זיינען אין שרעקלעכע יעסורים אומגעקומען אַף די פאַרשידענע שלאַכטפעלדער בעת דער וועלט־מילכאָמע. מיינע אילוסטראַציעס צום פעלקער־בונד־פאַקט שטעלן מיט זיך פאָר אַ טפילע פאַר די געפאַלענע זעלנער פון אַלע עקן וועלט, אַז דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט זאָל נישט זיין אומזיסט! אין דער אַרבעט האָט מיר צוגעלויכטן די גרויסע אידייע פון אַנטוואָפענונג און שאָלעם, וואָס איך זע לײדער נישט, אַז דער פעלקער־בונד זאָל עס ענערגיש דורכפירן. אין מיינע אילוסטראַציעס האָב איך פרובירט אויסדריקן מיין וואָרענונג צו די הערשער פון דער וועלט, אַז זיי זאָלן מער נישט איבערכאַזערן דאָס פאַרברעכן פון קריג“.

עס פאָדערט זיך אַ געוואַלדיקער קויעך און קינסטלערישע עכטקייט, קעדיי אַ יאָכיד זאָל זיך פאַרמעסטן קעגן אַזאַ וועלט־אינסטיטוציע, ווי ס'איז אין יענע יאָרן געווען דער פעלקער־בונד.

אַזאַ איז געווען אונדזער לאַנדסמאַן, דער גרויסער קינסטלער און מיניאַטוריסט אַרטור שיק.

מיר, זיינע לאָדזשער לאַנדסלייט פון אומעטום זיינען שטאָלץ מיט אים און טרויערן צוזאַמען מיט דער יידישער קינסטלער־וועלט און גרויסער צאָל כסידים זיינע אַפן פריצייטיקן פאַרלוסט.

קאָוועד זיין אָנדענק!

פ—ק

ייצכאָק הערש מאַנדראַוויטש
(טאָראָנטאָ — קאַנאַדע)

דער בלוטיקער דאָנערשטיק אין לאָדזש

צווישן אַנדערע געשעענישן איז אויך אין לאָדזש געשען אַזוינס, וואָס איז מיט רעכט פאַרצייכנט געוואָרן ווי דער „בלוטיקער דאָנערשטיק“.

געשען איז דאָס דעם 29טן פעברואַר 1940. אין דעם טאָג בין איך, ווי ביז דעמאָלט געגאַנגען צו דער אַרבעט. געאַרבעט האָב איך אַפֿ וואָלטשאַנסקא נומער 66. אין דער פאַבריק איז נאָך אַלץ געווען ווי פאַר דעם קריג, קיין „טרוי־הענדלער“ — עס מיינט אַ דייטשער קאָמיסאַר איז נאָך נישט געווען אַריינגעזעצט. אָבער די אַטמאָספער איז שוין געווען גענוג אָנגעשטרענגט און פאַרסאַמט. דאָס גיין צו דער אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט מעסירעס־נעפעש, ווייל אַפן וועג פלעגט מען געכאַפּט ווערן אַפֿ אַרבעט פאַר די דייטשן, פונוואַנען מען איז קיינמאָל נישט זיכער געווען, אַז מען וועט נאָך צוריקקומען אַ לעבעדיקער, צי — אין בעסטן פאַל — מיט גאַנצע ביינער.

צו יענער צייט האָבן נאָך יידן געמעגט פאָרן מיטן טראַמוויי, אָבער בלויז אין לעצטן וואַגאָן. אויך איך בין יענעם טאָג געפאָרן מיטן טראַמוויי צו דער אַרבעט. און וואָס ס'האָט אָפּט פּאַסירט מיט אַנדערע, האָט דאָס מאָל פּאַסירט מיט אונדזער טראַמוויי. באַם ראָג גדאַנסקא און קאָפּערניקא איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער טראַמוויי און אַרום צוואַנציק נאַצים זיינען אונדז באַפאַלן און אונדז אַוועקגעפירט אין אַ יידישער פאַבריק פון בענקלעך־אויסאַרבעטונג. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר דאָרט געאַרבעט, און איבערהויפּט באַקומען געשלאָגן. דאָס שלאָגן איז באַ די מערדער געווען דער אַלעפֿ און די טאָוו...

מיר האָבן אַרויסגעטראָגן פון דער פאַבריק אַלץ וואָס דער יידישער פאַבריקאַנט האָט אָנגעזאַמלט אין מעשעך פון זיין גאַנץ לעבן, און געפירט האָט מען דעם גאַנצן רויב אין אָזשאַנד לעסטוואָ, אַפֿ קילינסקעגאָ 152 און פון דאָרט איז דער רויב געגאַנגען קיין דייטשלאַנד... איך קען נישט פאַרלייקענען, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך טיילווייז געפילט אַ סאַטיספאַקציע, טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס דער יידישער פאַבריקאַנט האָט קיינמאָל נישט געוואָלט באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער, אין די שווערסטע צייטן ווען דער יידישער אַרבעטער האָט געשלונגען שפּייעכץ אַפֿ צו שטילן זיין הונגער.

דעם צווייטן טאָג ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט האָבן מיך די פּוילישע אַרבעטער באַגעגנט מיט כויזעק און שפּאָט, און געהאַלטן אין איין לאַכן: „זשידקו“. זיי רופן מיך שוין נישט באַם נאָמען.

אין יענעם טאָג, בין איך אַהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט מיט אַ פּשעפּוסטקע אין האַנט, מען זאָל מיך נישט כאַפּן צו דער אַרבעט. געהאָלפן האָט די פּשעפּוסטקע ווי אַ טויטן באַנקעס. ווען איך בין שוין געווען נאָענט צום גרינעם מאַרק (איך האָב שוין דעמאָלט געוווינט אַפֿ פראַנצישקאַנער נומער 8, ווייל מיט 10 טעג פריער האָט מען אַלע יידן פון גייערס כאָנע זאַזשעוו ראַיאָן געטריבן אין געטאָ אַריין) איז מיר די לופט געווען אַזוי דריקנד, אַז איך האָב פאָרויסגעפילט, אַז עפּעס וועט מיט מיר געשען. איך האָב געטראַכט וועגן אַ באַהעלטעניש, אָבער ווו? אַלע טויערן זיינען פאַרמאַכט. די סטרוזשעס מיט ווייסע שטעקנס אין די הענט, און איך בין דער איינציקער ייד מיט אַ געלן באַנד אַפֿ דער לינקער האַנט. (פאַר נישט טראָגן דעם צייכן, האָט געדראָט טויט־שטראָפֿ). איך טראַכט וועגן צוריקגיין, עפּשער וועט מיר געלינגען איבערנעכטיקן אין פאַבריק, געפינען זיך אָבער אין דער זעלבער מויער דייטשע סאָלדאַטן, ווייל די מויער געהערט צום דייטשישן אינדוסטריאַל קינדערמאַן. איך האָב זיך נישט מיט וועמען צו באַראַטן, און אויסער דעם: וואָס וועלן דאָרט טון די פרוי מיט די קינדער? וואָס וועלן זיי דאָרט איבערקלערן?

און אַזוי, שלאָגנדיק זיך מיט די מאַכשאָוועס, בין איך געגאַנגען אַפן וועג אַהיים.

אין יעדן ראָג „עס־א“־מענער מיט נאַגייקעס און שטעקנס, און איך מיט מיין געלן באַנד... זיי פאַרהאַלטן מיך. איך ווייז זיי מיין פּשעפּוסטקע, און זיי לאָזן מיך גיין ווייטער. וואָלט איך זיי געזוכט אויסצומיידן, וואָלטן זיי מיך באַלד פאַרהאַלטן. נאָר ווייל איך גיי זיי גלייך אַקעגן, הייסן זיי מיך גיין ווייטער. אין יעדן ראָג — דאָס זעלבע. אָט גיי איך פאַרביי די ציגעלניאַנע, זאַוואַדסקע, קאָנסטאַנטינער, אַגראַדאָווא. ענדלעך בין איך אַריבער נאָוואָמעיסקאַ. ביז אַהער איז נאָך געגאַנגען נישקאָשע, אָבער אין דעם מאָמענט ווען איך בין אַריין אין דער פּאָלנאָצנע, האָט מיר שוין די פּשעפּוסטקע אויך נישט געהאָלפן. איך באַקום באַלד ווי אַן אַדערויפֿ אַ פּאָר שטעקנס איבערן קאָפּ און מען טרייבט מיך אַריין אין די פּ. ש. האַלע פּאָלנאָצנע־פּילסודסקיעגאָ.

אַריינקומענדיק אין דער האַלע האָב איך געזען, אַז איך געפין זיך אין גאָר אַ שלעכטער לאַגע. אַזאַ אַכזאָריעס האָב איך נאָך נישט געזען. מיר געפינען זיך דאָרט אַ צוויי טויזנט פּערזאָן. מענער, פרויען און קינדער. די קוילעס גייען ביז אונטערן הימל. מען ווערט געשלאָגן און געקאַטעוועט. דאָס ראַפינירטקייט איז אַזוי ווייט באַ די מערדער. זיי האָבן געלאָזט שטיין די פּ. ש.־וויגן, און בעייסן לויפן, פאַלן די געשלאָגענע איבער די פּ. ש.־וויגן. מענטשן מיט צעבראָכענע פיס זיינען קיין זעלטנקייט ניט. וואָס פינצטערער עס ווערט, אַלץ מער קאַטעווען זיי. איך באַטראַכט מיין לאַגע. איך זע זי זייער אין שוואַרצע פאַרבן. און עס האָבן דאָך געפעלט בלויז אַ פּאָר מינוט ביז צו מיין שטוב!

10 אַזייגער טרייבט מען אונדז אַרויס, און מען שטעלט אונדז אויס צו 5 אין אַ ריי. די רייען ציען זיך פון נאָוואָמעיסקאַ ביז פראַנטשישקאַנער. איך באַמי זיך צו זיין אין מיטן פון דער מאַסע, און עס געלינגט מיר.

מיט דעם אויסגעשריי „דאַס דרעקלאָז“ הייבט זיך אָן דער מאַרש. באַ ביידע זייטן נאָוואָמעיסקאַ זיינען שטיין געבליבן די טראַמווייען. די פּאַסאַזשירן באַ־

טראַכטן אונדז. מען ווייזט זיי ווי אַזוי מען באַזייטיקט די יידן פון לאָדזש... מען שיסט און מען שלאָגט. עס פאַלן מענטשן ווי פליגן. מען טרייבט אונדז שנעל. עס איז פינצטער כווישעך, באַנאַכט טאָר אין גאַס נישט ברענען קיין ליכט, ווייל עס קען צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון פיינטלעכע אַוויאָנען. מען טרייבט אונדז ווי די שאָף און איך ווייס אַלץ ניט ווו מיר געפינען זיך. איך קען דאָך לאָדזש אַזוי גוט, און דאָך קען איך זיך ניט אָריענטירן, ווו מיר זיינען.

ענדלעך פאַלט אַ געשריי: „דאס דרעק — האַלט!“ קיינער ווייסט ניט ווו מיר זיינען. די געשרייען פון די פאָדערשטע רייען דערגרייכן ביז אין זיבעטן הימל. איך פרעג זיך: שלאָגט מען טאַקע אַזוי שטאַרק, דאָס די יאָמערן זיינען אַזעלכע שרעקלעכע? ענדלעך קומט אויך אָן מיין ריי. ערשט איצט קען איך באַשטעטיקן, אַז דאָס וויינען און די געוואַלדן פון די ערשטע רייען זיינען נישט געווען פאַר קיין נאַכעס...

מען לאָזט אונדז אַריין צו 5 מענטשן אַף אַמאָל. ס'איז אַ שמאָלער אַריינגאַנג. פון ביידע זייטן שטייען צו דריי עסאַ־מענער מיט שטעקנס און מיר מוזן דורך זיי דורכגיין. מיר האָבן צו זיי נישט דערלייגט. זיי האָבן אונדז מעכאַבעד געווען מיטן גרעסטן קאָוועד. די שטעקנס זיינען געפלויגן איבער אונדז ווי אַ האָגל. סאָף־קאָס־סאָף טרייבט מען אונדז אַרויף אַפן ערשטן שטאָק. עס כאַזערט זיך איבער ווידער ווי באַם אַריינגאַנג, אַזוי ביזן דריטן שטאָק, און פון דאָרט אין פּאַרטער. באַ יעדער מאָל דורכגיין די עסאַ־מענער הערן זיך די זעלבע געשרייען „הילפע“. אָבער ווער וועט זיך אינטערעסירן מיט דער הילף?

אין פּאַרטער קומט פאָר אַ גענויע רעוויזיע. מענטשן וואַרפן מיט געלט און ווערט־פּאַפּירן. אויך פרעמדע וואַלוטע. אויך איך גיב מיין געלט — 40 מאַרק. עס איז דאָנערשטיק. איך האָב געהאַט באַקומען מיין ווי־פּלאַטע. איך זאָג דעם אָפיציר: „דאָס איז מיין וואָכן־לוין“. ער גיט עס מיר צוריק. ער דאַרף גרעסערע סומעס.

אַרום 2 אַזייגער. מען טרייבט אונדז ווידער אַפן דריטן שטאָק מיט אויסגעשרייען: „איר האבט הויטע אין ליצמאַנשטאַט, אייער טשעמבערליין, אונד האר בעלישא — יידישער ענגלישער קריגס־מיניסטער“. מיט דעם אויסגעשריי: „לייגט אייך, איר דרעקישע יודן“, הויבן זיך ווידער אָן די טאָרטורן. איך בין אַנידערגעפאַלן. אונטער מיר ליגן יידן. ווי אין אַ שעכט־הויז אַזוי הערן זיך די קוילעס און געוואַלדן, און אַזוי ביז אַלע זיינען צוביסלעך איינגעשטילט און אַנטשלאָפן געוואָרן.

אכט אַזייגער אינדערפרי. מען טרייבט אונדז ווידער אין פּאַרטער. דאָס מאָל ווערט מען נישט געשלאָגן. אין פּאַרטער שטייען צוויי טישן מיט שרייב־מאַשינען און צוויי שיקסעס באַ זיי. עס באַווייזט זיך אַ געשטאַפּאָ־אָפיציר און מעלדעט: „איר האָט איבערגעטרעטן דאס געזעץ. ווען איר וועט באַצאָלן 150 מאַרק, ווערט איר פריי. אין קעגנפאַל קאמט איר נאך ראדעגאסט (ראַדעגאָשץ) פאָן דאַ קאָמט ניעמאַנד לעבעדיק הערויס“...

דאַן דערקלערט אונדז אַ צווייטער אין פּויליש דאָס זעלבע.

עס גייט דורך אַ ווײַלע, קיינער מעלדעט זיך ניט צו געבן די 150 מאַרק. די געשטאַפּאָ פאַרלאָזט דעם זאַל, און עס באַווייזן זיך עסאַ־מענער מיט געווער און שטעקנס. עס הייבט זיך ווידער אָן. מען האַרגעט און מען שלאָגט. די זאַל האָט קאַפּאַציטעט פאַר 200 מאַן און מיר זיינען איבער טויזנט.

דאָס קאַטעוועז דויערט ביז 2 אַזייגער. דאַן אַן איבעריים, און דער זעלבער געשטאַפּאָוויעץ נעמט אַרויס 50 מאַן און שטעלט זיי מיט די פּענימער צו דער וואַנט. באַם אַרויסרופן גיט ער איינמאָל אַ געשריי: „דו וואָלקאָף, קאָם הערויס“. איך בין זיכער, אַז ער מיינט מיך, צוליב מיינע לאַנגע האָר. אָבער לעבן מיר שטייט איינער וואָס קען שוין ניט אויסהאַלטן און מעלדעט זיך. ער ווערט אַריינגענומען צווישן די פופציק.

דעם צווייטן טאָג בין איך געוואָר געוואָרן פון אַ פאָלקס־דייטשן פּאָליציסט, אַז די 50 מאַן האָט מען געפירט אין מאַני־וואַלד און זיי דאָרט דערשאָסן...

דערנאָך הייבט זיך ווידער אָן דאָס קאַטעוועז ביז 5 אַזייגער. דאַן ווערט ווידעראַמאָל געמאָלדן, אַז ווער עס האָט באַ זיך 150 מאַרק, ווערט באַלד באַפרייט. עס מעלדן זיך 10 יידן. זיי ווערן אַריינגעלאָזט אין צווייטן זאַל. דאַן מעלדעט מען, אַז ווער עס איז זיכער, דאָס מען וועט אים ברענגען פון דער היים די סומע, זאָל זיך רעגיסטרירן. עס מעלדעט זיך אַ גרויסער טייל. דאַן מעלדעט מען, אַז ווער עס קען אָנווייזן ווער עס וועט פאַר אים באַצאָלן, זאָל זיך רעגיסטרירן. איך בין אויך צוגעגאַנגען און מען האָט מיך אַריינגעלאָזט אין צווייטן זאַל. איך האָב אָנגעגעבן מיין פאַבריקאַנט הערמאַן כוואַט. איך האָב קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט, ווייל מיר זיינען אין געטאָ אַריין מיט 5 מאַרק. און מיר זיינען געווען 5 מענטשן צום עסן... האַלעוואַי וואָלטן טאַקע געבליבן די פינף...

אַ גרויסער טייל יידן האָבן זיך פאַרלאָזט אַף דער גמינע, טאַינענדיק, אַז די גמינע וועט אונדז אויסקויפן.

די וואָס האָבן זיך נישט רעגיסטרירט זיינען געשיקט געוואָרן קיין ראַדעגאָשץ, זיי זיינען אָבער אַהין נישט דערגאַנגען. באַלד באַם אַרויסטרייבן זיי אַפן הויף, האָבן זיך דערהערט שאָסן... פון יענע איז זיכער קיינער נישט געבליבן לעבן... עס באַווייזט זיך דער געשטאַפּאָוויעץ און מעלדעט: „אין וואָס פאַר אַ שפּראַך איינער קען, זאָל ער אָנשרייבן אַ בריוול און מיטגעבן די 10 מאַן, און זיי וועלן די בריוולעך באַזאָרגן צו יעדן אַהיים“. אויך איך האָב אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער.

צען מענטשן זיינען פריי געוואָרן מיטנעמענדיק די בריוולעך. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן נישט געקענט גיין צו יעדן אַהיים, האָבן זיי אַלץ אַריינגעגעבן אין דער גמינע. און אַזוי ווי ס'איז פרייטיק אַף דער נאַכט (ערעוו שאַבעס) האָבן זיך די גמינע־לייט נישט געאיילט זיי פאַרנאַנדערצושיקן.

באַ אונדז האָט זיך די לאַגע נישט געענדערט. מיר זיצן און וואַרטן. די לאַגע איז אָנגעשטרענגט. די געשטאַפּאָ־מערדער לויפן ווי פאַרסאַמטע מייז. עס דערנענטערט זיך זונטיק, און זיי האָבן דאָך אויסגעאַרבעט אַ „פּלאַן“. דאָס יידישע געלט דאַרפן זיי אַף זונטיק, קעדיי אַ לעב צו טאָן... און אויך אַביסל יידן אומצוברענגען (דאָס גייט אויך אַריין אין זייער לעב־פּלאַן...).

יידן הייבן זיך אָן „אונטערצולעקן" ביי די „עס־אַ"־מענער. זיי געבן זיי זייגערס און אַנדערע כפֿייצים. די נאַכט איז דורך רואיק.

שאַבעס אינדערפֿרי. עס באַווייזן זיך ווידער געשטאַפּאָ־מערדער און עס הייבט זיך ווידער אָן. מען שלאָגט און מען מאַכט „איבונגען". אָבער אַלץ איז מיט כעסער׳.

7 אַזייגער הער איך ווי אַ פֿאָלקס־דייטשער פֿאָליציסט רופֿט אויס מיין נאָמען. איך האָב געמיינט, אַז די ישועה איז שוין געקומען פֿאַר מיר, ווייל אין משך פֿון שאַבעסדיקן טאָג זיינען געקומען טרוי־הענדלער, און האָבן אויסגעקויפֿט זייערע יידישע פֿאַבריקאַנטן.

איך גיי אַריין אין צווייטן זאַל און דערזע מיינע צוויי זין: אַווראָם און באָרעך. זיי האָבן פֿון זיך אַראָפּגענומען די געלע בענדער. דערמיט האָבן זיי אויווער געווען אַף צוויי פֿאַרבאָטן: יידן טאָרן ניט אַראָפּנעמען די געלע בענדער און טאָרן ניט אַרויסגיין אין גאַס נאָך 5 אַזייגער. זיי האָבן מיר געבראַכט אַ ברויט מיט דריי ציבעלעס. אַף מיין פֿראַגע, צי דאָס איז אַלץ, האָבן זיי געענטפֿערט, אַז די גמינע האָט ערשט 5 אַזייגער פֿונאַנדערגעשיקט די ברויולעך, און אין דער היים איז קיין געלט נישטאָ.

איך זאָג זיי, אַז אויב ביז מאָנטיק 2 אַזייגער וועט מען מיך נישט אויסקויפֿן, וועלן זיי מיך מער נישט זען קיין לעבעדיקן. אַזוי האָבן זיי פֿאַרלאָזט דעם זאַל.

פֿון דאָנערשטיק אינדערפֿרי אָן, ווען איך בין געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָב איך גאָרניט געהאַט אין מיין מויל. און איצט איז שוין שאַבעס באַנאַכט.

אַריינגעקומען צוריק אין זאַל, זיינען מיר אַלע יידן באַפֿאַלן: „גיט מיר אַ שטיקל ברויט". „איך בעט אייך, גיט מיר אַ שטיקל ציבעלע". פֿון דעם וואָס די קינדער האָבן מיר געבראַכט איז מיר קוים געבליבן אַ קאַזאַיעס...

אַרום 10 אַזייגער באַווייזט זיך אַ געוויסער גאָלדבערג, וועלכער האָט זיך געשניטן צו פֿאַרנעמען רומקאָסוקים פֿאָסטן. ער און נאָך צוויי פֿרויען. זיי האָבן אונדז געבראַכט ראָזעווע ברויט. די פֿאָלקס־דייטשע פֿאָליציי האָט עס פֿונאַנדערגעטיילט. עס האָט אויסגעמאַכט אַ 10 דעקא אַף יעדן איינעם.

שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן דער גענעם. — ווער ווייסט צי אין גענעם קומט גאָר אַזוינס פֿאָר!.. — זיי האָבן געצוווּנגען איין ייד זאָל האַרגענען דעם צווייטן. און אויב איין ייד האָט סטאַם געפּאָכעט מיט די הענט, זיינען הינטער אים געשטאַנען עסאַ־מענער מיט שטעקנס און געקאַטעוועט. דער רעזולטאַט איז געווען: 10 טויטע, אַ סאַך מיט אויסגעהאַקטע ציין, אויסגערונענע אויגן, צעבראָכענע אייוורים, קאַליקעס...

שפּעט באַנאַכט באַווייזן זיך פֿרישע מערדער, און זאָגן: אַזוי ווי די וואָס ליגן, אַזוי וועט איר אַלע אומגעבראַכט ווערן! און זיי ווייזן אָן אַף די טויטע.

זונטיק. די קאַנצעלאַריע איז געשלאָסן. עס קומען פֿרויען, וואָס ווילן אויסקויפֿן זייערע נאָענטע. עס איז אָבער נישטאָ צו וועמען צו ריידן.

וואָלט די גמינע פֿונאַנדערגעשיקט אונדזערע ברויולעך פֿרייטיק באַנאַכט, וואָלטן שוין שאַבעס זיכער אַ סאַך יידן געווען באַפֿרייט געוואָרן.

עס באַווייזט זיך אַ מיידל פֿון גרינעם מאַרק מיט אַ קעסל קאַווע. מיר ווערן דורך איר געווירע, אַז מיר געפֿינען זיך אַף אַלוזע 42. די גאַס געפֿינט זיך צווישן לעשנאַ און דעם גרינעם מאַרק. דאָס העלדישע מיידל האָט איר לעבן איינגעשטעלט און אונדז געבראַכט אַ קעסל קאַווע. זי האָט פֿאַרנומען די שענדלעכע אויסדרוקן, וואָס זיינען געפֿאַלן פֿון די מערדערישע פּיסקעס, און אַלץ אַראָפּגעשלונגען.

אויב זי איז ערגעץ לעבן געבליבן, זאָל איר אייביק גוט זיין!

אַרום איינס אַזייגער. עס באַווייזן זיך די געשטאַפּאָ־מערדער. און דאָ זאָגט זיך שוין אָפּ די פּעדער צו באַשרייבן וואָס אַזוינס ס׳איז פֿאָרגעקומען. ס׳איז שוין זונטיק, און זייער פּלאַן פֿאַר די געלטער האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. זיינען די בעסטיעס נאָך ווילדער געוואָרן און געשלאָגן און געשאָסן אָן כעשבן.

ענדלעך איז מאָנטיק. עס באַווייזן זיך פֿרויען, און מען קויפֿט אויס. דער זאַל ווערט שיטערער. איך — מיינע זע נאָך אַלץ נישט. וועט מיין פֿאַבריקאַנט זיך באַשטייערן פֿאַר זיין אַרבעטער, וואָס האָט אין משך פֿון זיבן יאָר בא אים געאַרבעט?

2 אַזייגער איז דער לעצטער טערמין... אַזוי זאָגן די געשטאַפּאָווצעס, און אַז זיי זאָגן מעג מען זיי גלויבן!..

איך האָב שוין געהאַט פֿאַרלוירן יעדע האָפֿענונג באַפֿרייט צו ווערן. פּלוצים הער איך מיין נאָמען. ווייזט אויס, אַז שוין עטלעכע מאָל האָט מען אויסגערופֿן מיין נאָמען און איך האָב — אין מיין פֿאַרטראַכטקייט — נישט דערהערט. עס קומט צולויפֿן אַ פֿאָלקס־דייטש־פֿאָליציסט. מען האָט אים אָנגעוויזן, אַז דאָס בין איך עס. איידער איך באַווייז זיך אויפֿצושטעלן, דערנענטערט זיך צו מיר אַ געשטאַפּאָ־אָפֿיצער און וויל מיך דערשיסן. ער האַלט דעם רעוואָלווער פֿאַר מיין קאָפּ און רעוועט ווי אַ געקוילעטער כאַזער. ער מוז מיך דערשיסן, ווייל איך האָב נישט געהערט זיין רוף.

עס איז אָבער ווייזט אויס באַשערט געווען זיי איבערצולעבן, האָט זיך די כאַיע באַרואיקט. איך קום אַריין אין צווייטן זאַל, ווייזט מען מיר מיין פֿרוי אַלעאָ־האַשאָלעם. זי גיט מיר הונדערט מאַרק, און זאָגט, אַז כוואַט, מיין פֿאַבריקאַנט האָט מערער נישט געוואָלט געבן. בא מיר האָב איך 40 מאַרק, 10 מאַרק האָב איך גענומען בא אַ באַקאַנטן און זיך געשטעלט אין דער ריי איינצוצאָלן.

אַריינקומענדיק אין קאַנצעלאַריע, באַמערק איך, אַז די טיר וויל זיך נישט עפֿענען מיט אַמאָל. מען שטעלט מיך מיט דער נאָז אין ווינקל פֿון די ווענט, איך טראַכט: „אַ מינדסטער קלאַפּ, און מיין נאָז איז צעבראָכן".

אַזוי, שטייענדיק אין דער פּאָזיציע מוז איך ענטפֿערן אַף די פֿראַגן און אויך איינצאָלן דאָס אויסלייזגעלט. צום אַרויסגיין מוז איך די טיר צוויי מאָל עפֿענען, און דערווייל באַקום איך 5 שטעקנס איבערן קאָפּ...

איך בין אַראָפּגעלאָפֿן פֿון דריטן שטאָק אין גאַס אַרויס. דאָרט וואַרט מיין פֿרוי. עס גלויבט מיר ניט. אַז ענדלעך בין איך פֿריי.

אין די טעג האָט מיין קערפּער פֿאַרלוירן די ערשטע 22 פֿונט.

אַדאָלף ווייכמאַן - דער לאָדזשער קעמפער און פּאַרטיזאַן

אין דער טראַדיציע פון אונדזער היימשטאָט לאָדזש, און אין איר געשיכטע איז גאָרניט קיין נײַעס קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן. דערציילט אונדז זינגער אין אייניקע קאַפּיטלעך פון זײַן „ברידער אַשקענאַזי" וועגן דעם ווי לאָדזש האָט געקעמפט אַף באַריקאַדן און עס דערציילן אונדז די געשיכטעס פון צענדליקער אומגעקומענע העלדן, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן אין קאַמף פאַר זייערע כאַווערים און מיטמענטשן.

אַזוי האָבן מיר אין ערשטן נומער „אונדזער לאָדזש" געלייענט וועגן לאָדזשער קעמפער טויוויע אייזען, וועלכער איז העלדיש געפאַלן אַף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער, אין קאַמף קעגן וועלט־פאַשיזם. מיר האָבן אויך געלייענט וועגן אַנטשל גאָלדרינג — דער אַרבעטער־טוער און קעמפער, וואָס איז געפאַלן אין קאַמף קעגן די נאַציס. און מיר וואָלטן געקענט ברענגען צענדליקער און הונדערטער נעמען פון אונדזערע לאָדזשער, וועלכע זײַנען דערצויגן געוואָרן אין אַרבעט און אין קאַמף און זיי האָבן זייערע לעבנס אַוועקגעגעבן אין געראַנגל פאַר אַ נײַער וועלט.

אָט האָבן מיר באַוווּנדערט די מוטיקייט און העלדישקייט פון דער יונגער ניוטע טייטעלבוים—אַ טאָכטער פון לאָדזש — וואָס האָט אַזוי שיין געלעבט, געקעמפט און אומגעקומען דורך די נאַציס. און אָט איז אונדז געקומען אין די הענט אַרײַן אַ בריסעלער אויסגאַבע פון דער „סאָלידאַריטעט"־אָרגאַניזאַציע, ווּ מיר באַקענען זיך מיטן לעבן און אומקום פון אונדזער לאַנדסמאַן אַדאָלף ווייכמאַן — איינער פון די גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע — וועלכער איז אין סעפּטעמבער 1943 דערשאָסן געוואָרן דורך די נאַציס.

זייער ווייניק פון אונדזערע לאָדזשער געדענקען אָט דעם העלדיש־געפאַלענעם לאַנדסמאַן אונדזערן (אַ ברודער פון אונדזער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד יעהוישוע ווייכמאַן), ווײַל זייער יונג — אין עלטער פון 16 יאָר — האָט ער פאַרלאָזט אונדזער היימשטאָט.



אַ זון פון דער לאָדזשער אָרעמקייט, געבוירן אין 1899, אין צענטער פון דאַלעס און נויט, ווי מען האָט גערופן די זגערזשער גאַס, האָט אַדאָלף ווייכמאַן — אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין לאָדזש וואָלף — אַלס יאָסעם, דורכגעמאַכט זייער אַ שווערע קינדהייט, און ווען ער האָט זיך קוים געשטעלט אַף די פיס — אין 1915 — האָט ער זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט אַרײַן, פון וועלכער די ערשטע סטאַנציע איז דעמאָלט געווען דײַטשלאַנד. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין בעלגיע, ווּ ער איז געוואָרן אַ טוישעוו, און ווּ ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם דאָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן און איבערהויפּט — אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין 1939 — ווען די כמאַרעס פון היטלעריזם, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרדעקט דעם גאַנצן הימל, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין אַ מאַבל, האָט אונדזער לאַנדסמאַן אַדאָלף ווייכמאַן — צוזאַמען מיט זײַנע העלדיש־געפאַלענע כאַווערים וולאַדעק ראַקאָווער און שאַרל ראָבמאַן, געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע „סאָלידאַריטעט", וועמענס ערשטע אויפגאַבן זײַנען געווען העלפן די קאָרבאָנעס פון נאַציזם און צוגרייטן זיך, צוזאַמען מיטן בעלגישן פאָלק, צום קאַמף קעגן דער פינפטער קאָלומנע און קעגן די דײַטשן.

מיט היטלערס פאַרכאַפּן בעלגיע איז די טעטיקייט פון דער „סאָלידאַריטעט" געענדערט געוואָרן.

די „סאָלידאַריטעט" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט הונדערטער ייִדן באַפרײַט פון טפיסע און פאַרניכטונגס־לאַגערן; אויסבאַהאַלטן ייִדישע קינדער, געפירט אויפקלערונגס־אַרבעט דורך פאַרשפרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור.

אין דער דאָזיקער אונטערערדישער טעטיקייט האָט אונדזער לאַנדסמאַן אַדאָלף ווייכמאַן אַרויסגעוויזן אַ סאַך איפער, מעסירעס־נעפעש און אינטעליגענץ.

שפּעטער, ווען די „סאָלידאַריטעט" אָרגאַניזאַציע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, זײַנען דורכגעפירט געוואָרן צענדליקער אַקציעס, וועלכע האָבן אָנגעטאָן געבראָטענע לייד די נאַציס און געמאַכט, אַז די ערד זאָל זיי ברענען אונטער די פיס.

אַדאָלף ווייכמאַן איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע אָנפירער פון די אַקציעס. אונטער זײַן אָנפירונג זײַנען אויפגעריסן געוואָרן צענדליקער בריקן, אַמוניציע־טראַנספּאָרטן, מיליטער־דעפּאָס. עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די פאַבריקן, עס זײַנען אָפּגעראַמט געוואָרן הונדערטער דײַטשישע אָפיצירן און סאָלדאַטן און עס זײַנען ליקווידירט געוואָרן פאַרעטער.

דער נאָמען פון אַדאָלף ווייכמאַן איז געווען דער שטאָלץ פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין בעלגיע.

ווען אַדאָלף ווייכמאַן איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די נאַציס, וועלכע האָבן בײַ אים געוואָלט אַרויסבאַקומען יעדיִעס וועגן זײַנע כאַווערים, האָט ער מוטיק און העלדיש איבערגעטראָגן אַלע פּײַניקונגען און איז אומגעקומען אַזוי בראַוו און העלדיש ווי ער האָט געלעבט.

דער נאָמען פונעם לאָדזשער קעמפער און פּאַרטיזאַן אַדאָלף ווייכמאַן ווערט נאָך הײַנט דערמאָנט מיט ליבע פון אַלע ייִדן אין בעלגיע, צוזאַמען מיט זײַנע כאַווערים וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס אין קאַמף פאַרן ייִדישן פאָלק, פאַרן קאָוועד פון בעלגיש־ייִדישן ייִשעוו און אין קאַמף קעגן די נאַציס.

קאָוועד זײַן אָנדענק.

א. לאַנדסמאַן

כאַים בער ראָשער

די לאָדזשער כעוורע „נויסיי האַמיטע”

די יידישע גאַס

אינעם קאָמפּאַקט־באַוווינטן יידישן געגנט פון אונדזער היימשטאָט לאָדזש, האָבן זיך די יידישע יאָנטויווים שטאַרק אָנגעזען. שוין דערפאַר אַליין וואָס מיט פרייד און אויפגעלייגטקייט האָבן דעם יאָנטעוו אַלע דערוואַרט: דער באַלמעלאָכע, דער קליינהענדלער, דער אַרבעטער, און גאַנץ ספּעציעל דאָס קליינוואַרג און די יוגנט.

פון איין עק גאַס ביז דער צווייטער זיינען אַלע קראָמען און געוועלבלעך, סקלאַדן, סטוראַגאַנעס, און בוידן, ערעוו יאָנטעוו געוואָרן פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן (אַן אויסנאַם איז נאָר געווען די אַפּטייק און דער קאַזיאָנער בראָנפן־מאָנאָפּאָל). אין די יידישע וואַרשטאַטן זיינען די טישן אויפגערוימטע אַרומגענומען געוואָרן מיט ווייסע לייליכער, און די יידיש־האָרעפּאַשנע אָרעמקייט האָט לעקאָוועד יאָנטעוו אויסגעשאָטן די אַרבעטסערטער מיט אַ געלן זאַמד (פּיאַסעק), וואָס די באַלעבאָסטעס פלעגן אויסבייטן פאַר שאָלעכץ פון קאַרטאָפל בא די קריסטלעכע זאַמד־פאַרקויפערס.

דער עלטערער דאָר איז אַוועק דאַווענען אין שול, אָדער ביים־מעדרעש, אָדער גאָר אין כסידים־שטיבל. אַהיימקומענדיק, צוגעביסן, אָפּגערוט זיך, שפּעטער גענומען אַ סייפער אין האַנט, אָדער גאָר אַ כומעש, און געזאָגט אַ יידיש וואָרט. פאַרנאַכטלעך געוואַרט אױף געסט, אָדער גאָר אַליין געגאַנגען צו גאַסט.

אַ טייל יידן אין מערסטן פאַל פראָסטערע יידן, — האָבן אָבער מיט דעם אויבנדערמאָנטן זיך ניט צופרידנגעשטעלט. אַ ספּעציעלער אומרו האָט זיי באַהעריִשט און זיי האָבן נאָר געטראַכט וועגן טוען מיצוועס אױף אַ מאַמאָשעסדיקן אויפן, ווי גאָט האָט געבאָטן. און וועגן די מיצוועס פון לאָדזשער יידן וועלן מיר אין די ווייטערע שורעס פרווון דערציילן.

די פרויען וואָס האָבן לעהייפעך די מענער אין די יאָנטויווים אַמיינסטנס געאַרבעט באַס קאָכן די מאַכאָלים, דערלאַנגען צום טיש, צונעמען און ריייניקן, האָבן ערשט פאַרנאַכטלעך גענומען אַ מאַכזער אָדער אַ טייטשכומעש אין האַנט אַריין און זיך אויסגעטאַינעט מיטן פאָטער אין הימל פאַר דער שווערער דאָליע אירער.

די דערוואַקסענע יונגוואַרג איז געווען מיט די געקומענע פון די אַרומיקע שטעטלעך געסט אין זעליקס טעאַטער אױף קאָנסטאַנטינער 16, אָדער יוליוס אַדלערן אין סקאַלאַ. זיי זיינען געגאַנגען אין ראַדאַגאַשצער וועלדל, אָדער קיין רודאַ־פאַביאַניץ זיך לודקעווען און פאַרברענגען די פרייע יאָנטעוודיקע טעג.

יינגערע, אַכט־צען־יאָריקע יינגלעך און מיידלעך, צופרידענע פון נישט דאַרפן גיין אין כיידער, פריי פון שול־פליכטן, זאָרגלאָז, האָבן אױף אונדזערע לאָדזשער הייפן און גאַסן געמאַכט גריבלעך און געשפּילט אין ניס, אַנדערע אין טיטשערס און פלוזערס (קנעפּ אַזעלכע).

גאָר אַן אַנדערער טייל יוגנט און אויך שוין דערוואַקסענע איז דעמאָלט געווען אין לאָדזש ווען מען האָט אין די יאָרן 1907-8 גערופן אַכדעסניקעס און מויסערנעפעשניקעס. אָט די יונגעלייט מיט די שוואַרצע אויסגעבונדענע קראַוואַטן אָדער שוואַרצע קאָסעוורעט־קעס, ספּעציעל אויסגענייטע. סיי פרויען, סיי יינגלעך פלעגן מיט ביכער אונטערן אָרעם זיך אַוועקלאָזן אין די יאָנטעוודיקע טעג אין די ביבליאָטעקן, אין קאַלע־וואַלד אָדער ערגעץ אין די קאָנסטאַנטינער וועלדער אָדער ראַדעגאַשטשער טייכל פאַרברענגען.

די איבערגעריסענע שפּיל

אין איינעם אַזאַ אַכטאָגיקן יאָנטעוו סוקעס, ווען כאָסן־קאַלע זיינען פון אַרומיקע שטעטלעך צוגאַסט געקומען פאַרברענגען, און מיר, קליינוואַרג, האָבן געטומלט און נישט געלאָזט אויסהערן אַ יידיש וואָרט, האָט מען אונדז מעשאַלייעך געווען פון שטוב מיט פולע קעשענעס ניס, מיר זאָלן גיין שפּילן זיך אַפן הויף. אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ קאַראַוואַנע מיט שכייניש יינגלעך אין אַ דערבייאיקן הויף פון אַלט אייזן, קעדיי נישט זיין געשטערט אין שפּיל.

די פרייד אונדזערע האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווי פלוצלינג שרייט אויס איינער פון אונדזערע יאַטן מיט צעשראָקענע אויגן: „אַ טומל, אַ טומל, יינגלעך, אַ לעווייע גייט!” אַלע ווי איינער האָבן פאַרלאָזט די שפּיל אין ניס און אַרויס אַפן גאַס, וואָס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. פרויען האָבן היסטעריש געשריגן. איינע האָט זיך געריסן דאָס שייטל פון קאָפּ. ס'איז געווען אַ טרויער־פּראָצעסיע פון יונג און אַלט. דאָס האָט מען אָפּגעגעבן דעם לעצטן קאָוועד און באַגלייט צו אייביקער רו אַ יינגל פון 18 יאָר פון אַ שכיינעסדיקער גאַס, וועמען מיר אַלע האָבן געקענט, און וואָס איז געשטאָרבן פון אַ לונגן־אַנטצינדונג. וואָס ווייטער מיר זיינען אַוועק אין באַגלייטונג פון אָרן, אַלץ שיטערער זיינען געוואָרן די רייען פון די מיט־באַגלייטער און ווען מיר זיינען אַרויס אַפן לעצטן טראַקט פון בזשעזינער וועג זיינען געבליבן באַ אַ 5 מיניאָנים מענטשן. איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דייע: יאָ אָדער נישט גיין ביזן „גוטן אָרט”. געזיגט האָט דער סאָלידאַריטעט געדאַנק, גיין ביז ענדע, און אַזוי אַרום האָב איך זיך אונטערוועגנס באַקענט סיי מיט דעם מענטשן־מאַטעריאַל פון דער כעוורע נויסיי האַמיטע און מיט די צילן וואָס אָט די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט: דהיינו: אין די טעג פון די יאָנטויווים ווען לויט די יידישע מינהאָגים צו יענער צייט טאָר קיין ייד פירן קיין אַגאָלע און שפּאַנען און אַרבעטן מיט פערד. דאַקעגן טראָגן איז נישט נאָר וואָס מען מעג נאָר ס'איז בעפיירעש אַ מיצווע. איך האָב זיך דעמאָלט אַליין נישט אָפּגעגעבן כעזשבן ווי פון אַ שפּילעוודיק יונגן יאַטל ווער איך פאַרוואַנדלט אין אַ באָכער מיט פליכטן לעגאַבע מיין אייגן פאָלק און קוידעם־קאָל מיט פליכטן צו דער כעוורע, וואָס טוט אַ גרויסע יידישע מיצווע.

דער צווייטער עטאַפּ

פון איין יאָנטעוו צום אַנדערן זיינען די מיטגלי־

דער געווען קימאַט אַרבעטסלאָז, מאַכמעס אין די וואָבעדיקע טעג, ווי אין די כויל־האַמויעדס האָט זיך מיט דעם איניען קוורע און מעקאַווער זיין פאַרנומען אַ ספּעציעלע צו דעם צוועק כעוורע, רופט עס געזעלשאַפט, באַ דער יידישער גמינע, און זי האָט זיך גערופן: „כעסעד שעל עמעס". די לעצטע האָט אויך באַזאָרגט אַלע לעגאַלע פאָרמאַליטעטן.

סיי באַ דער גמינע ווי באַם שטאָטישן מאַגיסטראַט, ווען מען האָט געדאַרפט אַףֿ שנעל דערליידיקן די טויטן־שיינען, אָדער אַנדערע שוועריקייטן, האָט דאָס דורכגעפירט די ספּעציעלע גרופּע מענטשן וואָס האָט געהאַט די נויטיקע פאַרבינדונג און דערפאַרונג סיי מיט די פונקציאָנאַרן פון דער קעהילע, סיי מיט די שאַמאָסים פון דער כעסעד שעל עמעס, וואָס איז געווען טעטיק קעגניבער דעם מאַגיסטראַט אַףֿ נייע שטאָט צווישן נאָוואָמיעיסקא און קאָנסטאַנטינער ווו עס האָבן זיך געפונען זייערע ביוראָען.

קאָנטאַקט און אָרגאַניזאַציאָנעלער בוי פון דער כעוורע

דער קאָנטאַקט צווישן די מיטגלידער איז פאָרגעקומען אויףֿ פולנאָצנע, לעבן פיש מאַרק אין אַ גרויסן הויףֿ, ווו הינטן האָט זיך געפונען אַ מאַצייווע קריצער, און פאָרנט איז געווען אַ שילכל צום מעקאַבל שאַבעס זיין. זיך געטראָפן און געשאַפן די נויטיקע פאַרבינדונג, נאָענט צו יאָנטעוו, פלעגט מען צווישן מינכע־מיירעוו און שאַלעשידעס באַשטימען די מיטגלידער פאַר יעטוועדער עווענטואַליטעט, ווייל זיכער איז מען דאָך נישט געווען צי עס וועט זיין אַ באַר־מינאָן, די יונגוואַרג פלעגט אויסגענוצט ווערן פאַר שטאַפּעטן צו די אַקטיווע מיטגלידער וואָס האָבן געוווינט אין יידישן צענטער אָדער אין דער מער צעוואָרפענער פּעריפעריע פון קריסטלעכע געגנטן. מיט די שטאַפּעטן פלעגט מען מוידיע זיין:

„איר דאַרפט זיין אין שול־הויףֿ אין דער שאָ און אין דעם טאָג, מיטנעמען די מיטע, טאַכריכים און טראָגט צו דער וווינונג פונעם ניפטער אָדער צום שפּיטאָל".

געקלונגען האָט דאָס ווי אַ מיליטערישער באַפעל און אַזוי איז עס אויך אויסגעפירט געוואָרן.

אַ רייכע לעוואַיע

צענדליקער מיטגלידער פון דער כעוורע נויסיי האַמיטע האָבן זיך צו דער באַשטימטער שאָ געפונען אין הויףֿ אַףֿ זאַוואַדסקע אין די קליינע נומערן. די מיטע, די טאַכריכים און בעריש פּיאַנטקער, וואָס האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער לעוואַיע, און מיטברענגען די פאַפּירן איז נאָך נישט אָנגעקומען.

אין צווישן צייט כאַפּט מען אַ שמועס מיט די זין און טעכטער און גרויסע צאָל קרויווים. ווער איז עס געווען דער ניפטער? וועגן זיין טעטיקייט און זיין ייכעס. דערוויסן מיר זיך פון דער גרויסער צאָל קרויווים און פריינט וואָס זיינען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן קאָוועד דעם פאַרשטאָרבענעם, אַז פאַרן לעבן האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן אַ סאַך געלט פאַר פילאַנטראָפּישע צוועקן. כאַסענע געמאַכט אָרעמע קאַלעס, יעסוימים, געווען אַ גרויסער הורטאָווניק פון מעל און געהאַט אַן אייגענע קאַמעניצע (אַ הויז אַן אייגענע) געלאָזט אַ פאַרצווייגטע פאַמיליע, וואָס פירט אַ ברייט יידיש לעבן. אין צווישן צייט פון דעם שמועס אין די קופּקעלעך מענטשן הייבט אָן ווערן אַ שטופּעניש און די געשרייען זיינען איין לעשאַער. עס פאַרהילכט די לופט, און די שוואָכים פאַרן ניפטער, דאָס ספּאַזמירן פון די קינדער וואָס שטייען אַרום באַלקאָן דערזעענדיק די שוואַרצע מיטע געטראָגן פון 10 מענטשן מיט בעריש פּיאַנטקער אין דער שפּיץ, וועמענס שוואַרצע קאַפּאָטע און שוואַרצע ברייטע באָרד גיט צו כשיוועס דער אָנגעקומענער מיטע און די מענטשן וואָס רינגלען איר אַרום.

די גרויסע צאָל מיטגלידער פון אונדזער כעוורע, וועלכע זיינען שוין געוווינט צו די האַרצרייסנדיקע געשרייען באַ אַ לעוואַיע טוען זייער אַרבעט לויט די פאָרשריפטן אָדער רעגלאַמענטן פון יידישן ריטואַל ביז מיר קומען אַרויס אַפן גאַס, געטראָגן פון אַ מענטשן־שטראָם.

בעריש פּיאָנטקער הייסט אָפּשטעלן די מיטע און זיי פאַרבייטן דורך די זין און איידעמס פונעם ניפטער, הונדערטער מענטשן, פאַמיליאַרן און פריינט באַגלייטן די לעוואַיע און גיבן אָפּ דעם לעצטן קאָוועד בייטנדיק זיך מיטן אונטערשטעלן די אַקסלען באַ די זייטן פון דער מיטע, די אַקטיווע מיטגלידער פון דער כעוורע נויסיי־האַמיטע וואָס זיינען געקומען טוען זייער פליכט פון יידישער מיצווע זיינען איצט באַ דער לעוואַיע אַרבעטסלאָז, זייער אָרט פאַרנעמען פריוויליק אַ סאַך מענטשן גייענדיק איצט אין צענטער גאַסן פון יידישן לאָדזש דעם 2טן טאָג פּייסעך. מיר גייען דאָס מאָל זייער לאַנגזאַם. דער לעוואַיע־צוג ציט זיך צוויי גאַסן די לענג ביז צום אָנקומען אַפן מארישנעל וועג ווו יידן און יידענעס האַלטן אין איין אויספרעגן ביי די באַגלייטער ווער איז דאָ ניפטער געוואָרן? אַי, אַי, געווען אַ טייערער ייד און אַ גרויסער נאַדוון. קיין איינער פון אונדז האָט נישט געפילט קיין מידקייט אין די גלידער ווען אין לעצטן מאָמענט אַפן בייס־אוילעם האָבן די מיטגלידער איבערגענומען די מיטע און אַריינגעטראָגן דעם ניפטער אין טאַרע־שטוב צו טון אים זיין רעכט.

מען פאָרעט זיך

אין דרויסן האָט בעריש פּיאָנטקעס, אָדער בערעש דער שוואַרצער אַרומגעשמאַיעט צווישן די זין און איידעמס און גוט געוווסט דעם פּסיכאָלאָגישן מאָמענט ווי אַזוי צוגיין צו אַן אוול און באַקומען אַ 2 גילדן, אַ האַלבן רובל, אָדער אַ גאַנץ קערבל פאַר אַ שאַלעשידעס פאַר דער כעוורע נויסיי־האַמיטע, און אַףֿ מאַכן אַ לעכאַים נאָך דער קוורע פאַר זיינע מיטאַרבעטער וואָס איז פאַר לאָדזשער יידן פון אַלע שיכטן נישט געווען קיין ייכעס איבערהויפּט באַ כסידים.

זאָגנדיק פּסוקים טילים זיינען מיר צוגעקומען ביזן אָפענעם קייווער, און צווישן האַרצרייסנדיקע געזעגענונגס־געשרייען האָט איינער פון דער פאַמיליע וואָס האָט גוט געקענט די שוואַרצע פּינטעלעך, געמאַכט אַ מאָלע און דער עלצטער זון האָט געזאָגט קאַדיש. די מענער מיסאַסקים האָבן געשניטן קריע באַ די מאַנסבילן, דאָס זעלבע די פרויען באַ די טעכטער און זיי געוווינטשן מער נישט וויסן פון קיין צאַאַר. און ווען די קאַבראָנים האָבן געהאַט פאַרענדיקט די אַרבעט האָט זיך געהערט דאָס סווישטשען פון די שפּאַדלען צווישן די זאַמדיקע שטיינדלעך מיט וועלכע דער קייווער איז פאַרשאָטן געוואָרן. צוביסלעך האָט אָנגעהויבן צופאַלן דער אָוונט, האָבן מיר אַףֿ צוריקוועגס שוין גע־

טראָגן די מיטע און אין האַרצן האָט יעדער מיטגליד ווי געפילט אַז מען האָט אום יאָנטעוו אָפּגעטון אַ גרויסע יידישע מיצווע.

די לעוואַיע בײַ שייבלערס מאַרק

מיר איז אויסגעקומען נאָך מיין באַר־מיצווע צו באַטייליקן זיך אַליין, און אָפט מיט מיין פאָטער אָלעווהאַשאָלעם, ביזן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג פון 1914, אין אַ סאַך לעוואַיעס אין לאָדזש און פון פּאַרשידענע פונקטן צו טראָגן. אָבער בלויז וועגן צוויי אַזעלכע לעוואַיעס וויל זיך דאָ דערציילן אין אונדזער אויסגאַבע.

עס איז געווען דעם צווייטן טאָג סוקעס. איך קום אָן מיט נאָך מיינעם אַ כאַווער יאַנקעלע גומפּעלעוויטש (יאַנקעלע מערדער), מיר זיינען שוין ראָע פאַרעכנט צו ווערן צום מיניען ווייל מיר לייגן שוין טפילן. מיר און נאָך 18 יידן געפינען זיך מיט דער מיטע אין דער קריסטלעכער געגנט אַף גלוונע, לעבן שייבלערס מאַרק. דאָ איז געשטאָרבן אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַ גלעזער, וואָס איז געקומען פון שטעטל זלאָטשעוו אַרבעטן קיין לאָדזש און האָט געוווינט בײַ אַ יידישן דראָזשקאַזש אַפן הויף.

קימאַט אַן עלנטער. אַ פּאָר פרויען שכיינים קרעכצן, אַן אָרעמער ברודער אַ לאָמער אַף איין פוס באַוויינט אים. מיר לייגן אַרויף דעם באַר־מינאַן אַף דער מיטע. מיר נעמען מיט דעם אַלטן טאַלעם. אַ געל צעריסענעם. קיין קיטל האָט ער נישט געהאַט. שאַיעלע נאַכאַל גיט דעם באַפעל: — „טראָג צום פעלד!"

שאַיעלע איז דער וואָס דאַרף זאָרגן, אַז די פּאַפּירן זאָלן זיין אין אָרדענונג און צו זיין טויטן גאַרדעראָב זאָל גאָרנישט פעלן, און צי איז עפּעס פאַראַנען אַ רייכער פעטער, אָדער קאָרעוו צווישן די נאָענטע... וועט זיין צו מאַכן אַ קויסע, און אַ גרויסע. די גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן. ווען מיר באַווייזן זיך מיט דער שוואַרצער מיטע באַדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך אַף וועלכער עס זיינען אויסגעשטריקט פון איין זייט די ווערטער „כעסעד שעל עמעס" און פון דער צווייטער זייט „נויסיי האַמיטע". אַרום איז דער צודעק פאַרענדיקט מיט שוואַרצע פראַנדזן. אָפּגעגאַנגען צוויי גאַסן לאַנגזאַם פאַרקירעווען מיר אַף זייטיקע גאַסן און הויבן אָן „לויפן" מיטן מעס. דער אוילעם שכיינים פאַרדרייען זיך, קערן זיך אום אַהיים און מיר גייער איבער די גאַסן קימאַט קריסטלעכע. צוליבן פאַריכטן דעם ברוק מוז די לעוואַיע גיין אַ ווײַטערן מאַרשרוט דורך ניקאָלאַיעווסקע. אין פּשעיאַזד געפינט זיך דער קאַטוילישער קלויסטער. די קריסטלעכע דורכגייער שטעלן זיך מיטן פּאָנים צו דער מיטע, ציילעמענדיק זיך און זאָגן: „אין נאָמען פון גאָט, זײַן זון און הייליקן גײַסט אָמען". אַ טייל מענער נעמען בלויז אַראָפּ דאָס היטל צוליב רעספּעקט און קאָווער פאַרן טויטן. די עלטערע קריסטן שעפּטשען גאַנץ אַפן קאָל: „ניעך בענדזיע פּאָכוואַליאָני יעזוס קריסטוס".

מיר, וואָס טראָגן די מיטע, און די איבעריקע פון אונדזער כעוורע פון נויסיי האַמיטע האַלטן אין איין איבערכאַזערן אַזאַ פּאָסעק: „שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא". ענדלעך זײַנען מיר צוגעקומען צו די יידישע גאַסן. אַף ביידע זײַטן טראָטואַר האָבן שפּאַצירט יונגע פּאָרלעך. דער עלטערער אוילעם איז געגאַנגען שפּאַצירן מיט די הענט פאַרלייגט אַף הינטן. די יאָנטעוודיקע האַלבאָשע פון אַטלעסענע און טוכענע קאַפּאָטעס און אַ אנצוגן האָבן אַראָפּגעשיינט. אין די טויערן פון די הויפן זיינען געזעסן און געשטאַנען קופּקעס מענטשן אין רעדלעך. יידן האָבן זיך געקאָהעלט און שטאַרק געמאַכט מיט די הענט. ווייבער אין שייטלעך, באַבעס אין קופּקעס פון טול מיט בלישטשענדיקע שטיינער ווי דימענטן, באַפּוצטע, האָבן בײַ דער פאַרביילויפנדיקער לעוואַיע אָפּט אַ פרעג געטון: „ווער איז דער פאַרשטאָרבענער?"

אַפן בזשעזינער וועג

אַף דעם לעצטן שטיקל וועג איז דאָס טראָגן געוואָרן שווערער מאַכמעס דער ברוק איז געווען אויסשליסלעך פון רונדע פעלד־שטיקער געפלאַסטערט. און די לעכער אין וועלכע עס האָט זיך געזאַמלט רעגן־וואַסער פון די לעצטע טעג האָט מען נישט געקענט אויסמיידן, פייוויש פּאָדעמביצער האָט פון דיקייט שטאַרק געסאָפּעט, און אַלע ווײַלע געשנייצט די נאָז. צוערשט מיט איין פינגער און באַלד מיטן צווייטן און אָפּווישנדיק סיי דאָס פּאָנים, סיי די נאָז מיט דעם אַרבל פון זיין יאָנטעוודיק כאַלאַטל, האָט עס דערפאַר אַף די ערטער געהאַט באַזונדערע גלאַנצן און שטייפקייט. מיר אַלע זיינען שוין געווען גאַנץ מיד פונעם אַרויף און אַראָפּ מיט דער מיטע פון די לעכער און קאַנאַוועס וואַסער. די מיטגלידער האָבן געשווינגן. זיך אָפּטער געביטן מיט דער מיטע. יאָשקע דזיאַבאַק, אָדער יאָשקע בלעכער, איז מיט גרויס אַנגסטן דערגאַנגען ביזן פעלד. די איבעריקע זיינען געקומען מונטער, אָבער נאָס ווי די קעץ פונעם טראָגן איבער 2 שאָ צייט, איבער דעם גרויסן אומוועג. און מיט דער באַשפּריצטער בלאָטע אַף די בגאָדים, — אַ זאַך וואָס איז געווען אומפאַרמיידלעך, — זיינען מיר אָנגעקומען צום גרויסן יידישן בייסאַלמין.

אין טאַרע שטיבל

איך בין שוין צו יענער צייט געהאַט געווען מערערע מאָל אַפן יידישן פעלד מיט די מיטגלידער פון נויסיי־האַמיטע. איך האָב זיך אָבער נישט דעצידירט אַריינצוגיין אין דער טאַרע שטוב. דאָס מאָל האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען ווי אַזוי די מיסאַסקים וואַשן דעם באַר־מינאָן. נאָכן אָפּוואַשן ציען זיי איבער צוויי ברייטע רימענס איבער דעם טויטן גוף צום וואַשן. אונדזערע מענטשן העלפן מיט אַ הענטל אויפהייבן די ווייסע מאַרמאָרנע ברעט, און מען גיסט דאַן אָפּ מיט צוויי עמערס וואַסער דעם מעס. דערביי זאָגן אַלע אַ פּאָסעק וועלכן איך געדענק שוין נישט. די ערשטע פּראָצעדור איז פאַרטיק, קומט די אַנדערע. די מיסאַסקים, שוין עלטערע יידן מיט מיט גראָע בערד שערן אָפּ די נעגל, און טוען אָן די וויפּראַווע וואָס באַשטייט פון טאַכריכים ווייסע, אַ טאַלעס, אויב ער איז אַ געהייראַטער, אַ קיטל אויב ער האָט געהאַט, מען מאַכט אַזעלכע שלייפן וואָס יעדן פון אונדז האָט אינטערעסירט זיך אויסלערנען אויסבינדן.

דער לעצטער גאַנג

די מיטגלידער, שוין אָפּגערוטע נעמען דאַן איבער דעם באַר־מינאַן אַ ריינעם צו זײַן לעצטן גאַנג. פון טאַ־

רע שטוב גייט מען דורך אַ גרויסן פוסטן זאַל מיט אַ מאַרמאָר־געפלאַסטערטן פאָל. באַ אַ טייל פון אונדזערע מיטע־טראָגער זיינען אַף די שטיוול אָנגעקלאַפּט אייזנדלעך הילכט אָפּ דער עכאָ אין דער הויך. דעם אָפּקלאַנג פון די טריט געדענק איך נאָך היינט. מאַכמעס דער גרויסער זאַל מיט זיין שוואַרצער האָלץ־גאַלעריע באַצירט מיט טייערן שוואַרצן טוך און ליכט אַרום, האָט אַף מיר דעם 13 יאָריקן באָכער אָנגעוואָרפן אַן איימע. שפּעטער בין איך געוווירע געוואָרן, אַז דאָ, אין דעם זאַל, ווען ס'איז געשטאָרבן אַ גרויסע יידישע פערזענלעכקייט אין לאָדזש, פלעגט דער כאַזן מאַכן אַן „איל מאָלע ראַכמים“.

באַם אָפּענעם קייווער

דאָ זיינען קיין זייטיקע פריינט קימאַט נישט געווען, איז אַלץ געגאַנגען שנעל. דער קערפער אין דער טיפער ערד. צוויי ערדענע שערבלעך אַף די אויגן, איינס אַפן מויל, צוויי איינצל־ברעטער אין די זייטן, צוויי צוגעדעקט. דער קאַברען האָט אַריינגעלייגט אַן אַלט שלעסל באַ דער זייט (דערמיט זאָל די ערד פאַרשלאָסן ווערן) אַ פאָר קרעכצן פון אונדז באַגלייטער; אַ בעטן מעכילע און מיר קערן זיך אום מיט אַ צווייטער סטעזשקע צוריק צום לעבן.

מען קאָמענטירט ווי אַזוי עס שטאַרבט אַ ייד אַן אָרעמאַן. דערווייל כאַפּט מען זיך אַריין צו די מיסאַסקים אין שטוב צו מאַכן אַ לעכאַים מיט עפּעס איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ. מען דאַוונט מיט מיניען מינכע און מען לאָזט זיך ווידער צו פוס צוריק אַהיים. צו מיירעוו צו פראַווען דעם ווייטערדיקן יאָנטעוו מיט אָפּגעטוענע מיצוועס, אַזוי ווי גאָט האָט געוואָלט, און ווי לאָדזשער פאָלקס יידן האָבן מעקאַים געווען, און האָבן פאַרשטאַנען צו געבן דעם לעבן אַ טיפערן אינהאַלט.

מיר מאַכן אַ לעכאַים

אַפן יידישן בייסוילעם האָבן געוווינט אַ גאַנצע ריי יידישע פאַמיליעס. דאָרט איז אַ כוץ מייסים געווען פול מיט לעבן .די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן אָן מוירע. מען האָט געפּראַוועט דאָ סימכעס יידישע, דאָ איז אויך געווען אַ כוץ אַ קליין שילכל ווו מען האָט געדאַוונט, אויך אַ שענקל ווו מען האָט צוגעביסן. די פרויען פון די מיסאַסקים האָבן דאָס געהאַלטן אַלס צוגאָב צו זייער פאַרנאָסע און איצט נאָך דער לעוואַיע זיינען מיר קימאַט אַלע אַריין אין דעם שענקל מאַכן אַ לעכאַים און צובייסן פייסעכדיקע כרעמדזלעך. מיין עלטערער כאַווער, אַ באָכער פון 15 יאָר, יאַנקעלע מערדער, זייער אַ געוואַגטער, וואָס פלעגט אַליין זיך וואַרפן קעגן שקאָצים און זיי גוט אָנברעכן די ביינער, ווען זיי פלעגן באַ אַ קליינער לעוואַיע פראָוואָצירן וואַרפנדיק מיט אַ שטיין דעם אָרן פון אַ פאַרבייגייענדער לעוואַיע, האָט מיך מיטגערופן מאַכן אַ קויסע מיט אַ צוביים, און געמיטלעך האָט אונדזער אוילעם גענומען איינע און אַ צווייטע פייסעכדיקע קויסע און זיך גוט דערוואַרעמט. האָט איינער צווישן אונדז יאָסעלע טאַמעוואַטער זיך צעזונגען בעזע האַלאָשן:

„הער נאָר, דו מאַקאַראָוו,
וואָס מיינסטו, דאָס איז דיר קעשעניעוו?
דו האָסט געטון קליינע קינדער קוילן,
פאַר קעשעניעווער בלוט
באַצאָלט דיר יאַפּאָן גוט.
ווייל דו האָסט געטון קליינע קינדער קוילן“.
אַ אַז. וו.

דערנאָך איבערכאַפּנדיק עפּעס האָט ער געזונגען אַ סאַטיריש לידל קעגן די רוסן:

„העי לאַסטאַטשקאַ פּאָי,
פּאָרט־אַרטור אוזשע ניע טוואָי.
יאַפּאָנצי פּאָבילי
אי רוסקי אַדרילי
פּאָי לאַסטאַטשקאַ פּאָי“.

און בעריש פיאָנטקער האָט געהאַלטן אין איין שיטן מיט פסוקים פון דער טוירע — אַ צופרידענער און אַלע האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין ווי אַן אויטאָריטעט האָט ער זיך אַ שטעל געטון האַלב בעגילופן צוגעגאַנגען צום מיסאַסעקס ווייב. און באַצאָלנדיק פאַר דעם לעכאַים מיט די כרעמדזלעך האָבן מיר זיך אין דרויסן אָנגעטראָפן שוין מיט אַ גוטער טונקלקייט. מיר יונגע כעווירע האָבן זיך אַף צוריק געלאָזט אַהיים אַף דעם צווייטן טאָג פייסעך ווען מען דאַרף שוין נישט פראַווען קיין סיידער־נאַכט, אָן פליכטן צו דער שטוב נאָר זאָרגן וועגן די כויל האַמויעד אַרבעטס־טעג.

שלום

זאָלן דעריבער פאַראייביקט ווערן אין אונדזער צווייטער אויסגאַבע פאַר לאָדזש און אומגעגנט די אַלע מענטשן וואָס זיינען אומגעקומען דורך די דירעקטע ראָצכים פון יידישן פאָלק, די נאַציישע טאַליאָנים. און פאַרשאָלטן זאָל ווערן דאָס געביין אַף דוירעס פון זייערע אומדירעקטע אַרויסהעלפער די יודן־ראַטניקעס פון רומקאָווסקים שניט און זיינס גלייכן.

רום און לויב צו די וואָס האָבן געטון גוטס און מיצוועס לויט זייער איבערצייגונג פאַר אונדזער אייביק לעבעדיקן יידישן פאָלק און געפאַלן אין געטאָ צי אין די לאַגערן מיט אַ קלאָלע אַף די ליפּן: לאָמיר טיף האַסן די מערדער.

לאָמיר זיין די ווירדיקע יאָרשים פון אַזאַ פולסירנדיק, פולבלוטיק, אַלזייטיק יידיש לעבן ווי די לאָדזשער יידן און פון אַרום לאָדזש האָבן געהאַט. מיר דערמאָנען די נעמען מיט גרויס פיעטעט און מיט די אָנגעשריבענע ווערטער שטעלט דער לאָדזשער לאַנדסלייט־פאַריין אַ לעבעדיקע מאַצייווע די אַלע מענטשן פון דער כעוורע „נויסיי האַמיטע“ אין לאָדזש און אומגעגנט, וואָס האָבן געווירקט אין זייער צייט לעטויוועס האַקלאַל.

די מענטשן דערמאָנען מיר אַזוי ווי מיר געדענקען זיי לויט זייערע שטעטלעך און לויט זייערע ספּעציפישע צונעמען.

פייוויש פאָדעמביצער, בעריש פיאָנטקער, שאַיעלע נאַכאַל, יאָסעלע טאַמעוואַטער, יאַנקעלע מערדער (גומפלעוויטש), נאָסן פיעקאַזש (אַן אַזאַרקאַווער) טויוויע שליאַכטשיץ מיט די זין (אַ בעלכאַטעווער), דער הויכער שלוימע פון ווורקע, נאָטע און בענציען בזשעזשינער, לייביש קישקע (אַ בוטנער), יאָסעף צימערמאַן, לייבעלע טערטלמאַכער (אַן אייגענער פאָטער), דער הויכער שימען פון גראַבאָווע, און נאָך צענדליקער טוער פון דער כעוורע „נויסיי האַמיטע“, וועמענס נעמען איך געדענק נישט גענוי.

ערע זייער אָנדענק.

מייער הערשקאָוויטש

אין יענע יאָרן...

(עפּיזאָד)

אין איינעם פון די לעצטע טעג, ווען אונדזערע לאָדזשער אין אַרגענטינע האָבן געהאַלטן אין גרייטן דעם צווייטן נומער „אונדזער לאָדזש”, איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון מייַנעם אַ יוגנט־כאַווער, וואָס וווינט איצט אין ברוקלין. דער דאָזיקער בריוו האָט אַרויפגעבראַכט אַף מייַן זיקאָרן אַן עפּיזאָד, וואָס אויב אַפילע עס דאַכט זיך, אַז ער האָט ניט קיין שום שייַכעס מיט די צילן, וועלכע עס האָבן זיך געשטעלט די וואָס האָבן פאַרטראַכט דאָס אַרויסגעבן אונדזער בולעטין, דערציילט ער אָבער זייער אַ סאַך וועגן דער לופט, אַטמאָספער און שטימונג, אין וועלכע עס איז אונדזערע לאָדזשער ייִדן אויסגעקומען צו לעבן אין דער צייַט פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

:: :: ::

נאָך דער אָקופּאַציע פון דייַטשישן מיליטער איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין פּוילן געוואָרן אַן אומדערטרעגלעכע.

אונדזער היימשטאָט לאָדזש, וואָס האָט ווי אַ סאַמבאַטיען קיינמאָל ניט גערוט און ביז דער וועלט־מילכאָמע זיך אַנטוויקלט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אימפּעט, איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס זייַנען מיט אַמאָל שטיין געבליבן די טויזנטער וועב־שטולן, עס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער הו־האַ פון דער אַלטשטאָט; דאָס לעבעדיקייט פון שאַכער־מאַכער; דער טומל און גלאַנץ פון נאַוואָמיעסקי און פּיעטריקאָווער. אַלע גאַסן, ווּ עס האָט פריִער גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק, האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן זייער אויסזען און כאַראַקטער. דער זודיקער און ברויזנדיקער קעסל לאָדזש איז שטיל געבליבן. נישטאָ שוין מער דער וויר־וואַר פון קויפן און פאַרקויפן; דאָס קעסיידערדיקע אויפלאָדן פון די פאַרטיקע סכוירעס, וואָס זייַנען אַוועק אין די ווייַטסטע מערכאָקים פון וועלט־מאַרק. מען זעט שוין ניט די טויזנטער קוינימלעך פון דער פּראָווינץ. נישטאָ שוין דאָס רייַסן באַ די פּאָלעס פון די פּריקאַז־שטשיקעס באַ די פאַרבייַגייער.

אָט דאָס אַלץ, וואָס האָט פריִער געשאַפן דאָס רייַכע פילפאַרביקע בילד, וואָס האָט געהייסן לאָדזש איז — באַ די ערשטע קאַנאָנען־שאָסן און אינוואַזיע פון די דייַטשן — פאַרשוווּנדן.

אַף די לאָדזשער גאַסן האָט מען איצט געקענט זען מענטשן פאַרזאָרגטע, וועלכע האָבן געלייענט און שטודירט די אויסגעקלעפטע מעלוכע־מעלדונגען וועגן מאָביליזאַציע. מען האָט אָפט געזען האַרצרייַסנדיקע סצענעס ווי אַ מאַן געזעגנט זיך מיט ווייַב און קינד, און געזען האָט מען לאַנגע רייען פאַר די בעקערייַען, פאַר די שפּייַז־קראָמען און אומעטום ווּ עס פלעגט נאָר פאַרקויפט ווערן לעבנסמיטלען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פילן דער הונגער, וואָס האָט זיך צעלייגט אין אַלע הייַזער און באַ אַלעמען אַף די פּענימער.

צו דעם אַלעמען, צו די מילכאָמע־פּלאָגן, צו די שלעכטע יעדיִעס פון די אייגענע וואָס זייַנען אַוועק אַפן פראָנט, צום הונגער און קראַנקייטן, וואָס די מילכאָמע האָט מיט זיך געבראַכט, זייַנען צוגעקומען די עקסצעסן, רויבערייַען פון אַלע אַרמייען.

די רוסן האָבן זיך געזעגנט מיט לאָדזש דורך אַ פּאָגראָם און איבערפאַלן אַף ייִדן. אויך די פּאָליאַקן זייַנען ניט געבליבן מיט פאַרלייגטע הענט. ווער געדענקט ניט יענע טרויעריקע טעג אַף דער אַלטשטאָט. און די דייַטשן זייַנען אָנגעקומען און גענומען אויסליידיקן די שטאָט און באַווייַזן אַף וואָס זיי זייַנען פּעיִק.

זיי האָבן אַרויסגעפירט פון דער שטאָט אַלע רוי־שטאָפן, אויסגעפאַרטיקטע סכוירעס, אַלע מאַשינען, מעש, קופּער, גאָלד, זילבער און — וואָס ניט?

דאָס אַלץ און איבערהויפּט דער הונגער האָט געשטויסן דערצו, אַז מען זאָל זוכן כיונע און עפּשער אויך אַביסל רו אין די פּראָווינץ־שטעט.

אין יענע טעג האָט מייַן פאָטער ע"ה צוזאָמענגענומען דאָס ביסל אָרעמקייט און אַרויסגעפאָרן קיין קיעלץ. דאָרט פאַר די לעצטע גראָשנס זיך אייַנגעקויפט אַ שטיקל הייַזקע מיט אַ שטיקל אייגן פעלד.

ניט אַזוי לייַכט איז אונדז געווען זיך צו שיידן מיט אונדזער היימשטאָט לאָדזש, ווּ איך האָב געשטעלט מייַנע ערשטע טריט אין לעבן און געהאַט אַזויפיל כאַוויירים און פרייַנט. אַזוי האָבן געפילט אַלע מייַניקע, מייַנע ברידער און שוועסטער, און ניט ווייניקער איך. איינער פון מייַנע נאָענטסטע כאַוויירים, מיט וועמען איך בין געווען מערער פאַרבונדן איז געווען אַווראָם קופּערבערג.

אַ שטיק צייַט בין איך טאַקע געשטאַנען מיט די כאַוויירים אין שריפטלעכער פאַרבינדונג, ביז איך האָב זיך צו ביסלעך אייַנגעלעבט אין אונדזער נייַעם וווינאָרט.

מיר פלעגן אָבער אומגעדולדיק דערוואַרטן די צייַטונגען פון לאָדזש און וואַרשע, און נאָכפאָלגן אַלע פּאַסירונגען פון אונדזער היימשטאָט.

אַזוי האָבן מיר געוווינט אין קיעלץ ביז 1920.

שטעלט זשע אייַך פאָר מייַן ווייטיק, ווען אין אַ טאָג לייען איך אין דעם „לאָדזשער טאָגבלאַט”, אַז אין סקערנעוויץ איז געווען אַ פּאָגראָם, און צווישן די אויסגערעכנטע נעמען פון די אומגעקומענע, געפין איך דעם נאָמען פון מייַן טייַערן כאַווער אַווראָם קופּערבערג.

די יעדיִע האָט מיך מאַמעש דערדריקט, און איך האָב אַזוי שנעל צו זיך ניט געקענט קומען.

:: :: ::

דאָס איז געווען מיט אַ יאָר שפּעטער.

די אַטמאָספער אין דער „באַפרייַטער” און „זעלבסטשטענדיקער” פּוילן איז אויך נאָך דער מילכאָמע ניט געוואָרן געלייַטערט. פאַר ייִדן איז אַלץ קיין פּלאַץ ניט געווען, און די אימיגראַציע־וועגן האָבן געפירט זוכן אַנדערע היימען. אויך איך האָב זיך געלאָזט אין דער וועלט אַרייַן. און אָט בין איך אין דייַטשלאַנד.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען 19 יאָר. אַליין אין דער פרעמד, אָן קרויווים, אָן פרייַנט. איך האָב געהאַט אַן אַדרעס צו אַ ייִדן. דאָס איז געווען אַ זון פון אַ מיזרעד־ייִדן, וואָס האָט שוין באַוויזן זיך צו אַסימילירן און זיך פאַררעכנט פאַר איינעם פון די דייַטשישע „יאַהודים”. ער האָט די טיר אַפילע ניט געעפנט, נאָר דורך אַ שפּאַרע אויסגעהערט מייַן לאַגע, אַז איך האָב אַפילע ניט קיין 20 פעניג אַף אַ קאַווע. ער האָט מיר גלייַך געהייסן גיין. נאָר אַן אייצע האָט ער מיר יאָ געגעבן:

— גייט אַרויף אַף דער גרענאַדיר־שטראַסע. דאָרטן דרייען זיך אַרום אַ פּאַסקודנע פּאָר הונדערט ייִדן, וועט איר דאָרט בעטן הילף.

וו. ה. איוואַן

אַרכיוו־דאָקומענטן פון לאָדזשער געטאָ

צווישן די פאַרשידענע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען פאַרבליבן פון דער בלוטיקער היטלער־אָקופּאַציע אין פוילן און ווערן איצטער צונויפגעזאַמלט און באַאַרבעט דורך די מיטאַרבעטער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, האָבן מיר אויך אַ זייער ווערטפולע דאָקומענטן־זאַמלונג פון לאָדזשער געטאָ.

אין ליכט פון די דאָקומענטן דערזעען מיר די גרויסע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהערשט איבער דעם הערמעטיש־פאַרמאַכטן געטאָ, דעם אַרבעטס־לאַגער, וואָס האָט זיך מיט יעדן טאָג אויסגעברייטערט אַלס מער און מער, די צענדליקער אַרבעטער־רעסאָרטן און אינסטיטוציעס, די ברייטע נעץ פון עפנטלעכע קיכן, וו אַלץ האָט לויט רומקאָווסקיס אויסדרוק „געקלאַפּט ווי אַ זייגער".

צווישן די אַלע „פּראָזאַישע" מאַטעריאַלן האָבן מיר אויך אַרכיוו־דאָקומענטן וואָס דערציילן אונדז וועגן ליטעראַריש־אַרטיסטישע אַרויסטריטן אין געטאָ, מיר דערוויסן זיך פון די מעלדונגען, פּראָגראַמען און יעדיעס אין דער „טאָג־כראָניק" וועגן די אונטערנעמונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען פון צייט צו צייט אין דעם קולטור־הויז אַף דער קראַוויעצקא גאַס 3, און אויך אין קיכן און אַנדערע לאָקאַלן.

אין די אַרויסטריטן האָבן זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט די לאָדזשער אויך באַרימטע גרויסע קינסטלער, וואָס זיינען פון פאַרשידענע אָקופּירטע לענדער, געבראַכט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ אַריין, און דאָ האָבן זיי שפּעטער געטיילט דעם זעלבן גורל, וואָס די פּוילישע יידן.

וועגן לעבן פון די יידישע שרייבער האָבן מיר זייער קאַרגע יעדיעס און די אָפיציעלע רומקאָווסקי־מאַטעריאַלן. און ס׳זיינען אויך זייער ווייניק אָפּגעפונען געוואָרן מאַנוסקריפּטן פון די אומגעקומענע לאָדזשער דיכטער און שרייבער.

אין 1940 האָט די טעאַטער־סטודיע „אַוואַנגאַרד", אונטער דער רעזשי פון געוו. אַרטיסט פון „אררט" מוישע פּולאַווער, געגעבן אַ פאָרשטעלונג אונטערן נאָמען „יידן שמידן". אין פּראָגראַם זיינען אויסגעפירט געוואָרן שאַפונגען פון די דיכטער מוישע בראָדערזאָן, ה. לייוויק, איציק מאַנגער און מוישע קולבאַק. מוזיק פון הענעך קאָהן און דאָוויד בייגעלמאַן, דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פּינכעס שוואַרץ און י. טאַבאַק.

מוישע פּולאַווער האָט אויך רעזשיסירט און אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג דריי רעווי־פאָרשטעלונגען, ווו ס׳זיינען געגעבן געוואָרן מאָנאָלאָגן, סקעטשן, אַקטועלע געטאָ־בילדער און לידער. טעקסטן האָבן געשריבן: ש. יאַנאָווסקי, מוישע וואָלמאַן, אַווראָם יאַכימאָוויטש, א"א. מוזיק — דאָוויד בייגעלמאַן.

דעם ערשטן מערץ 1941 איז אין דער קיך אַף דער בערקאַ־יאָסעלעוויטשאַ 16 פאָרגעקומען אַן אָוונט געווידמעט דער יונגער יידישער דיכטונג. ווער ס׳האָט זיך באַטייליקט אין דער אימפּרעזע ווערט אין דער כראָניק נישט אָנגעגעבן.

ס׳זיינען אויך פאָרגעקומען אוינעג־שאַבאָסים מיט ליטעראַריש־אַרטיסטישע אויפטריטן, רעציטאַציעס פון יעראַכמיעל בריקסן אין קיכן, שולן און אין קיבוצים.

דעם 23טן סעפּטעמבער 1940 איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט אונטער דער מוזיקאַלישער לייטונג פון באַקאַנטן דיריגענט טעאָדאָר רידער. אין פּראָגראַם: די ווערק פון מענדעלסאָן, מאָצאַרט, בעטהאָווען. אין די אַרכיוו־מאַטעריאַלן ווערט אויך דערמאָנט וועגן אַן אָרקעסטער, וואָס האָט עקזיסטירט באַם לאַנדווירטשאַפט־קרייז אונטערן נאָמען „די זון".

דעם 17טן מערץ 1941 איז פאָרגעקומען אַ מוזיקאַליש־וואָקאַלישער אַרויסטריט פון די שול־קינדער. דער דאָזיקער קינדער־אַרויסטריט האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. פּורים 1941 איז דער „האַזאָמיר־כאָר" דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעטראָטן אין געטאָ מיט זיין פּראָגראַם.

דעם 19טן אַפּריל 1941 איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט די זינגערן מיניאַ בערן און דער אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון דאָוויד בייגעלמאַן. עס זיינען אויסגעפירט געוואָרן עטלעכע מוזיקאַלישע נומערן, צווישן אַנדערע: „אַ נאַכט אין טעל־אַוויוו" פון דאָוויד בייגעלמאַן און אויך די ווערק פון די קאָמפּאָזיטאָרן ראָסיני, העראָלדי, א"א.

עטלעכע אַרויסטריטן פון דער באַקאַנטער פידלערן בראָניסלאַוואַ ראָטשטאַט, קאָנצערטן פון זינגער ניקאָדעם שטיימאַן פון בערלין, אויפטריטן פון דעם באַקאַנטן פידל־ווירטואָז אַנטאָן קראַפּט פון פּראַג.

קאָנצערטן פון דעם הויך־טאַלאַנטירטן קלאַוויר־מייסטער בירקענפעלד פון ווין.

דאָס זיינען אין קורצע ווערטער איבערגעגעבן וועגן דעם, וואָס מיר טרעפן אָן אין די אָפיציעלע דאָקומענטן וועגן דער קולטור־טעטיקייט און אַרטיסטיש־מוזיקאַלישע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם הערמעטיש־פאַרמאַכטן לאָדזשער געטאָ.

גרענאַדיר־שטראַסע אין בערלין איז אין יענער צייַט געווען ווי אין בוענאָס־אייַרעס לאַוואַזשע און כונין.

איך בין אַוועק אין דער ייִדישער געגנט, וואָס הייסט גרענאַדיר־שטראַסע. עס איז מיר בעסמעס לייַכטער געוואָרן אַפן האַרצן. דאָ זעט מען אונדזעריקע ייִדן, מיט באָרד און פּייעס, מיט טאַלעס און טפילין אונטערן אָרעם.

איך גיי אַרייַן אין אַ קאַפע, דערזע עפּעס אַ באַקאַנט פּנעם. איך קוק זיך צו. עס איז מייַן כאַווער אַווראָם קופּערבערג.

איך האָב מייַנע אויגן ניט געגלויבט. איך ווייַז אים דאָס שטיקל צייַטונג מיט דער ידיִע וועגן זייַן טויט. ער דערציילט מיר, אַז ער איז ווירקלעך געווען צווישן די געליטענע פון פּאָגראָם. ער האָט געהאַט אַ סאַך מעסערשטעך. אָבער מען האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל און געראַטעוועט.

אָט אַזוי האָב איך צוריק געפונען אַ לעבעדיקן כאַווער, וועמען איך האָב שוין געהאַלטן פאַר טויט.

:: :: ::

איך האָב דאָס אַלץ דערציילט, קעדיי אויפצולעבן אָט יענע פּוילן, ווו פּאָגראָמען און אומברענגען ייִדן איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך.

און ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז איצט אין דעם נייַעם פּוילן, ווו עס בויט זיך פונסנייַ אונדזער היימשטאָט לאָדזש, איז יעדער ראַסן־פאַרפאָלגונג פאַררעכנט פאַר אַ מעלוכע־פאַרברעכן, בענטשן מיר אירע בויער און עס ווערט אין אונדז פעסטער דער גלויבן אין אַ וועלט פון גערעכטיקייט, ווו עס וועט מער ניט הערשן קיין סינע פון מענטש צו מענטש און פאָלק צו פאָלק.

דער לאָדזשער גיבער

(אַ ליד וועגן זישע ברייטמאַרד — וואָס פלעגט געזונגען ווערן פון לאָדזשער טרעגער — וואָס פלעגן יאָרן־לאַנג נאָך זישע ברייטבאַרדס טויט, שטאָלצירן מיט דעם יידישן גיבער, וועלכער איז אויסגעוואַקסן און ניסגאַלע געוואָרן צווישן דער לאָדזשער אָרעמקייט)

אין אַ לאָדזשער ענגן שטיבל
נישט גאָר רייכע טאַטע־מאַמע,
האָט דערצויגן זיך אַ באָכער,
געהערט האָט איר עס מינעסטאַמע.

זישע האָט מען אים גערופן
און באַקאַנט איז ער געוואָרן,
אַלס אַ קרעפטיקער און שטאַרקער
שוין אין זיינע קינדער־יאָרן.

נאָך בעייסן גיין אין כיידער
האָט ער אַלע שוין געהייסן
ברענגען זיך שטיקלעך קייטן
און געפּרווט האָט ער זיי רייסן.

העלדיש איז ער אויסגעוואַקסן,
שיין און מיט באַכיינטע אויגן,
זייענדיק נאָך גאָר אַ יינגל
האָט ער אייזן שוין געבויגן.

זיינע שרעקלעכע געוועורעם
האָבן דאַן באַוווּנדערט אַלע,
נישט איין מאַמע האָט איר טאָכטער
געוואָלט אים געבן פאַר אַ קאַלע.

זישען האָט אַלס קינד געצויגן
צו זיין אין סוויווע פון אַטלעטן,
און ס'האָט דאָך נישט געהאָלפן
וואָס זיין מוטער האָט געבעטן,

אַז ער זאָל קיין קעמפער ווערן
אין קיין צירקן קיינמאָל שפּילן,
נישט געקענט האָט אונדזער זישע
זיין אַטלעטן־כיישעק שטילן.

עס איז אַ צייט דאַן פאַרלאָפן
יאָרן זיינען זייער אַריבער,
זישע איז אויסגעוואַקסן
אַלס העלד און גרויסער גיבער.

ער פאַרלאָזט דאַן טאַטע־מאַמע
און זיין שטוב פון קינדער־יאָרן
צו אַנטוויקלען זיך די גוורע,
פּרווט ער אין דער וועלט צו פאָרן.

שפּילט זיין מאַזל איבער אַלעם,
יעדער איז אים אונטערטעניק,
און מען קרוינט אים דאָרט אין אויסלאַנד
מיט דעם נאָמען אייזנקעניג.

זישע ברייטבאַרד

זישע ווערבט זיך אָן אַ רייכטום,
וואָס אַ טאָג אַלץ מער און מער
און זיין קויעך און זיין גוורע
מאַכט אים זייער פּאָפּולער.

אין אַ שיינעם העלן מאַרץ־טאָג
האָט אַ מעלדונג זיך באַוויזן,
אַז געקומען איז קיין וואַרשע
איינער פון די גרעסטע ריזן.

און ער וועט באַווייזן וווּנדער
און גוורעס אָן אַ שיר,
ער וועט רייסן גראָבע קייטן
פּונקט ווי יעדער רייסט פּאַפּיר.

וועגן דעם גאָר גרויסן גיבער
האָט געוווּסט שוין יעדער איינער,
אַז דאָס איז דער לאָדזשער זישע
וואָס בייסט אייזן מיט די ציינער.

אַלע נאַכט אַלץ פרישע מענטשן
געלאָפן זיינען זישען זען,
געוואָלט האָט יעדער אַף דער סצענע
דעם גרויסן גיבער דאָרט באַקענען.

און אַזוי איז ער קעסיידער
אויפגעטרעטן לאַנגע וואָכן
אויפגעהויבן שווערע שטיינער,
גראָבע אייזנס אַף שטיק צעבראָכן.

עס איז געווען אַ נאַכט אַ שיינע,
געדיכטע שטערן אַפן הימל,
פאַר איין גאַס דאָרטן אין ראָדעם
איז אַ גערויש און אַ געטומל.

ס'לויפן יונגע, ס'לויפן אַלטע
צו דער ריכטונג פונעם גאָרטן,
ווייל געדאַרפט האָט דעמאָלט זישע
זיינע גוורעם ווייזן דאָרטן.

זייער העל דער צירק באַלויכטן,
הילכיק שפילן די טראָמפייטן,
זישע שטייט אינמיטן סצענע
און ער רייסט זיך גרינג די קייטן

דאַן נעמט ער די בלעך און טשוועקעס
און וויל זיי קלאַפן פונקט ווי נעכטן,
אַנשטאָט אָבער אין די בלעכן
טרעפט ער זיך אין פוס, אין רעכטן.

זישע איז דאַן קראַנק געוואָרן,
נישט געקענט שוין קיינעם ווייזן,
צוריק קיין אויסלאַנד אָפגעפאָרן
און געפרוווט דעם פוס צו היילן.

נאָר קיינער האָט שוין נישט באַוויזן
צו דערהאַלטן אים באַם לעבן,
כאָטש ער האָט שוין די דאָקטוירים
זיינס אַ פוס אַוועקגעגעבן.

טראַגיש איז דער גרויסער גיבער
פון דער וועלט אַוועקגעקומען,
סע האָט אַ שפיציק שטיקל אייזן
אים זיין לעבן צוגענומען.

אַף בערלינער בייסהאַקוואָרעם
איז אַ בערגעלע פאַראַנען,
דער וואָס גייט פאַרביי דאָס אָרעט (אָרט)
מוז זיין טרויער זיך דערמאָנען.

זישע ברייטבאַרדס שוועסטער, וועלכע האָט נאָך זישעם טויט, פאַרגעזעצט מיט באַווייזן גוורע אין די צירקן און סטאַדיומס פון אייראָפע, אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ.

לאַנדסלייט-פאַראיין פון לאָדזש און אומגעגנט

וואַלענטין גאָמעז 3243 טעל.: 62-2162

נאָכן דערהאַלטן די דרינגענדיקע רופן פון אונדזערע לאַנדסלייט אוילים, וועלכע וואַרטן אַף אונדזער שנעלער הילף פראָקלאַמירן מיר **אַ קאַמפיין פון לעבנס מיטל פעקלעך** פאַר דעם צוועק איז אונדז געלונגען זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אַן אַרגענטינער־ייסראָעל געזעלשאַפט, וועלכע וועט ווי אַמשנעלסטן און אַף די עקאָנאָמישסטע באַדינגונגען גאַראַנטירן דאָס פינקטלעכע איבערגעבן.

אינפאָרמעס יעדן דינסטיק און דאָנערשטיק פון 20 ביז 21.30 אַזייגער אין אונדזער סעקרעטאַריע אַף וואַלענטין גאָמעז 3243.

דער זעקסטער טעטיקייט־פּעריאָד פון אונדזער פאַריין

(באַריכט)

דער באַריכט פון 5 יאָר טעטיקייט פון אונדזער פאַריין, צוגעשטעלט צו דער פריעריקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דורכן געוועזענעם סעקרעטאַר כאַווער כיל ראָזען און אָפּגעדרוקט אין ערשטן נומער „אונדזער לאָדזש“ וואַרפט אַ העל־פריידיק ליכט איבער אונדזער אָפּגעטועונער אַרבעט. מיט קאָוועד און שטאָלץ מוזן מיר פעסטשטעלן, אַפילע די קעגנער קענען עס נישט פאַרלייקענען, אַז אַ דאַנק מעסיראַס נעפעשדיקער און אַכרייעספולער אַרבעט זעען מיר היינט אונדזער פאַריין אין סאַמע צענטער פון אונדזער ברייט פאַרצווייגטן געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן באַ אונדז אין לאַנד און אַפילע ווייט אַריבער אירע גרעניצן.

מיר זאָגן אַריבער די גרעניצן פון אונדזער לאַנד, ווייל אונדזער ענגער קאָנטאַקט מיט אונדזערע אָרגאַנירטע לאַנדסלייט איבער דער וועלט; די הונדערטער בריוו פון די ווייטסטע ווינקעלעך, ווו עס געפינט זיך נאָר אַ יידיש לעבן, וואָס געפינען זיך אין אונדזערע אַרכיון, באַשטעטיקן אונדזער אַרויסגעזאָגטן געדאַנק.

מיר זיינען אַפילע ווייט נישט מאַסקים מיטן באַשיידענעם געדאַנק פון באַריכט־שרייבער, אַז 5 יאָר איז אַ צו קליינער צייט־אָפּשניט שוין צו קענען ציען שלוסן און מאַכן קאַלקולאַציעס וועגן אונדזער טעטיקייט.

דער אַרגענטינער האָט אַ שפּרוכוואָרט, אַז „פאַר אַ מוסטער איז גענוג אַ קנעפּל“, און מיר וועלן דאָ צוגעבן אונדזער עכט יידישן דאַיעינו...

צו יעדער פון אונדזער אָפּגעטוענער אַרבעט קענען מיר צושטעלן דעם דאַיעינו וואָס זאָל באַרעכטיקן אונדזער עקזיסטענץ.

אונדזער גרויסע אַרבעט אָפן געביט פון הילף פאַר דער שעיירים האַפּלייטע באַם סאָף פון יענע טרויעריקע טעג פון דער היטלער מאַגייפע. אונדזער מעסירעס־נעפעשדיקע אַרבעט צו דערמעגלעכן דאָס אָנקומען פון פּלייטים צו אונדזערע ברעגעס; זיי איינאָרדענען מיט וווינונגען און שאַפן אַרבעט; און דאָס העלפן זיך לעגאַליזירן, אונדזער גרויסע אַרבעט אָפן געביט פון אַן אייניקייט אַרום דער הילפס־באַוועגונג, וואָס מיר האַלטן פאַר איינס פון די שענסטע רינגען אין אונדזער אַרבעט, דאָס אָרגאַניזירן לאַנדסלייט־פאַריינען אין איין גרויסער מישפּאָכע אַרום דער פעדעראַציע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר באַם היינטיקן טאָג אַ גאָר גרויסן געזעלשאַפטלעכן קויעך אַף אונדזער יידישער גאַס. אונדזער מיטאַרבעט צו דערמעגלעכן צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין וואַרשע צום אָפּדעקן דעם דענקמאָל נאָך אונדזערע זעקס מיליאָן קעדוישים; אונדזער גרויסן ביישטייער צום העלפן שאַפן און אויסהאַלטן אונדזערע יידישע אינסטיטוציעס פון אַלע שיכטן און ריכטונגען. אונדזערע אַרבעטן פאַר די קינדער־היימען אין פּוילן, פראַנקרייך און ייסראָעל; און גאַנץ באַזונדער אונדזער גרויסן ביישטייער פאַר אונדזער אַלט־ניי־לאַנד ייסראָעל.

מיט אַ באַזונדערער פרייד ריידן מיר וועגן דער שיינער אַרבעט פון אונדזער ליי־קאַסע. און אַכרוין אַכרוין כאָוויוו — אונדזער ברייט פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט מיט דער שיינער פאַרלאַגס־אַרבעט פון אונדזער פּרעכטיקער אויסגאַבע „אונדזער לאָדזש“.

נאָך יעדער פון די דערמאָנטע און נישט דערמאָנטע אַרבעטן אין מעשעך פון די ערשטע יאָרן פון אונדזער עקזיסטענץ קענען מיר מיט שטאָלץ צושטעלן דעם „דאַיעינו“, וואָס איז גענוג אונדז צו געבן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

דער לעצטער אַרבעטס־פּעריאָד איז געווען אַביסל אַ לענגערער, דאָס הייסט מיט איבער דריי מאָנאַטן לענגער, אַזוי האָבן מיר אין 5טן יאָר אַדורכגעפירט אונדזער אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג דעם 4טן יוני און היינטיקס יאָר גרייטן מיר צו אַ נייע לייטונג ערשט פאַר דעם 7טן אָקטאָבער. די סיבע איז דערפאַר ווייל דער פאָרזיצער פון אונדזער אינסטיטוציע דער כאַווער גאָלדרינג האָט געמאַכט אַ לענגערע רייזע קיין אייראָפּע און ייסראָעל, און דאָס האָט אונדז געצוווּנגען צו פאַרלענגערן דעם אַרבעטס־פּעריאָד. אָבער אין אַלגעמיין האָט די טעטיקייט פון לעצטן פּעריאָד זיך גאָר נישט מיט וואָס צו שעמען פאַר די ערשטע 5 יאָר, נאָר בילדעט אַ זעקסטע ווירדיקע רינג אין דער קייט פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער אַקטואַציע.

9 טעג נאָך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, דאָס הייסט דעם 13טן יוני 1950 האָבן מיר דורכגעפירט אַ שיינעם קולטור־יאָנטעוו און זיך באַשטייערט מיט 1000 פּעזעס פאַר דעם „איפּט“.

דעם 17טן יוני האָבן מיר דורכגעפירט אַ באַנקעט לעקאָוועד דעם 60טן געבוירנטאָג פון אונדזער טייערן געזעלשאַפטלעכן טוער, דעם געוועזענעם פאָרזיצער פון אונדזער פאַריין כאַווער מ. ל. מאָנדראָוויטש. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז כ' מאָנדראָוויטש איז איינער פון די בעסטע טוער פון אונדזער אינסטיטוציע און דער דאָזיקער בעעמעס פאַרדינטער יאָנטעוו איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולטור־מאַניפעסטאַציע אַף וועלכן עס זיינען אַריינגעקומען גאַנץ היפּשע סומעס פאַר אַ סאַך אונדזערע אינסטיטוציעס.

דעם 4טן אויגוסט האָבן מיר דורכגעפירט אַ גרויסע טעאַטער־אונטערנעמונג מיט די קינסטלער בען־אַמי און בערטאַ גערסטין אין טעאַטער „סאָלעיל“, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג. די דאָזיקע גרויסע אונטערנעמונג האָט היפּשלעך באַרייכערט אונדזער פאַריינס־קאַסע, וואָס האָט דערמעגלעכט נאָכצוקומען אַ סאַך אונדזערע היסכאַיוועסן צו אַנדערע גרויסע אינסטיטוציעס.

דעם 20טן פון זעלבן מאָנאַט האָבן מיר דורכגעפירט אַ קולטור־אַקט אין אונדזערע אייגענע סאַלאָנען מיטן לעקטאָר פאַליק קאַטאָווסקי, דער רעדאַקטאָר פון „אונדזער לאָדזש“ וועגן פאָלקלאָר באַ יידן. דער דאָזיקער רעפעראַט איז געווען באַגלייט מיט פּאַסנדיקע אילוסטראַציעס, געזאַנגס־נומערן אויסגעפירט דורך אונדזערע לאַנדסלייט אַרעלע גוטמאַן און פּאָלאַ קוטנער.

אַ פּאָר אַספּעקטן פון יאָנטויווים באַם לאַנדסלייט-פאַריין פון לאָדזש און אומגעגנט
דעם 17־טן יוני 1950

אויך דער קולטור־אַקט האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן דערפּאָלג.

דעם 3טן סעפּטעמבער האָבן מיר דורכגעפירט אַ האַזכּרה־אַקט אין טאַבלאַדע צום 6טן יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ. אַפן בייסאַלמען זייַנען זיך צוזאַמענגעקומען אַ סאַך הונדערטער לאַנדסלייט געמיינזאַם צו דערמאָנען אונדזערע אומגעקומענע טייערסטע לאַנדסלייט.

דעם 23טן פון זעלבן מאָנאַט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פייערונג לעקאָוועד 2 יאָר עקזיסטענץ פון אונדזער לייַ־קאַסע. דער דאָזיקער יאָנטעוו איז געווען אין אַלע פּראָטים אַזאַ דערפאָלגרייכער, וואָס האָט פון דעם טאָג אָן דערמעגלעכט צו קענען פאַרטאָפּלען די אַרויסגעבאָרגטע סומעס צו אונדזערע אַקציאָנערן. דעם 23טן אָקטאָבער האָבן מיר דורכגעפירט אַ דיסקוסיע־אָוונט געווידמעט דעם ערשטן נומער „אונדזער לאָדזש“ מיט דער באַטייליקונג פון שרייבער און קולטור־מענטש דר. ש. דרוקאַראָוו.

דעם 28טן נאָוועמבער אַ גרויסע פייערונג לעקאָוועד מעדינאַס ייסראָעל מיט דער באַטייליקונג פון אייגענע קויכעס און „איפּט“־קינסטלער. דעם 17טן דעצעמבער אַ גרויסער פרילינג־אויספלוג מיט ספּעציעל געדונגענע פּולמאַן־קאָטשן אין דער פּרעכטיקער קינטע אין קילמעס, אַכוץ וואָס אונדזערע מיטגלידער האָבן אין אַ היימישער סוויווע פאַרבראַכט אַ טאָג אַף דער פרישער לופט, האָבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט און פאָרגעלייענט די ערשטע אַריינגעקומענע אַרבעטן פאַרן צווייטן נומער „אונדזער לאָדזש“.

אין די דריי זומער מאָנאַטן, ווי יאַנואַר, פעברואַר און מערץ איז די אַקטואַציע געווען, ווי אין אַלע אונדזערע אינסטיטוציעס היפּשלעך אָפּגעשוואַכט, דאָך האָבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט צו שאַפן מאַטעריאַלן פאַרן צווייטן נומער פון אונדזער אויסגאַבע. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער יידישער וועלט און דערהאַלטן שריפטלעכע אָנערקענונג פאַר אונדזער ערשטן נומער. מיר האָבן נישקאָשעדיק אויסגענוצט די וואַקאַציע־צייט צו באַזוכן אונדזערע לאַנדסלייט; געקומען מיט זיי אין נענטערן קאָנטאַקט און זיי באַקענט מיט אונדזער אַרבעט. ביכלאַל איז אונדזער סעקרעטאַריאַט געווען טעטיק אויך אין די זומער־כאַדאָשים, איבערהויפּט אונדזער לייַ־קאַסע.

דעם 7טן אַפּריל פון הייַנטיקן יאָר האָבן מיר דורכגעפירט אַ פיינעם קולטור־אַקט מיט אייגענע קויכעס.

דעם 7טן מאַי האָבן מיר אויפגענומען אין הויז פון אונדזער פּאָרזיצער כאַווער הילעל גאָלדרינג די צוויי קינסטלער־געסט אונדזערע לאַנדסלייט דזשיגאַן־שומאַכער. דער דאָזיקער יאָנטעוו האָט צוזאַמענגעבראַכט די גאַנצע פאַרוואַלטונג און אַלע קאָמיסיעס און אַ סאַך פאַרבעטענע געסט. דער אָוונט איז אָן צווייפל געווען אַן אינטימער און יאָנטעוודיקער צוזאַמענטרעף צווישן לאַנדסלייט מיט אייגענע קינסטלער.

דעם 27טן מאַי האָבן מיר דורכגעפירט אַ גרויסן געזעגענונגס־באַנקעט אין גרויסן סאַלאָן „אַלעקס“ לעקאָוועד כאַווער גאָלדרינג וואָס איז אָפּגעפאָרן אַף אַ רייזע קיין אייראָפּע און ייסראָעל. דער דאָזיקער אַקט האָט צוגעצויגן הונדערטער לאַנדסלייט און אַ סאַך פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס, ווו עס זייַנען אויך אָנוועזנד געווען די לאַנדסלייט־קינסטלער דזשיגאַן־שומאַכער.

אַלס אַ נאָענטע אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציע אין „איקוף“ האָבן מיר דעם 10טן יוני דורכגעפירט אַ גרויסן קולטור־אַקט, געווידמעט דעם הונדערטסטן געבוירנטאָג פון אונדזער גרויסן קלאַסיקער י. ל. פּערעץ. עס איז אויפגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט וועגן דעם גרויסן מייסטער אונדזערן, כאַווער צאַלעל בליץ. עס האָט זיך אויך באַטייליקט דער „איפּט“. דער גאַנצער פּראָפיט פון דעם

בעעמעס פיינעם קולטור־אַקט איז געווען באַשטימט פאַרן כאַנוקאַס־האַבאַים פון איפט־ביניען.

דעם 12טן יוני האָט אונדזער פרויען־קאָמיסיע געגרינדעט אַ לייען־קרייז, וואָס האָט צוגעצויגן אַ סאַך פרויען און האָבן שוין אַדורכגעפירט אַ פיינעם אַקט. דער לייען־קרייז איז אָנגעפירט פון די שרייבערן מאַרי גאָלד. דעם 23טן סעפטעמבער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קולטור־אַקט מיט דער שרייבערן מימי פינזאָן. אין אַלע אונדזערע אַרבעטן האָט אַ גרויסן אָנטייל גענומען אונדזער פרויען־קאָמיסיע און אין אַלע אונדזערע דערפאָלגן האָבן זיי זיכער אַ גרויסן אָנטייל.

דעם 15טן יולי האָבן מיר באַשטימט אַף אַ פייערלעכן אויפן אונדזער מיטגליד נומער איינס, דעם גרינדער פון אונדזער פאַריין כאַווער כאַים גאָטליב אַלס אונדזער פאָרשטייער אין דער פעדעראַציע פון לאַנדסלייט פאַריינען, אַלס ערשטער וויצע פרעזידענט און דער כאַווער מענדל קאָזלאָווסקי אַלס פאַרטרעטער.

דעם 6טן אויגוסט האָבן מיר דורכגעפירט אַ גרויסאַרטיקע פערעץ־פאָרשטעלונג אין טעאַטער „סאָלעיל" מיטן איפט. די דאָזיקע גרויסע אונטערנעמונג האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען, דאָס גרויסע טעאַטער איז געווען איבערפולט און פון היפשן רייוועך האָבן מיר זיך מיט אַ גרעסערער סומע באַשטייערט פאַרן איפט. אין מעשעך פון לעצטן יאָר זיינען מיר געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס:

אימיגראַנטן שוץ פאַריין (סיפראַמיטים), פעדעראַציע פון לאַנדסלייט פאַריין, יידישער שפיטאָל; קעהילע, „דאַיאַ", „מענדעלע"־הויז סאַן מאַרטין; שרייבער פאַריין „ה. ד .נאָמבערג"; איקוף; איפט; „בערגעלסאָן"־הויז; קולטור הויז „שאָלעם אַלייכעם"; „זשיטלאָווסקי"־שול, וואַרשעווער ל"ל פאַריין און אַ סאַך אַנדערע אינסטיטוציעס.

מיר זיינען געווען דורך בריוו פאַרבונדן מיט פאַריז, עסטרייך, פוילן, קאַנאַדע, נאָרד־אַמעריקע, בראַזיל, מאָנטעווידעאָ און ייסראָעל. אין מעשעך פון דעם לעצטן פעריאָד האָבן מיר אויסגעטיילט ביישטייערונגען פאַר אינסטיטוציעס איבער 10 טויזנט פעזעס.

אַ דאַנק דער רייזע פון אונדזער פאָרזיצער כ' גאָלדרינג קיין פראַנקרייך און ייסראָעל האָבן מיר זיך נאָך נענטער פאַרבונדן מיט אונדזערע לאַנדסלייט אין יענע לענדער. און מיר האָפן אַז דער דאָזיקער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער רינג וועט זיך נאָך מערער אויסברייטערן און בעקאָרעוו וועלן מיר זיין אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אונדזערע אָרגאַניזירטע לאָדזשער איבער דער גאָרער יידישער וועלט און קענען געמיינזאַם טוען קאָלעקטיווע אַרבעטן.

טראָץ דעם, וואָס מיר זיינען קעסיידער געשטאַנען אין אַ נאָענטער שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט אונדזער פאָרזיצער און קעסיידער באַקומען שריפטלעכע גרוסן, זיינען מיר דאָך געווען אין גרויס שפאַנונג צו הערן אַ לעבעדיקן פערזענלעכן גרוס. און זונטיק דעם 16טן סעפטעמבער, האָבן מיר, די פאַרוואַלטונג מיט אַלע קאָמיסיעס, אָפגעוואַרט דאָס אָנקומען פון אונדזער כ' גאָלדרינג און טאַקע אין דעם זעלבן אָוונט באַ אַ הערלעך צוגעגרייטער אויפנאַמע אין הויז פון אונדזער פאָרזיצער, פאַר גאָר אַ גרויסן אוילעם, פאַמיליעס, לאַנדסלייט און געסט האָבן מיר שוין אויסגעהערט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן באַריכט.

וועגן דעם אַלגעמיינעם באַריכט, וואָס דער כ' גאָלדרינג האָט אָפגעגעבן פון ייסראָעל און פראַנקרייך, און וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען, וועלן מיר זיך דאָ אין אונדזער אויסגאַבע נישט אָפשטעלן, וואָס מיר ווילן יאָ באַזונדער אונטערשטרייכן און טאַקע מיט גרויס פרייד איז די טעטיקייט פון אונדזערע לאַנדסלייט אין יענע לענדער.

עס דערציילט אונדז צום ביישפיל ,דער כאַווער גאָלדרינג, אַז אין ייסראָעל געפינען זיך ביז 36 טויזנט לאָדזשער און פון דער אומגעגנט. דער גרעסטער טייל האַלט זיך נאָענט, פירט אַ געמיינזאַמע קולטור־טעטיקייט, פאַרנעמען גאָר אָנגעזעענע פאָזיציעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער ווי עכטע לאָדזשער, ווי אַמאָל אין יענע צייטן אין דער אַלטער היים. דער באַריכט־אָפגעבער דערציילט מיט וואָסער פרייד אונדזערע לאַנדסלייט אין ייסראָעל האָבן אויפגענומען די אויסגאַבע אונדזערע „אונדזער לאָדזש". מען האָט זי מאַמעש געכאַפט פון האַנט צו האַנט און דורכגעפירט אַ ספעציעלן אָוונט געווידמעט דער אויסגאַבע. כאַווער גאָלדרינג דערציילט אויך וועגן דער שווערער לאַגע פון אַ גרויסן טייל וואָס נויטיקט זיך אין הילף. אָט די פראַגע פון הילף פאַר אונדזערע לאַנדסלייט אין ייסראָעל וועלן מיר אַוועקשטעלן אַפן טאָג־אָרדענונג פון אונדזער ווייטערדיקער אַרבעט. אָבער קימאַט אַלע וואָס האָבן געבעטן הילף האָבן מיט דער זעלבער באַקאָשע אויך געבעטן אַן אויסגאַבע פון „אונדזער לאָדזש". דאָס זעלבע



אונדזער פרעזידענט הילעל גאלדרינג אף א באזוך בא די בויגנגען אין ראמאט האשאראן, אין באגלייטונג פון שימען קאהען, וויצע־פרעזידענט פון געזעלשאפטלעכן קאמיטעט אין ייסראעל.

די לייַ־קאַסע באַם לאַנדסלייט פאַריין פון לאָדזש און אומגעגנט

מיט 3 יאָר צוריק ווען די אומשטענדן האָבן אונדז באַוווינגן צו שאַפן אַ לייַ־קאַסע באַם פאַריין, האָבן מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מיט דער צייט וועט זי זיך פאַרוואַנדלען אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, מיט אַלע יורידישע רעכטן און אָנערקענונג מיצאַד די אָפיציעלע אינסטאַנצן.

מיט גרויס פרייד שליסן מיר אָפּ אַן עטאַפּ פון געזעלשאַפטלעכער און הילפס־אַרבעט. מיר שליסן אָפּ די 3 יאָריקע טעטיקייט פון דער לייַ־קאַסע מיט דער גרעסטער איבערצייגונג, אַז מיר האָבן דערפילט אַ וויכטיקע אַרבעט צווישן אונדזערע לאַנדסלייט. די צענדליקער אַרויסגעגעבענע האַלוואָעס, גרעסערע און קלענערע, באַווייזן ווי נויטיק די לייַ־קאַסע איז געווען. מיר האָבן אין דער צייט געהאָלפן איינאָרדענען אַ גאַנצע ריי נאָר־וואָס אָנגעקומענע. און שטענדיק, באַ יעדער געלעגנהייט, ווען עס האָט זיך גענויטיקט, זיינען מיר געקומען מיט אונדזער ברידערלעכער הילף. אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער פאָרם, אונדזער הילף איז שטענדיק געקומען. שטענדיק לויט אונדזערע מעגלעכקייטן. מיר זאָגן אָבער נישט, אַז מיר האָבן געטאָן גענוג. יאָ, גענוג לויט אונדזערע קויכעס, מיר וואָלטן געקאָנט טאָן אַ סך מער ווען צו די אַלע לאָדזשער און אומגעגנט וואָלט דערגאַנגען אונדזער וואָרט און רוף; ווען אַלע אונדזערע לאַנדסלייט וואָלטן צוגעלייגט אַ האַנט צו דער הילפס־אַרבעט וואָלטן מיר מער געקאָנט באַווייזן, אָבער מיר זיינען צופרידן און שטאָלץ, אַז מיר האָבן געקאָנט דערפירן אונדזער לייַ־קאַסע באַם לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין צו דער שטופע צו קאָנען פאַרוואַנדלען זי אין אַ קאָאָפּעראַטיוו.

כאַווײרים לאַנדסלייט:

עס טוט זיך נישט אַלץ אַזוי שנעל ווי עס שרייבט זיך. די דריי יעריקע עקזיסטענץ פון דער לייַ־קאַסע האָט געקאָסט פיל מי און אַרבעט ווי אויך גרויסע סומעס געלט, וועלכע זיינען אַריינגעקומען דורך אַקציעס ווי פּריוואַטע האַלוואָעס וועלכע זיינען שנעל געדעקט געוואָרן. דאָס אַלץ האָט געקאָסט אַ סאַך מי און אומדערמידלעכע אַרבעט. צוליב דעם ווען מיר שליסן אונדזער טעטיקייט אַלס לייַ־קאַסע מוז איך דערמאָנען און גלייכצייטיק אויסדריקן מיין פולסטע אָנערקענונג די פריינט וועלכע שטייען צוזאַמען מיט מיר פון ערשטן טאָג אָן באַ דער אַרבעט. אונדזער איבערגעגעבענעם קאַסיר, כאַווער בלומענזאָן; מאָנדראָוויטש, אונדזער ערשטער פּרעזידענט. און כאַווער הילעל גאָלדרינג. אויך די כאַווײרים נ. ס. ווייכמאַן, קאָזלאָווסקי און אַנדערע, מיין פולסטע אָנערקענונג.

מיט 3 יאָר צוריק ווען מיר האָבן געגרינדעט די לייַ־קאַסע האָבן מיר נישט פּרעטענדירט צו ווערן נאָך אַ פינאַנציעלע אינסטיטוציע אויף דער יידישער גאַס. עס איז געווען נישט מער ווי אַ לאָקאַלע נויטווענדיקייט פאַר די ערשט־אָנגעקומענע ווי אויך פאַר אַ טייל מיטגלידער וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין האַלוואָעס.

אָבער דער גרויסער צופלוס פון אַקציאָנערן און די וואָס אַמאָל גרעסערע צאָל אַרויסגעגעבענע האַלוואָעס זיינען ווייט איבערגעשטיגן די ראַמען פון אַ לייַ־קאַסע, און מיר האָבן באַשלאָסן זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ קאָאָפּעראַטיוו.

צוליב דעם איז דינסטיק דעם 30טן נאָוועמבער 1950, פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַקציאָנערן וווּ עס איז אויסגעהערט געוואָרן אַ באַריכט פון סעקרעטאַר און די ציל פון קאָאָפּעראַטיוו. עס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן דאָס פאַרוואַנדלען די לייַ־קאַסע אין אַ קאָאָפּעראַטיוו.

דאָרט זיינען דורך דעם דר. גאָלדשטראַך איבערגעלייענט געוואָרן די נייע סטאַטוטן, יעדער פונקט איז דיסקוטירט געוואָרן קימאַט פון אַלע אָנוועזנדיקע און איז גוטגעהייסן געוואָרן. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייע קאָמיסיע פון די פאָלגענדע כאַווײרים:

הילעל גאָלדרינג — פּרעזידענט; מ. ל. מאָנדראָוויטש — וויצע־פּרעזידענט; מ. ה. יאַקובאָוויטש — סעקרעטאַר; לעאָן גלעזער — פּראָ־סעקרעטאַר; י. ל. בלומענזאָן — קאַסיר; מ. קאָזלאָווסקי — פּראָ־קאַסיר.

און אַלס וואָקאַלן זיינען אויסגעוויילט געוואָרן:

מוישע פלאַמבוים; מ. הערשקאָוויטש; כ. ראָזען; דאָוויד נאַפּטעלעוויטש; וואָקאַלן סופּלענטען: דאָוויד און ר. קאָזלאָווסקי; קורצבאַרד און קרופּקאַ.

סינדיקאָ: ערנעסטאָ סענדעראָוויטש און סינדיקאָ טופּלענטע — הילעל ווייכמאַן.

דער כאַווער נ. ס. ווייכמאַן האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די קאָאָפּעראַטיוו זאָל טראָגן דעם נאָמען „על ליבערטאַדאָר” לעקאָוועד דעם גרויסן אַרגענטינער באַפרייער. מיט אַפּלויזן איז דער נאָמען פון קאָאָפּעראַטיוו באַלד אָנגענומען געוואָרן. אויפן אָרט האָבן זיך גלייך פאַרשריבן אַ גרעסערע צאָל אַקציאָנערן און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער לייַ־קאַסע און מיר זיינען אַריינגעטראָטן אין אַ נייעם געביט פון נוצלעכער אַרבעט אין וועלכער מיר גייען פון פּראָגרעס צו פּראָגרעס אין דער אויסגעברייטערטער טעטיקייט באַ אונדזער לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין.

מ. ה. יאַקובאָוויטש
(סעקרעטאַר)

האָבן מיר אויך געהאַט פון אונדזערע לאַנדסלייט אין פּאַריז, וואָס האָבן שוין דעם לעצטן יאָר געפייערט 25 יאָר פון זייער עקזיסטענץ. מיט שטאָלץ דערמאָנען מיר נאָך אַמאָל די וויכטיקייט פון אונדזער פאַרלאַגס־וועזן.

דינסטיק דעם 25טן סעפּטעמבער האָבן מיר זיך אָפּ אַ פייערלעכן אויפן געזעגנט מיט אונדזער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד כאַווער מענדל בזשוסטאַווסקי וואָס פאָרט אָפּ אויף אַ רייזע אין דאָרעם אַמעריקע, אייראָפּע און ייסראָעל. דער כ׳ מענדל זאָגט אונדז צו נענטער צו פאַרבינדן אונדזער אינסטיטוציע מיט אונדזערע לאַנדסלייט אין די פ. שטאַטן און מיטברענגען מאַטעריאַלן פאַר אונדזערע ווייטערדיקע נומערן פון אונדזער אויסגאַבע.

מיר האָבן זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך, אַז דער באַריכט זאָל זיין געשריבן קורץ אָן מעליצע און נישט איבערגעטריבן. די ציפערן זיינען גענויע. אַ סאַך מאָמענטן זיינען עפּשער אַרויסגעבראַכט אַ סאַך שוואַכער ווי אין דער ווירקלעכקייט און דאָך ווילן מיר מיט שטאָלץ פאַרענדיקן, אַז נאָך יעדער פון די אַלע אָפּגעטוענע אַרבעטן פון יעדער קאָמיסיע באַזונדער קענען מיר צושטעלן דעם נישט באַשיידענעם „דאַיעינו”.

דער באַריכט איז אָפּגעשלאָסן אַכט טעג פאַר דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

מ. פלאַמבוים
(סעקרעטאַר)

אונדזער לאַדזש

אַפּרופן וועגן ערשטן נומער „אונדזער לאָדזש“

דער כאָלעם און וואָר פון לאָדזשער אין אַרגענטינע

יאָרן לאַנג האָב איך נישט גוירעס געווען דאָס מין לאַנדסמאַנשאַפטן און נאָך ווייניקער די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין אַרגענטינע. געווען איז עס נישט דערפאַר וואָס באַ מיר איז געווען אַטראָפירט די ליבע צו מיין געבוירנאָרט, צו די ערטער וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מיין קינדהייט און יוגנט, מיט מיין מישפּאָכע און מיינע יוגנט כאַוויירים, נאָר דערפאַר וואָס איך האָב נישט גוירעס געווען דעם קולט צו דער פאַרגאַנגענהייט. די פאַרגאַנגענהייט איז באַ מיר אָדער געשיכטע אָדער כאָלעם. און נישט געשיכטע און נישט כאָלעם זיינען געלעגן אַפֿ מיין אַרבעטס־וועג און אַפֿ מיין אַרבעטס־פעלד. איך האָב מיך שטענדיק באַמיט אויסצוטיילן דעם כאָלעם פון דער וואָר.

אין כאָלעם, פלעג איך אין מיינע שטעטלשע יאָרן זען ווייטע גרויסע שטעט. דער סאַר פון די כאַלוימעס פלעגט מיר דעמאָלט נאָכגעבן מיין שטאַרקן באַגער צו זען די ווייטע ברייטע וועלט און פלעגט לעבעדיק מאַכן אין מיין מויעך די שטאַמפּאָווע שטעט פון די אילוסטרירטע זשורנאַלן, וואָס איך פלעג בלעטערן. אין מיינע שפּעטערדיקע גרויסשטאָטישע און ווייט־פאַרוואָרפענע יאָרן פלעג איך זען אין כאָלעם מיין שטעטל אַזאַ ווי איך האָב עס געקענט. דאָס האָט מיר דער סאַר פון די כאַלוימעס נאָכגעגעבן מיין שטאַרקע בענקשאַפט צו יענעם אַמאָליקן יונגן לעבן מיט זיינע טרוימען און באַגערן. ניט לאַנג ערשט פלעגט טרעפן, אַז דער סאַר פון די כאַלוימעס ווייזט מיר דאָס שטעטל, פירט מיך איבער זיינע גאַסן, פירט מיך אַריין אין זיינע שטיבער און פירט מיך צונויף מיט זיינע מענטשן, כאָטש איך האָב שוין געזען דאָס שטעטל גאָר אַנדערש, אָן יענע שטיבער און אָן יענע מענטשן און כאָטש איך האָב שוין געוווסט, אַז דער סוינע האָט אין דעם שטעטל קיין איין לעבעדיקן יידישן נעפעש נישט איבערגעלאָזט. נאָר וואָס קער זיך דאָס אָן צו דער וואָר? די וואָר איז קאַמף, איז שאַפונג און בויונג פון אַלץ נייס און נייס. אַפֿ דער וואָר איז אַ מענטש אָרעוו פאַר זיך און זיין מישפּאָכע, פאַרן קלאַל, פאַר דער געזעלשאַפט, פאַר דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט און כאָלעמט איז בלויז איינעמס אַ פּריוואַטע זאַך... און ניט פון דער וועלט, ניט פון היינט און ניט פון דאָ געדאַכט...

מיסטאָמע האָבן נאָך אַ סאַך אַזוי ווי איך געטראַכט, ביז די וואָר, די אָן ראַכמאָנעסדיקע וואָר, האָט מיט אַזאַ קראַך איינגעוואַלגערט אַלע צוימען פון צייט און אָרט און אַליין זיך אויסגעמישט מיט אַזעלכע וויסטע כאַלוימעס, מיט אַזוינע קאָשמאַרן, אַז עס איז אָפּגעווישט געוואָרן יעדע גרעניץ צווישן כאָלעם און וואָר. די וואָרסטע וואָר איז היינט שרעקלעכער ווי דער שרעקלעכסטער כאָלעם, און ניטאָ היינט קיין כאָלעם וואָס זאָל ניט זיין אַזוי שרעקלעך ווי די וואָר. און די יונגע טרוימער וועגן ווייטע שטעט און לענדער וואָס האָבן שפּעטער גענומען כאָלעמען מיט זייערע פאַרלאָזטע שטעטלעך, האָבן אויפגעהערט כאָלעמען. זיי וויינען איצט, זיי באַוויינען די שרעקלעכע וואָר.

אָט אַזוי לייען איך איצט די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע ביכער, וואָס גייען אַרויס דאָ באַ אונדז. איך לייען זיי און מיר דאַכט זיי שרייען: זעט, זעט סאַרא שיינקייטן מיר האָבן געהאַט, זעט וויפל גייסט, וויפל צאַפּלדיק לעבן, וויפל יוגנט און רייץ, וויפל ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש אין אונדזערע שטעט און שטעטלעך איז צעטראָטן געוואָרן! אָט אַזוי האָב איך געלייענט דעם בוך פון די פּלאָצקער אין אַרגענטינע, וואָס איז דערשינען אין 1945, די ביכער פון די ביאַליסטאָקער, דעם פּינקעס פון די גאַליציאַנער, דעם בוך פון די אָסטראָווצער און אַזוי לייען איך איצט דעם בוך פון די לאָדזשער: „אונדזער לאָדזש“.

איך בלעטער דאָס בוך, שטעל מיך אָפּ אַפֿ אַרטיקל נאָך אַרטיקל: די אַמאָליקע לאָדזש, באַלוט, דאָס יידישע טעאַטער אין לאָדזש, געזעלשאַפט „פריינט פון יידישן טעאַטער“, דאָס פאַרשניטענע יידישע קולטור לעבן, לאָ־

דזשער „האַזאָמיר“ און אַזוי ווייטער און ווייטער. דאָס דאַרף זיין געשיכטע. עפּשער וועט דאָס אַמאָל זיין געשיכטע. דערווייל אָבער איז עס אַ געשריי. איך הער אַרויס פון די אַלע אַרטיקלען דעם אַלטן „זכור מה היה לנו“ אין אַ נייעם נוסח.

לייענט, אַדרעבע, אָט די קורצע פאַרצייכענונג פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין לאָדזש און זאָגט אויב נישט דער נאָווי יערמעיאָהו אַליין שרייט אַרויס פון דעם דר. ווייסקאָפּ, ווען ער ליגט אַ דורכגעלעכערטער פון דייטשע קוילן אַף דער ערד און שרייט צו זיי: „די געשיכטע וועט זיך אָפּרעכענען מיט אייך!“

און לייענט ווייטער באַים לייב פוקס:

„קום אַהער, דו קליין יידיש יינגעלע, האָב קיין מוירע נישט, איך בין נישט קיין דייטש, וואָס וועט דיר שלעכטס טאָן. דערנענטער זיך, וואָס ציטערסטו מיין קינד, וואָס פּלאָנטערן זיך דיינע פּייעלעך אין ווינט און דיין אומשולדיק יידיש פּנעמל, וואָס שמייכלט עס ניט? קום אַהער און כ׳וועל דיך פרעגן, וואָס לערנסטו היינט? צי קענסטו דעם פּאָסעק פון יענעם יינגעלע באַם כורבן, וואָס ער האָט געענטפערט טיטוסן, אַז גאָט זאָגט:

כ׳וועל נעקאָמע נעמען פון עדאָם, ווייל זיי האָבן געפּייניקט מיין פאָלק ייסראָעל, געדענקסטו אים נאָך, אָדער האָסטו אין דיינע פּיינען דורך דער גאַזקאַמער, דורך דיינע טעגלעכע יעסורים אין לאָדזשער געטאָ — פאַרגעסן?

און דו, קליין שוועסטערל, יידיש מיידעלע פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, געדענקסטו דאָס ליד פון אונדזער גרויסן פּערעץ, אַז אַלע מענטשן, ווייסע, שוואַרצע, רויטע, געלע, זיינען אַלע ברידער?...

אויך די היגע, די לאָדזשער אין אַרגענטינע, לעבן מיט יענעם צאַר פון די קינדער, און מיט יענער נעקאָמע אין עדאָמען און כאַזערן איבער דעם „זכור מה היה לנו“ אַף פאַרשידענע אויפאַנים. עס קלאָגט מיריאָם גאָלד אין איר ליד „עס גייט דער גויעל האַדאַם!“:

„מיין דאַר ליגט צעטראָטן... וויי מיר, אוי וויי...

— — — — — — — — — — — — —

„נאַר הער!
לייג צו דעם אויער צו דער שוועל פון דער צייט
וועסטו פאַרנעמען ווי פון דער ווייט
שפּרינגען שאָען ווי טראָפּנס וואַסער
פון אַ שטורמישן רעגן.
דאָס גייט דיין דערלייזער,
שטאָט מיינע, לאָדזש!“

די לאָדזשער אין אַרגענטינע, וואָס דער גוירל האָט זיי פאַרוואָרפן אַהער און דאָ זיי אויסגעהיט פון דעם אומקום, פילן זיך שולדיק פאַר זייערע אומגעקומענע ברידער און פילן זיך געקרענקט וואָס די לאָדזשער געטאָ, אָדער ווי מען האָט עס גערופן אונטערן דייטש, געטאָ ליצמאַנשטאַט, האָט נישט אויסגעקויפט די דאָזיקע קנעכטשאַפט מיט אַן אויפשטאַנד ווי אין וואַרשעווער געטאָ, אין ביאַליסטאָקער און ווילנער, מיט געווער אין די הענט. וואָלף יאַסני, אַ לעבנגעבליבענער אין לאָדזש, טרייסט זיי, אַז געווען איז אין לאָדזש יידישער ווידערשטאַנד און קאַמף, כאָטש לאָדזש איז געווען פאַרשפּאַרט ווי אַ טפיסע, אָן שום קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט און די שטאָט גופע איז געוואָרן אַ דורכאויס דייטשע מיט אַ קימאַט ריין דייטשער באַפעלקערונג. געווען איז אַ קאַמף פון דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן, סאַבאָטאַזש, אַ קאַמף פול מיט מעסירעס נעפעש און אַקשאָנעס. און די דייטשן אַליין האָבן אין זייער אַ געהיימען באַריכט מוידע געווען, אַז די לאַגע אין לאָדזש ווערט אַ דאַנק די אומאָרדענונגען אַלץ קריטישער.

דאָס אַרטיקל פון וואָלף יאַסני, איז איינס פון די וויכטיקסטע אַרטיקלען אין דעם לאָדזשער בוך. דאָס באַווייזט אַז די לאָדזשער קאַמפּסלוסטיקע אַרבעטערשאַפט האָט אונטער דער דייטשער הערשאַפט נישט ביליק אַוועקגעגעבן איר פרייהייט און איר לעבן. יידן וואָס האָבן זיך באַוויזן אַרויסצורייסן באַצייטנס פון לאָדזש, זיינען מערסטנס אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

איצט כאָלעמען לאָדזשער אין אַרגענטינע וועגן אַ נייער לאָדזש. זיי האָבן נאָך נישט איר געשטאַלט פאַר די אויגן. זי געשטאַלטעט זיך ערשט אַ פאַרשטעלטע פאַר אונדז מיט דעם אייזערנעם פאָרהאַנג פון קאַלטן קריג. נאָר די אַלטע לאָדזש וועט פון זייער כאָלעם אַזוי גיך נישט פאַרשווינדן.

פּ. קאַץ
(„די פּרעסע“ — 5טן יוני 1950)

זיכרוינעס און פאַרצייכענונגען וועגן „אונדזער לאָדזש“

(אויסצוג פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג)

„אונדזער לאָדזש, ברענגט אַ טייל מאַטעריאַלן וואָס כאַראַקטעריזירן דאָס אַמאָליקע לאָדזש. די אַרבעטן פון די כאַווירים כיל ראָזען, גאָלדרינג, פלאַמבוים, פּוקאַטש, גאָטליב, ראַשער, מרוז, פאָגעל, יאַקובאָוויטש א״א, זיינען וויכטיקע בייטראָגן צו דער געשיכטע פון דער שטאָט, אין וועמענס אויפקום יידן האָבן געהאַט אַ גרויסן כיילעק און וועלכע איז אין פּראָצעס פון איר אַנטוויקלונג, געוואָרן אַליין אַ ווירקנדיקער קויעך און האָט אויסגעאיבט דורך אירע מענטשן אַ האַשפּאָע אַף אַנדערע יידישע צענטערן.

די געשיכטע פון לאָדזש, איר אויפקום און אירע קאַמפן דאַרפן אָבער נישט געשריבן ווערן אין ליכט פון פּערזענלעכע איינדרוקן ווי מען האָט געזען אַליין, בעיס די זע־קראַפט און דער כוש איז נאָך נישט געווען גענוג אַנטוויקלט און דעריקער ווען עס האָט געפעלט דער היסטאָרישער צוגאַנג. די אַרויסגעבראַכטע פאַקטן פון פּאַשעטע פאָלקס־מענטשן, קענען זיין זייער וויכטיק, ווען זיי ווערן געשילדערט אַף דער באַזע פון די עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די קאַמפן און די קאַמפן האָבן געלייטערט דער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געגעבן דאָס לעבן אַ ווייטערדיקן שטויס.

לאָמיר האָפן אַז די ווייטערדיקע נומערן, וועלכע וועלן אָן צווייפל זיין אַזוי שיין און קאָרעקט רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן ווערן ווי דער ערשטער, וועלן זיין געטריי צו דער געשיכטע פון דעם אידישן יישעוו אין פּוילן און געטריי צו אונדזער ווייטערדיקן גאַנג — דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק.

י. בראָנדז
(„היינט“ — 26טן מאַי 1950).

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער יובילײ-אויסגאַבע פון לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין אין בוענאָס איירעס

דער לאָדזשער לאַנדסלײַט פאַריין אין ב. איירעס האָט איצט געפייערט זיין 5-יאָריקע עקזיסטענץ און האָט אין שייכעס מיט דעם אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע אויסגאַבע געווידמעט זיין 5-יאָריקער געזעלשאַפטלעכער, קולטורעלער און הילפס-טעטיקייט.

מ. ל. מאַנדראָוויטש אין לייטאַרטיקל גיט איבער די גרונט סיבעס וואָס האָבן געשטויסן די לאָדזשער צום אָרגאַניזירן דעם ל"ל פאַריין און רוקט אַרויס די אויפגאַבן אין יענעם מאָמענט נאָכן חורבן פון אונדזער פאָלק: געבן די לעבנגעבליבענע אַ מעגלעכקייט ווידער אויפצובויען זייער לעבן און העלפן פאַרהיילן זייערע מילכאָמע ווונדן.

אין אַ סינטעטישער פאָרם שילדערט ער די וויכטיקע אַרבעטן פון לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין און שליסט דעם אַרטיקל מיטן איבערשיקן אַ גרוס דעם נייעם יידישן יישעוו אין לאָדזש, וואָס בויט זיך אַף געזונטע, פּראָדוקטיווע יעסוידעס און ווינטשט זיי, אַז עס זאָלן זיין געשטאַרקט זייערע הענט באַם בויען אַ ניי לעבן, אַ לעבן אָן סינע, אַ לעבן אַף געזונטע יעסוידעס פון ברידערשאַפט מיט אַלע פעלקער אין גאָר דער וועלט.

אַ וויכטיק אָרט פאַרנעמט אין דעם זשורנאַל דאָס לעבן און ליידן פון די יידן אין לאָדזשער געטאָ. ספּעציעל קומט עס צום אויסדרוק אין דעם אַרטיקל פון פּ. נאָוויק: אין לאָדזשער געטאָ זיינען געווען איינגעשפּאַרט 200.000 יידן און פון די אַלע זיינען לעבן געבליבן נאָר 870 יידן. ער שטעלט זיך אָפּ ספּעציעל וואָס פאַר אַ ראָל עס האָט געשפּילט מ. כ. רומקאָווסקי אין לאָדזשער געטאָ אַלס פירער פון „יודן-ראַט“. אין אַן אַרטיקל פון פּ. קאַץ וועגן לאָדזש ביקלאַל און וועגן איינעם אַ לאָדזשער אין אַרגענטינע, שילדערט ער די ליכטיקע פיגור פון מענאַכעם ראָזען — אונדז אין מאָנטעווידעאָ אַלעמען באַקאַנט — וועלכער האָט אַ סאַך צוגעטראָגן צו דער ב. איירעסער יידישער קולטור-באַוועגונג.

אויסער דעם, זיינען דאָ געשיכטלעכע אַרטיקלען וועגן לאָדזש, וועגן דעם קולטור-לעבן און טעאַטער וועזן. אין אַ סעריע אַרטיקלען ווערן אָפּגעשפּיגלט 5 יאָר טעטיקייט פון לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין און אַ באַזונדער אַרטיקל פון כ. בעדער וועגן לאָדזשער הילפס פאַרבאַנד אין מאָנטעווידעאָ. אין דער אויסגאַבע זיינען דאָ אַ ריי לידער, געווידמעט לאָדזש.

„אונדזער לאָדזש“, איז אויך רייך מיט אַ סאַך פאָטאָגראַפיעס וועגן פאַרשיידענע אַספּעקטן פון לעבן אין לאָדזש, באַזונדערס די פאָטאָגראַפיעס פון לאָדזשער געטאָ.

אין אַלגעמיין איז עס אַ פּרעכטיקער זשורנאַל, ער באַזיצט אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעסאַנטן לייען מאַטעריאַל און עס איז אַ וויכטיקער קולטורעלער ביַיטראָג פון לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין צו דער אַלגעמיינער יידישער קולטור באַוועגונג אין אַרגענטינע.

דער זשורנאַל וועט זיכער סטימולירן צו וויַיטערדיקע פּראָגרעסיווע אַרבעטן דעם לאָדזשער לאַנדסלייט פאַריין אין ב. איירעס און זאָל עס דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַרן לאָדזשער הילפס-פאַרבאַנד אין מאָנטעווידעאָ אַף צו פירן אונדזער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דער זעלבער ריכטונג.

א. ב.

(„אונדזער פריינט“, מאָנטעווידעאָ —
8טן אויגוסט, 1950).

שוין דערשינען די יובילײ-אויסגאַבע פון לאָדזשער לאַנדסלייט-פאַריין „אונדזער לאָדזש“

אין אַ גרויסן פאָרמאַט פון 100 זייטן, פּראַכטפול אילוסטרירט פּאַפּיר איז דערשינען די אויסגאַבע „אונדזער לאָדזש“, וואָס דער ל"ל פאַריין פון לאָדזש און אומגעגנט האָט אַרויסגעגעבן צום 5-טן יובילײ פון פאַריין.

ווי עס זאָגט די צושריפט אַפן שאַרבלאַט, האָט די רעדאַקציע פון דער אויסגאַבע אויסן געווען אַרויסצוברענגען דאָס בילד פון זייער היימשטאָט און די אַרומיקע שטעטלעך דורך זיכרוינעס, עפּיזאָדן און פאַרצייכענונגען וועגן דער דאָזיקער יידישער דינאַמישער, אַרבעטזאַמער שטאָט לאָדזש.

עס איז קעדאַי צו באַמערקן, אַז דער ציל איז אין דער גרעסטער טייל דערגרייכט געוואָרן. עס זיינען דאָרט פאַראַן מיטאַרבעטן פון לאָדזשער ל"ל און אויך פון יידישע שרייבער, וואָס זיינען געווען, געזען אָדער אַקטוירט אין לאָדזש.

עס זיינען פאַראַן פאָלגענדע מיטאַרבעטן:

5 יאָר — מ. ל. מאַנדראָוויטש, די אַמאָליקע לאָדזש — כיל ראָזען; באַלוט — הילעל גאָלדרינג; עס גייט דער גויעל האַדאַם! — מיריאַם גאָלד; דאָס יידישע טעאַטער אין לאָדזש — מוישע פלאַמבוים; דאָס פאַרשניטענע יידישע קולטור-לעבן אין לאָדזש — ייצכאָק גורטערמאַן; זייער געדעכעניש טאָר נישט פאַרגעסן ווערן — לעאָן פאָגעל; באַם רעדל — ייצכאָק קאַצענעלסאָן; דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן אין לאָדזשער געטאָ — אַ. וואָלף יאַסני; וועגן לאָדזשער ביכלאַל און איינעם אַ לאָדזשער אין אַרגענטינע — פּ. קאַץ; דר. ווייסקאָפּ (פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין לאָדזש), מיין היים — כאַים לייב פוקס; לאָדזש — ז. סעגאַלאָוויטש; דאָס יידישע לאָדזש אין דעם נייעם פוילן — פּ. גאָלוב; געזעלשאַפט „פריינט פון יידישן טעאַטער“ — מ. גאָלד; לאָדזש — שאָלעם אַש; יידיש טעאַטער אין לאָדזשער געטאָ — מ. נודעלמאַן: איייניקע מאָמענטן פון אַמאָליקן קוטנע — א. ל. מרוז; מאַמע — יוליאַן טוווים; די געבורט פון ערשטן יידישן געזאַנג-פאַריין „לאָדזשער האַזאָמיר“ — יאָסעף רומשינסקי; ס'וואַכט אויף אין מיין זיקאָרן... — מיריאָם גאָלד; לאָדזש אין אַרגענטינער גילגל — פאַליק קאַטאָווסקי; פון אַ נישט אָפּגעשיקטער בריוו — י. אָקרוטני; ייצכאָק קאַצענעלסאָנס שטוב — כ. ל. פוקס; עפּיזאָדן פון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע — מ. פלאַמבוים; לאָדזשער געטאָ — פּ. נאָוויק; טוויוויע אייזען — ה. מ. יאַקובאָוויטש; אַמאָל איז געווען — מאַקס ראַשער; באַריקאַדן אַף לאָדזשער גאַסן — י. י. זינגער; בעלכאַטאָוו — דאָס לאָדזש אין מיניאַטור — י. מ. פוקאַטש; אַנטשל גאָלדרינג — אַ לאָדזשער; פּאָגראָמשטימונגען און קאַמפּס-גרייטקייט אין אַמאָליקן לאָדזש —

כ. גאָטליב; כיידער און מילכאָמע־יאָרן — וו. פוקס; דער העג פון אַ באַלוטער פאַרטיזאַן — יאָסעף היללער; לאָדזש אין די יאָרן 1913 — 1918 — יאַנקעוו זילבערשטיין; 5 יאָר טעטיקייט פון ל"ל פאַריין פון לאָדזש און אומגעגנט — כיל ראָזען; אונדזערע פרויען זיינען נישט געבליבן הינטערשטעליק אין זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט — ע. יאַקובאָוויטש; די ליי־קאַסע באַם לאָדזשער ל"ל פאַריין — ה. מ. יאַקובאָוויטש; דער לאָדזשער הילפס־פאַרבאַנד אין מאָנטעווידעאָ — כ. בעדער; אייניקע דאַטעס פון כורבן לאָדזש א. א.

די אויסגאַבע איז רייך און געשמאַקפול אילוסטרירט מיט בילדער און צייכענונגען פון דער אַמאָליקער און איצטיקער לאָדזש, ווי אויך פון די שווערע יאָרן ווען לאָדזש האָט געהייסן ליצמאַנשטאַט.

אַלע אַרבעטן אין דער אויסגאַבע זיינען געשריבן מיט פיעטעט און ליבע צו זייער היימשטאָט, באַקענט דעם לייענער מיט לאָדזש אין אַלע אירע אַספּעקטן און לאָזט איבער אַ פיינעם איינדרוק.

„היינט" — 20טן מאַי 1950.

„צו דער לאָדזשער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַרגענטינע:

ווי אַ לאָדזשער לאַנדסמאַן, ווענד איך זיך צו אייך מיט דער ביטע, איר זאָלט מיר איבערשיקן אויב עס איז מעגלעך — קיין לאָדזש דאָס בוך „אונדזער לאָדזש", וואָס איז אַרויס אין מאַי 1950.

אויב דורך דער צייט איז אַרויס נאָך אַ בוך, וואָלט איך געווען זייער צופרידן ווען איך דערהאַלט עס.

צופעליק האָב איך דאָס בוך „אונדזער לאָדזש" געזען אין לאָדזש באַ מיינעם אַ באַקאַנטן. און ווען איך האָב עס דורכגעלייענט האָב איך נאָך אַמאָל איבערגעלעבט דאָס שוין לאַנג דורכגעלעבטע און עס האָבן אויפגעטויכט באַ מיר בילדלעך, וועלכע זיינען הונדערט פּראָצענט אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס עס איז געשריבן אין בוך „אונדזער לאָדזש".

יאַנקעוו גזשיוואַטש
לאָדזש

...„איך דאַנק אייך זייער פאַר דעם זשורנאַל „אונדזער לאָדזש". ער איז גלענצנד אַרויסגעגעבן און עס האָט מיר פאַרשאַפט פיל נאַכעס, וואָס אונדזערע לאָדזשער אין אַרגענטינע קאָנען זיך פאַרגינען אַף אַזאַ לוקסוס, און זיי שטייען נישט אָפּ און גרייטן זיך שוין צו אַ צווייטן נומער, וועלכער וועט זיכער קוואַליטאַטיוו נישט אָפּשטיין פון ערשטן נומער.

איך שיק אייך מיין האַרציקסטן יאַשער קויעך, און ווינטש, אַז אייער אַרבעט זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג".

מאַרקאָס יאַקובאָוויטש
פּאָרטאָ־אַלעגרע — בראַזיל

GENTILEZA
SIMON SALZBERG y Sra.
TERRERO 365
T. E. 63 - 0718

ADHESION
M. OBARZANSKY
J. M. Moreno 654

חזן אַהרן גוטמאַן
אונדזער בען־איר וואָס באַשיינט אַלע אונדזערע סימכעס מיט זיין פרעכטיקער נעגינע

Remedios Escalada de San Martín 778 - Dpto. 2
T. E. 58 - 0516

מאַזלטאָוו **מאַזלטאָוו**

מיר באַגריסן אונדזערע ליבע שוועסטער און שוואָגער

זלאטע און מענדל
קאזלאווסקי

צו דער פאַרלאָבונג פון זייערע ליבע זין

דאָוויד און עפראַים

מיט די פריילנס

קאָקאַ באָרענשטיין

— און —

סעליאַ פריימאַן

אונדזערע טייערע פלימעניקעס — די ליבע כאָסן־קאַלע פאָרלעך — ווינטשן מיר אַ סאַך גליק.

לייע באָראָכאָווסקי דע שולץ (ייסראָעל)
דאָוויד באָראָכאָווסקי (דייטשלאַנד)
שמועל יאַנקל באָראָכאָווסקי (לאָדזש — פוילן)

TEATRO SOLEIL

CORRIENTES 3150 T. E. 86 - 2307

דירעקציע: שטראַמער — פעלץ — פעלדבוים און נאַרעפקין

די שטענדיקע היים
פון בעסערן
יידישן טעאַטער

באַ אונדזער צוריקער פון דער רײַזע איבער אייניקע אייראָפעיִשע לענדער און ייִסראָעל ברענגען מיר מיט די גרוסן פון די טויזנטער לאָדזשער, וועמען דער ביטערער גורל האָט צעזייט און צעשפרייט ווײַט פון אונדזער היימשטאָט מיט וועלכער זיי זײַנען מיט טויזנטער פעדים פאַרבונדן. זייערע וואַרעמע לאַנדסמאַנשאַפטלעכע גרוסן פאַר אַלע לאָדזשער אין אַרגענטינע

הילעל גאָלדרינג און פרוי

איך באַגריס דעם

לאַנדסלײַט פאַרײַן פון לאָדזש און אומגעגנט

צום דערשײַנען פון צווייטן נומער „אונדזער לאָדזש״ און ווינטש זיי דערפאָלג אין זייער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער טעטיקייט

יאָסעף גליקסמאַן

צום אָנדענק פון אונדזער ליבן פאָטער

יִיסראָעל ראָזענטאַל

װעלכער איז געװען אײנער פון די ערשטע לאָדזשער װעלכע זײנען אָנגעקומען קײן אַרגענטינע. אַן ערלעכער און אַרבעטסזאַמער — װעמענס אָנדענק עס װערט באַערט פון אַלע לאָדזשער, האָט ער קײנמאָל נישט פאַרגעסן און איז געװען ענג פאַרבונדן מיט אונדזער הײמשטאָט.

מיט ליבע און קאָװעד דערמאָנען אים זײנע קינדער.

יאַנקל, ראַמאָן און כאַנע

אײביק װעלן טײער האַלטן אײער אָנדענק, ליבע ברידער, שװאָגערס און שװעגערנס

יִיסראָעל יאַנקעװ װעגװײזער און יִיצכאָק אַרן װעגװײזער און זײערע ליבע פרויען

זאָל אונדזער קלאָלע פאַלן אַף די קעפּ פון די מערדער װעלכע האָבן פאַרשניטן אײערע יונגע לעבנס.

סאָרע און מענדל לײב מאַנדראַװיטש

די עלטערן און קינדער ראַשער — אומגעקומען דורך די נאַציס

יזכור!

צום הײליקן אָנדענק פון אונדזערע אומפאַרגעסלעכע עלטערן:

לײבל און **ריװקע ראַשער**; שװעסטער: **דװױרע-בלומע** (װאָלקע); **סאָרע-בײלע** און **באַיע-גיטל**; ברידער: **יױסעף** און **דאָװיד ראַשער**

װעמענס בליענד לעבן עס איז אַף אַן אַכזאָריעסדיקן אױפן פאַרשניטן געװאָרן דורך די מערדער פון אונדזער פאָלק.

אײביק װעלן מיר טײער האַלטן אײער אָנדענק און האַסן אונדזער פאָלקס־מערדער אין אַלע צײטן און אַף אַלע ערטער און דערמיט מעקאַיעם זײן אײער צאַװאָע אין די מאָמענטן פון אומקום, װי געטרײע יאָרשים אײערע און אונדזער גאַנץ פאָלק.

כאַים בער ראַשער (בוענאָס־אײרעס)

מאַשע העסע ראַשער דע פראַנקענשטײן (יִיסראָעל)

היילק און אייביק וועט אונדז בלייבן אייער ליכטיקער
אָנדענק אונדזערע טייערע ברידער און שוועסטער,
שוואָגער און שוועגערנס

אביש, כיל, מוישע און סאָרע

וועמענס לעבנס עס זיינען יונג פאַרשניטן געוואָרן דורך דער מערדערישער האַנט פון נאַצי־מערדער.

קאָלזמאַן מיר וועלן לעבן וועלן מיר באַוויינען אייערע יונג־פאַרשניטענע לעבנס און מיר וועלן נישט געפינען קיין טרייסט נאָך דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאַמיליע.

וועלוול און הינדע זאנגער

יזכור!　　　　　　　　　　יזכור!

הערש לעווקאָוויטש און מוישע בער לעווקאָוויטש



טאַטע און קינד — אונדזערע אומפאַרגעסלעכע מאַן און טאַטע, זונדעלע און ברודערל, וואָס זיינען אומגעקומען דורך דער נאַצישער כאַיע אין מענטשלעך געשטאַלט.

אייביק וועלן מיר אייך באַוויינען און געדענקען.

כאַנע און כאַיע לעווקאָוויטש

צום אייביקן און הייליקן אָנדענק פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן ברודער און שוואָגער

אַרן וויטאַנסקי

וועלכער איז אַזוי מערדערלעך אומגעקומען דורך די נאַצישע בעסטיעס.
אייביק וועלן מיר דיך געדענקען.

דאָראַ און כאָסע קאַרטאָווסקי

צום ליכטיקן אָנדענק פון די יונג־פאַרשניטענע קינדערלעך

מיין ברודער אַרנס מיידעלע

פּאָלטשא זשוראָוו





מיין ברודער יאָסלס ייִנגעלע

יולעק זשוראָוו



און דאָס קינד פון מיין שוועסטער
לייע זשוראָוו דע פעלד

פייגעלע פעלד

ווען דער אומענטשלעכער מערדער האָט אַזוי אומבעראַכמאָנעסדיק אומגעבראַכט צוזאַמען מיט די מיליאָנען יידישע לעבנס.

זאָל דער פריצייטיקער אומקום פון די טייערע יידישע קינדער זיין אַ רוף צו נעקאָמע אין די כאַיעשע מערדער, און אַ וואָרענונג, אַז אַזאַ אומדערהערטער פאַרברעכן זאָל זיך קיינמאָל נישט איבערכאַזערן.

פעלא זשוראָוו דע גראַנעק

אין הייליקן אָנדענק פון אונדזער ליבע אומפאַרגעסענע עלטערן

מיכאעל אַרן און ריווקע סיוואַצקי

און שוועסטער

עסטער

וועלכע האָבן געטיילט דעם גויראל פון פוילישן יידנטום, אומקומענדיק דורך די נאַצישע מערדער.

זאָל דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אונדזערע עלטערן און שוועסטער זיין געהייליקט און איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער, און אונדזער האַס צו זייערע מערדער וועט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן. קאָוועד זייער אָנדענק.

וואָלף סיוואַצקי און פרוי און פאַמיליאַרן



צום אייביקן אָנדענק פון מיין טאַטן

זעליק גאָרניצקי

וועלכער איז אַזוי אַכזאָריעסדיק לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן אַף דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד.

אָשער גאָרניצקי

צום אָנדענק פון מיינע ליבסטע — די ליכטיקע געשטאַלטן
פון מיין טאַטן

הענעך קאַרטאָװסקי

און מיין ברודער

שימשון קאַרטאָװסקי

זאָלן די װערטער דינען װי אַ מאַציײװע פאַר זײער געביין, װאָס איז ערגעץ געבליבן אַף די פײנלעכע װעגן פון דעם פּױלישן יידנטום, װאָס איז געטריבן, געיאָגט, געפּייניקט און אומגעבראַכט געװאָרן דורך די נאַציס.

יאָסל קאַרטאָװסקי

צום ליכטיקן אָנדענק פון מיין טײערער שװעסטער

טשארנע גראַנעק

און די יונג־פאַרשניטענע לעבנס פון די קינדערלעך פון מיין שװעסטער

איטע גראנעק דע טוגענטמאַן

כײעלע עסטערל און סימכעלע

אַט די יונגע בליענדיקע לעבנס װעלכע זיינען אַזױ אַכזאָריעסדיק אומגעבראַכט געװאָרן. אייביק װעלן אונדז לויכטן אַט די ליכטיקע ליבע געשטאַלטן, און אייביק װעט ניט געשטילט װערן אונדזער װייטיק און דורשט נאָך נעקאָמע אין די מערדער.

כוליאָ גראַנעק

אין אָנדענק פון אונדזערע ליבע ברידער און שװאָגערס

גערשון העלפּנבױם

מאָרדכע העלפּנבױם

און זײערע פרױען און קינדער

װעלכע זיינען אומגעקומען אַף אַן אומדערמידלעכן אױפן דורך די נאַצישע ראָצכים.

אייביק װעט זײער אָנדענק זיין איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער, און אייביק װעט נישט פאַרלאָשן װערן אונדזער האַס צו די בלוטיקע מערדער.

קאָװעד זײער אָנדענק!

דאָװיד און פעני העלפּנבױם

דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער פאָטער, דער ראַדיגאָשטשער וועבער

כיל בער ליבערמאַן

פאַרצייכענען מיר, זיינע קינדער, אונדזער גרויסע ליבע צו אים און אונדזער גרויסן צאַר און ווייטיק, וואָס זיין הערלעך לעבן איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די מערדערלעכע נאַציס.

קיין שום טרייסט איז נישטאָ צו דעם גרויסן אומגליק.

אווראָם ליבערמאַן (ישראל) **פינכעס ליבערמאַן** (שוועדן)
מוישע ליבערמאַן (פאַריז) **כייע מירל ליבערמאַן**

זאָלן די פאָר ווערטער דינען ווי אַ דערמאָנונג די ליכטיקע געשטאַלטן פון מיינע ליבע, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פון נאַצישן מעסער

מיין פרוי

כאַיע,

מיין זון

שלוימע,

ברודער

יאָסעף,

מיין שוועסטער

סאָרע

און איר מאַן
און קינדער



אייביק וועל איך אייך געדענקען און באַוויינען און באַקלאָגן דעם גרויסן אומגליק.

נויעך ריזא

צום אייביקן אַנדענק
פון מיין מאַן

שלוימע סימכע קאַראָ

וועלכער איז געשטאָרבן דעם 8טן פעברואַר 1949, אין עלטער פון 58 יאָר.

זיין אָנדענק וועט אייביק בלייבן באַ די אַלע לאָדזשער וואָס האָבן אים געקענט.

כאַיע קאַראָ



צום אייביקן אָנדענק פון אונדזערע טייערע וועלכע
זיינען אַזוי מערדערלעך אומגעקומען דורך די
נאַצישע מערדער:
אונדזער פאָטער: **שלוימע**; ברודער **מאָרדכע**;
שוועסטער **פייגע**; שוועסטער **כאַנע** און איר מאַן
כאַצקל פארנעשטעווסקי און זייער קינד
מוישעלע.
אייביק וועלן מיר זיי געדענקען!
אווראָם און כאים באביאצקי
און פאַמיליעס

פאָטער:

שלוימע הערש צוקערמאַן — זון פון ייסראָעל, אומגעקומען אין דער לאָדזשער געטאָ, אין דער באַווּסטער מאַגייפע פון דיזענטעריע, אויסגייענדיק אין קעטשל אַפן וועג צום שפּיטאָל, אין עלטער פון 55 יאָר, 26 טעג אין כוידעש אָוו ה'תש"א.

מוטער:

דווירע פלאמענבאום — טאָכטער פון איסעמאַר, פון מאַן צוקערמאַן, זיך געמוטשעט אין לאָדזשער געטאָ, אין שטענדיקער טויט־שרעק, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פאַר דער יידישער פּאָליציי און דייטשע שטורעם־טרופּן אַף נישט אָפּגעשיקט צו ווערן אין קרעמאַטאָריום ביז 1944, ווען זי האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, אין עלטער פון 56 יאָר, 2 טעג אין כוידעש ניסן תש"ד.

ברודער:

סאַמער צוקערמאַן — זון פון שלוימע, הערש, באַם ליקווידירן דעם לאָדזשער געטאָ, אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. זיך פאַרשריבן דאָרט אַף אַרבעט קעדיי זיך צו ראַטעווען פון דערבייאיקן קרעמאַטאָריום. נישט באַווּסט ביז היינט ווו ער איז אַהינגעקומען.

באַ זייער הייליקן אָנדענק שווערן מיר קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן די מערדער פון אונדזערע עלטערן, ברודער און פאַמיליע און ווי אַ צאַוואָע איבערגעבן צו די קומענדיקע דוירעס.

אַרן און סאָפיע צוקערמאַן און פאַמיליע
שמועל און סעלינאַ צוקערמאַן

MODAFINA

Confecciones Finas
para Señoras

PASO 493
T. E. 48-3518

**Fábrica de
Tejidos de Seda**

GREGORIO IDELSON

Fábrica:
Cnel. A. Figueroa 1253
Escritorio:
Cnel. A. Figueroa 1255
T. E. 59 - 6117

Bily
Artículos de Calidad

CARTERAS
GUANTES
BILLETERAS
CINTURONES
PILOTOS
VALIJAS
Sacos y Camperas de Cuero
Artículos de Viaje

LARREA 372
T. E. 48-8167 - Bs. Aires

GENTILEZA
Osvaldo Hochguelernter
LANUS

GENTILEZA
SAMUEL KRIVOPISK
LANUS

FABRICA DE TEJIDOS
"LOMASTEX"
De A. S. GUTMAN

Portela 631 - T. E. 243-3780
LOMAS DE ZAMORA

ISRAEL SENDEROVICH

Av. PERON 2001
BANFIELD

GENTILEZA

SIMON CIALIC

MENAJEM GOLDRING

SAN PEDRO 502
VILLA LYNCH

GABRIEL FRIDLEVSKY

BAUNES 1616

Sastrería "STANDARD"

BELGRANO 241 T. E. 755 S. Martín 1685
SAN MARTIN F.C.N.G.B.M.

Confecciones Finas para Niños y Jóvenes
TALLERES PROPIOS
E R K I
S. R. L. - Cap. $ 100.000.-
ABRAHAM BABIACKI - Socio Gerente
Talleres y Administración:
TRES ARROYOS 285 T. E. 54 - 3142 - 0528

Calzados **"ALMAGRO"**
SALDOS FINOS DE OCASION
José Kartowsky
Nos especializamos en MUESTRAS Finas

Av. CORRIENTES 4057
T. E. 86 - 3412
BUENOS AIRES

PELETERIA "JACO"
Pieles Finas

J. ALVAREZ 1985 T. E. 71 - 9648

F A R T E X
FABRICA TEXTIL ARGENTINA
BLUTRACH e Hijos y SPIEGELMAN
FABRICA:
MARIA ASUNTA 441 T. E. 755-1509
ESCRITORIO:
CATALINA 346 SAN MARTIN

GENTILEZA

PIELES WOLF

M. Zilberman

CORRIENTES 2463 - 7º Piso
T. E. 48 - 0249

MAYER Hnos.
ALHAJAS - BRILLANTES

Particular:
B. SUR MER 364 - P. 1 - B
T. E. 62 - 5727

CASA KALISZ
CONFECCIONES FINAS PARA
SEÑORAS
VENTAS POR MAYOR

PUEYRREDON 1094
T. E. 78 - 3240

IMPORTADORES - EXPORTADORES
FABRICANTES Y TERMINADORES
LITO S. R. L.
Capital: $ 300.000.00 m/n.
TEJIDOS EN GENERAL POR MAYOR
Exposición y Ventas:
PASTEUR 203
T. E. 48 - 8826

A. ZAKS
FABRICACION Y VENTA DE
ALHAJAS

PASO 432 - Dpto. 3
T. E. 62 - 9491

GENTILEZA
Jacobo Senderovich
LANUS

GENTILEZA
SAMUEL PODOSTROIETZ
LANUS

Ernesto Simcovich
FORRERIA DE SEDA
●
CASTELLI 287

MODAS
JACOBO OLUB
LAPRIDA 185 LOMAS DE ZAMORA

Uscher Frenkel

ROSALES 188
VILLA LYNCH

FABRICA DE TEJIDOS DE PUNTO
— de —
M. SZEINBAUM
LOYOLA 452 - T. E. 54-4595 - Bs. As.

JAIME CYMBERKNOP

N. N.

GENTILEZA
NATALIO ZAKS
LANUS

M. DUEK Hno. & Cía.
INDUSTRIALIZACION E IMPORTACION
SEDAS EN GENERAL
VENTAS POR MAYOR

LAVALLE 2446 L. 18

TEJEDURIAS DEL SUD

Soc. de Rsp. Ltda.

CARLOS CROCE 2157 T. E. 242 - 2178 — BANFIELD

R. DE ESCALADA — F.C.N.G.R.

Concordia Textil

S. R. L.

Hilandería y Tejeduría

ZARATE 768 T. E. 755-0938

VILLA LYNCH

MODAS

BINA

ARTICULOS DE

Señora y Bebé

— de —

J. KUTNER

T. E. 1652 OLIVOS

1316 — R. Gutiérrez — 1326

PIELES

RAFAEL ZONABEND

SANTA FE 3257 Bs. AIRES

SASTRERIA FINA

Josue Waichman e Hijo

VALENTIN GOMEZ 3621

T. E. 79 - Gómez 1720

Buenos Aires

ADHESION

CASA ITURRAT

Soc. Anón. Com.

ALSINA 2228/52

GENTILEZA

A. L. MROZ

A. FEFER

PATRICIOS 1502

T. E. 21, Barracas 4511

Jacobo Davidzon

CARLOS PELLEGRINI

701

ADHESION

Farmacia "SAN JACOBO"

— de —

BENITO MENDEZ PEÑA

Corrientes y Ecuador

CAJA POPULAR VILLA MITRE

Soc. Coop. Ltda.

Autorizada por el Sup. Gob. de la Nación

Créditos Liberales

Dto. ALVAREZ 2127 - 31

T. E. 59-7020

GENTILEZA

LEMPEL & Cía.

SANABRIA 2651 BUENOS AIRES

Gentileza

WOLF FUKS

ESPINOSA 2275

ROPERIA

Smulevich Hnos.

VERA 524

ADHESION

JULIO ZUKERMAN

FABRICA DE TEJIDOS DE LANA

S.LEWOVICZ y Cía. S. R. L.

Capital: $ 200.000.00

Fca.: Rodríguez Peña 299 - San Martín

Escritorio: NAZCA 3231 - Buenos Aires

M. FLAUMBAUM

TEJIDOS EN GENERAL

Dr. N. QUIRNO COSTA 318

Bueno s Aires

Aarón Mondrovich

JOSE PIAGGIO 172

VILLA LYNCH

GENTILEZA

IDL KURTZBARD

CUCHA CUCHA 1969

HARTMAN Hnos.

TEJIDOS EN GENERAL

VENTAS POR MAYOR

★

La Haya 4079 T. E. 51-7483 y 6594

ADHESION

JAIME JAIUT

*

LAVALLE 3461

RAIZMAN

Hnos.

FABRICA DE TEJIDOS

RODRIGUEZ PEÑA 590
T. E. 755, San Martín 1176
Villa Lynch

TINTORERIA

JUAN MAS

HIDALGO 676

TALLER DE BORDADOS *"GLORIA"*

VAINILLAS — PLEGADOS Y BOTONES

Especialidad en Bordados Finos para Vestidos

MARCOS HERSZKOWICH

ECUADOR 475 T. E. 62 Mitre 4831 BUENOS AIRES

CASA BLUMENZON

Confecciones Finas para Señoras y Niñas

— D E —

L. I. BLUMENZON

VENTAS POR MAYOR

SARMIENTO 3034 T. E. 62 - MITRE 3160

Naftulewicz, Zemseras y Cía.

Fábrica de Tejidos de Seda

Concepción Arenal 4825
T. E. 54-4098

Geber & Rozen

CASA "GERO"

FABRICA DE ARTICULOS DE
LENCERIA y TEJIDOS de PUNTO

LARREA 341
T. E. 48-0938
Buenos Aires

GENTILEZA

J. KUPERMINC

CHUBUT 4553
LANUS OESTE

Rozenbaum e Hijos

FABRICA DE SEDA

•

RAULIES 1965-67

GENTILEZA

Lázaro Apteiker

LANUS

GENTILEZA

MASS y FRIDLEWSKY

PAMPA 4755

J. Chmiel

CORRIENTES 6065

GENTILEZA

H. GOLDSMITH

ADHESION

Z. ROTBERG

ADHESION

LENGER & Cía.

Canning 171 - Bs. Aires

JOSE KORMAN

PEDICURO DIPLOMADO

50 - 815
T. E. Paz 0120
LA PLATA

Dirección Cablegráfica:
"EMKAFUR" BAIRES

Mauricio Kassner

Exportación e Importación de
PIELES
CHARCAS 1671
T. E. 44-5608 - Buenos Aires

ELIAS WAICHMAN

ARTICULOS PARA
BEBE

ESPERANZA 562 - Dto. C
T. E. 62-6912 - Buenos Aires

FIAMBRERIA Y
QUESERIA

"ANITA"

GAONA 2396
T. E. 58-0985 - Buenos Aires

FCA. DE TEJIDOS DE LANA,
ALGODON Y ANEXOS
— de —

L. UNIKOWSKI

Fábrica: San Pedro 936
Villa Progreso - F.C.N.G.B.M.
Escrit.: Av. 17 de Octubre 2706
T. E. 55-0528

CASA "PINKUS"

CONFECCIONES FINAS
PARA SEÑORAS
Y NIÑOS

Córdoba 2761
T. E. 42-6763 - Buenos Aires

LUIS ADELFANG

FABRICA DE SEDA

●

R. GUTIERREZ 782 RAMOS MEJIA

MIGUEL BESERMAN

FABRICA DE TEJIDOS DE SEDA, ALGODON Y MEZCLAS

MARIA ASUNTA 395
San Martín - F. C. N. G. B. M.
. E. 755-1884

Mendel Brzustowsky

FABRICA ARGENTINA DE TEJIDOS DE SEDA

ARTEX

SAN MARTIN - F. C. G. B. M.

ALVEAR 231 - T. E. 755-1007
(Alt. 3 de Febrero 800)

QUINAS TEXTILES

EX S. R. L.

4.500.000

QUINAS EN FUNCIONAMIENTO
DUSTRIA TEXTIL DEL PAIS



TELAR PARA LANA

Cajón con cuatro divisiones por lado y hasta siete Lanzaderas. Ratier para 25 Calcas a Rodillo. Regulador de pasadas positivo y/o negativo. Paratamsa central.

es necesario mejorar la calidad
Pro-Calidad —

T. E. 755 { **2591**
San Martín { **2592**

FABRICA DE M

FAMAT

CAPITAL m$

CERCA DE CUATRO MIL M
AL SERVICIO DE LA

TELAR PARA SEDA

Modelo con Ratier de costado para 24 Lamas. Suspensión lateral de Lizos. Cambio de Cajones con escape a Bolilla. Movimiento del Ratier con retroceso.



No basta incrementar la producció
— Campaña

FRANCIA Esq. PILAR
San Martín F.C.N.G.B.M.

"NUESTRO LODZ"

AL editar, hace aproximadamente un año, el primer número de "Nuestro Lodz", hemos intentado contribuir a enriquecer la literatura judía, que tiene por principal objeto perpetuar las costumbres, creaciones artísticas y literarias de la vida judía en la Europa oriental, y recordar la sangrienta y a la vez heroica página que, bajo la ocupción del verdugo hitleriano, sufrió nuestro pueblo natal.

La bestia nazi, que segó brutalmente millones de vidas judías en Polonia, aniquiló, juntamente con su existencia física el rico manantial de cultura judía, fuente inagotable del saber, arte y ciencia judíos que nutría espiritualmente a todo el pueblo dondequiera se hallara disperso.

Después de la horrible catástrofe los historiadores sobrevivientes se dieron a la tarea de trasplantar al viejo árbol de la historia judía esta joven y sangrienta rama, capítulo de martirio y heroismo que con letras de fuego quedará grabado para siempre.

El pueblo judío sobrevivió, como tal, una vez más a la catástrofe y hoy asistimos a la reconstrucción paulatina de una vida judía en Europa y al extraordinario desarrollo y construcción acelerada del estado judío, que absorbe anualmente centenares de millares de sus hijos dispersos a quienes productiviza y capacita para una vida normal y digna en su propia tierra.

:: :: ::

Nosotros aquí captamos perfectamente el ritmo de la vida judía y tratamos, en forma orgánica, de ser un factor dinámico dentro de la misma. Nuestra actividad social, cultural y de ayuda se circunscribe por cierto a la vida de nuestra colectividad local, tomando parte activa en todas sus manifestaciones.

Pero con la edición del primer número de "Nuestro Lodz", hemos salido decididamente —a juicio de periodistas y críticos— del marco de la actividad cultural local para llegar a lectores de lejanos países.

También las cartas y los mensajes que hemos recibido del exterior, de Israel, Francia, Polonia, EE. UU., Canadá y Brasil, de donde se nos volvió a solicitar el envío de ejemplares del Anuario, atestiguan lo antedicho.

No pretendemos ocupar un sitial entre los historiadores judíos. Estamos convencidos que no bastan las actividades sociales y de ayuda mutua para dar vida a nuestra Institución, que son imprescindibles las actividades culturales en vasta escala para unir más a nuestros asociados y rendir al propio tiempo un homenaje y perpetuar la memoria de nuestros heroicos hermanos, continuando modestamente la gran obra cultural que ellos forjaron.

Las críticas favorables y las palabras alentadoras han sido un estímulo para continuar nuestros esfuerzos en pro de la edición del segundo número de "Nuestro Lodz" que presentamos a nuestros amigos, y cuyo contenido —así lo esperamos— no desmerecerá la favorable acogida del primero.

לאַנדסלייט פאַריין פון לאָדזש און אומגעגנט

אין סאַלאָן C. E. A. בוסטאַמאַנטע 463

נאָוועמבער

4

זונטיק

20 אזייגער

גרויסע פייערונג

צום דערשײַנען פון צווייטן נומער

„אונדזער לאָדזש"

און אַן אויפנאַמע פאַר אונדזער פרעזידענט

הילעל גאָלדרינג

צו זײַן צוריקקומען פון אַ רײַזע איבער אייראָפּע און ייִסראָעל

קיין שום לאָדזשער טאָר ניט פעלן אַף דעם טאָפּלטן יאָנטעוו

די פאַרוואַלטונג פון לאַנדסלײַט פאַריין פון לאָדזש און אומגעגנט

(אויסגעוויילט דעם 7־טן אקטאבער 1951)

פאַרזיצער — — הילעל גאָלדרינג
1־טער וויצע — מענדל לייב מאָנדראָוויטש
2־טער וויצע — מענדל קאָזלאָווסקי
סעקרעטאַר — לעאָן פאָגיעל
פּרא־סעקרעטאַר מיגעל יאַקובאָוויטש
קאַסיר — — — מאַרקאָס הערשקאָוויטש
פּרא - קאַסיר — לייווי בלומענסאָן

וואָקאַלן:

איסאַק קורצבאַרט, כאַים גאַטליב, אבראַם מרוז, כיל ראָזען, מוישע פלאַמבוים, מאַקס ראַשער, אבראַם זאַנגער, סאַול ווייכמאַן, וואָלף פוקס, סימכע סאַבאַצקי, כאַים קוטנער, נאַטאַליאַ ווייכמאַן, אדאָלפאַ פוקס, מענדל בזשוסטאַווסקי, כוליאַ גראַנעק, יאַקוב סענדעראַוויטש, כאַסע קאַרטאַפסקי, אבראַם גוטמאַן, גרעגאַריאַ קרופּקאַ און דאַוויד נאַפטאַלעוויטש.

רעכענונגס־איבערזעער:
ערנעסטאַ סענדעראַוויטש און ראָדאָלפאַ נאַפטאַלעוויטש.

פרויען־קאָמיסיע

זלאַטע קאַזלאַווסקי, מאַרישע ראָזען, פרעדאַ גאַלדפאַרב, קלאַראַ דע מרוז, מאַניע פלאַמבוים, פרוי אײַזענבערג, פּאַלאַ קוטנער, פרוי שוואַרצבערג, סאַראַ מאַנדראַוויטש, קלאַראַ קאַראַ, העלאַ זלאַטאַפּיוראַ, פרוי הערשקאַוויטש און פרוי גוטמאַן.

NUESTRO LODZ

Anuario de la Sociedad de Residentes de Lodz en la Argentina

NOVIEMBRE DE 1951 — Nº 2 Valentín Gómez 3243 — Buenos Aires

די אלעקסאנדראווער גאס (באלוט)

פיעטריקאווער גאס, לעבן זאוואדסקער גאס

דאָס אַלגעמיינע בילד פון אינדוסטריעלן לאָדזש ↓

Tall. Gráf. OPTIMUS S.R.L. - V. Gómez 2715-19